STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04500

GETSEYLTE TEG

Israel Dines Kolker

Permanent preservation of this book was made possible
by Betty Sorkowitz
in memory of
parents, Moishe & Sarah Friedman, lifelong supporters of Yiddish

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישׂראל דינעס קאָלקער

געציילטע טעג

ישׂראל דינעס קאָלקער

געציילטע טעג

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

תל־אביב, תשמ״ו—1985

Israel Dines Kolker
GECEILTE TEG

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל, תשמ״ו
Printed in Israel, 1985

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס „אורלי״, תל־אביב



אינהאַלט:

9 אַ פּאָר ווערטער צום לייענער

11 געציילטע טעג

66 נחמן

113 ...און אַ גאַנץ לעבן

153 אָפּפאַל

184 אַ קליינשטעטלדיקע ליבע און נאָך עפּעס...

אַ פּאָר ווערטער צום לייענער

די פאַרגעלייגטע דערציילונגען שפּיגלען אָפּ, אין אַ געוויסער מאָס, דעם וועג פון אַ טייל פון אונדזער בעסאַראַבער יוגנט וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אַ יוגנט וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון יידישיסטישער קולטור. זין און טעכ־טער פון שניידערס און שוסטערס, סטאָליערס און קאָוואַליעס, קינדער פון אָרעמע קרעמערלעך, גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס וואָס האָבן ניט געוווּסט ווּהין אַהינצוטון זייערע נאַיִוו־גלייבנ־דיקע הערצער. יונגוואַרג וואָס האָט געוואָנדן דעם בליק צו דער „שיין פונעם מיזרח", פאַרשפּרייט נאַיִווע פלוגבלעטלעך און גע־צאָלט דערפאַר מיט פאַרלוירענע יאָרן.

יונגע מענטשן אויף וועמען עס האָט ערשט געוואַרט די גרוי־סע אַנטוישונג, וועמען עס איז נאָך פאַרגעשטאַנען דורכצומאַכן דעם סטאַלין־גיהנום און די ביטערע און שווערע אויסניכטערונג.

זיי האָבן ניט געדאַוונט ניט אין דער וואָכן און ניט שבת. זיי זענען ניט געפאָרן צו קיין רבין. נאָר אַלע זיינען זיי געווען קינדער פון דעם יידישן פאָלק און מסירת־נפשדיק געדינט דעם יידישן גאָט פון צדק און יושר.

זיי האָבן אַ סך געגרייזט און אפשר ניט ווייניק שלעכטס געטאָן.

די קומענדיקע דערציילונגען זענען אַ פּרוּוו אין דער ריכטונג. אויף וויפל דער פּרוּוו איז געלונגען, זאָל מישפּטן דער לייענער.

ישראל דינעס קאָלקער

געציילטע טעג

נאָך מיטאָג האָבן אויפֿן אָפּגעבליאַקעוועטן הימל זיך אָנגערוקט שווערע, בלייענע כמאַרעס. זיי זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל געדיכטער, פֿינצטערער. געקראָכן איינע אויף דער אַנדערער, גרייט דורס זיין וועלטן.

ווינטן, פֿרעמדע, פֿון ערגעץ אָנגעלאָפֿענע, האָבן אָנגעבראַכט גאַנצע וואָלקנס שטויב און זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיי אין אַ ווילדן טאַנץ. געבראָכן צווייגן, געריסן הילצערנע פּאַרקאַנעס. אָפּגעבלאָזן זייערס, זיינען די ווינטן אַוועק צו זיך אין ווינטלאַנד און ס'איז מיט אַ מאָל געוואָרן שאַ, שטיל. באַלד האָבן בליצן אַ פּאַסעווע געטון די אַנטשוויגענע וועלט. שווערע דונערס האָבן צעטרייסלט דאָס פּאַרטייעטע שטעטל, ביז די ערשטע גרויסע טראָפּנס האָבן אַ פּרווו געטון די ערד: — יאָ, זי נעצט זיך!

און עס האָט אַ ליאַפּע געטון דער אמתער גאָסרעגן. ניט קיין רעגן, נאָר אַ מבול!

אויף נח גאַרבער האָט דער רעגן אָנגעיאָגט אַ שלאָף. האָט ער געכאַפּט אַ פֿעסטן דרימל ביי זיך, אויף דעם ברייטן דיוואַן. אויפֿגעכאַפּט זיך שוין נאָך אַלעמען, ווען די כמאַרעס זיינען שוין אַוועק. ס'זיינען שוין אָפּגערונען, באַרג־אַראָפּ, אַלערליי קויטיקע ריטשקעס. און די ביינאַכטיקע גאַס איז געלעגן אַ שטילע, אַן אויסגעקילטע, אַ פֿריש אויסגעצוואָגענע. אין גאַנצן איינגעזונקען אין ריינעם לבנה־זילבער.

די פֿענצטער אין עסצימער זיינען שוין ווידער געווען ברייט צעעפֿנט. אויפֿן טיש האָט געוואַרט דער סאַמאָוואַר. און ווי אַלע אָוונט, איז דער „בן" זיינער געזעסן ביי דעם ניט לאַנג געקויפֿטן „טעלעפֿונקען".

דער יורש זיינער האָט הנאה, ניט אַזוי פֿיל פֿון דער מוזיק, ווי פֿון דעם וואָס אונטער די פֿענצטער קלייבט זיך צונויף אַן עולם פּוסטעפּאַסניקעס, אומזיסטע הערערס.

צוליב אָט די אומזיסטיקע צוהערערס שטעלט ער אָפּט מאָל אָן דעם ראַדיאָ־אויפֿנעמער אויף מאָסקווע. עמך הערט יידישע לידער. עמך קוויקט זיך — צוקער־זיס!

נח גאַרבער איז ניט אַבי ווער. אים וועלן די זשאַנדאַרמען ניט טשעפּען.

נח הערט יאָ און הערט ניט. ענגלאַנד גיט איבער די לעצטע נייעס אויף רומעניש. פרעגט אים בחרם: צוליב וואָס דאַרף ער זיי? ס'וועט אים דען העלפן צו דער פּרנסה? נאַר וואַרט! וואָס האָבן זיי נאַר וואָס געזאָגט וועגן בעסאַראַביע?!... — וואָס הייסט, רומעניע וועט אומקערן בעסאַראַביע די רוסן? — ווּעמען אומקערן!? דעם באָלשעוויק!?

די נייעסן האָבן זיך שוין געענדיקט. סע שפּילט שוין דאָרטן, דער רוח ווייסט וואָס!...

רעד צום דאַשיק! ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און געפרעגט ביי די וואָס שטייען דאָרטן מיט די אָפענע מיילער.

— סטייטש — וואָלט ער זיי געפרעגט — ווו איז גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן?!... נאַר ווּעמען וועט ער דאָרט פרעגן? — ווער שטייט דאָרטן? נחות־דרגא!

מיט איין דריי שליסט ער אויס דעם „טעלעפונקען” — גענוג! ער וויל מער ניט הערן גאָרניט! ער רופט אַריין די דינסט און הייסט איר פאַרמאַכן די פענצטער.

אין דרויסן איז אַ גיפטיקע קעלט! און בכלל — צייט צו שלאָפן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי ציביה וואָלעך איז מען, ווי אַלע טאָג, אויפגעשטאַנען מיט דער זון. נאָר ביז מען האָט געענדיקט דאָס וואַשן און קאָכן די וועש, ביז מען האָט איבערגעשווענקט און אָנגעקראָכמאַלעוועט, ביז מען האָט דאָס אַרויסגעהאַנגען טריקענען איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. מען האָט אויף גיך אָפּגעגעסן, משה האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט און רחלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּרעסן די ערשטע דינע שטיקלעך טרוקענע וועש.

עס האָבן זיך אָנגערוקט פינצטערע כמאַרעס. נאָר דאַנקען גאָט, דאָס געוועש האָט באַוויזן אויסצוטריקענען. אין צווייען, מיט דער מאַמען, האָבן זיי עס ממש אַראָפּגעכאַפּט פון די שטריק און אָנגעוואָרפן אויפן פאַרבעטן בעט.

אָנגעיאָגטע ווינטן האָבן גענומען קערן דאָס שניידערישע געסל. געטראָגן גאַנצע הויפנס מיסט. די פאַרמאַכטע טיר און פענצטער האָבן ווייניק וואָס

געהאָלפן. דער שטויב איז אַריינגעדרונגען אומעטום. ער האָט געקריצט אויף די ציין.

די מאַמע האָט איינגעדעקט דאָס טרוקענע וועש מיט אַ ווייסן לײַלעך, סע זאָל דערויף קיין שפּרענקעלע ניט פאַלן — וואָרעם פּרווו אָפּטראָגן צירלען פוקס אויסגעשמירטע וועש!...

אין גיכן האָט דער ווינט אויפגעהערט און עס האָט אַ גאָס געטון אַ רעגן. איצט האָט שוין דער רעגן געשפּאַרט דורך ווי אַ שפּאַלט. די מאַמע האָט צעשטעלט ווי אַ שיסל און ווי אַ טעפּל, אומעטום ווו עס רעגנט אַריין. אין דרויסן האָט גערעגנט און גערעגנט און אין די צעשטעלטע כּלים האָט געקאַפּעט און געקאַפּעט. פון דעם ערדענעם דיל, פון דער טיר און פון די פענצטער האָט געצויגן מיט נאַסער קעלט. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און דער רעגן האָט נאָך אַלץ געשמיסן מיט קאַלטע בייטשן וואַסער.

די מאַמע האָט איינגעהייצט אויפן פּריפּעטשיק און צוגעשטעלט קאָכן וועטשערע. אַנצינדן דאָס לעמפּל האָט זיך ניט געגלוסט. איז מען געזעסן, געקוקט ווי עס ברענט דאָס פייער און געשוויגן. די מאַמע האָט אַוודאי געטראַכט פון שמואליקן. זי האָט מן־הסתּם ווידער געזען ווי מען פירט אים אַרויס פון דעם זשאַנדאַרמען־הויף מיט קייטן אויף די הענט. עס האָט דענסטמאָל, פּונקט ווי איצט, געליאַפּעט אַ קאַלטער רעגן. מען האָט אים אויפגעזעצט אויפן נאַסן וואָגן. דער שמייסער האָט אַ טרייב געטון די פערד. און ניטאָ מער שמואליק! אַוועקגעפירט האָט מען שמואליקן אין אָסטראָג!...

דער רעגן האָט סוף־כּל־סוף אויפגעהערט. ס'האָט זיך אויסגעלייטערט. די קאַרטאָפל האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעקאָכט און משה איז נאָך אַלץ ניטאָ פון דער אַרבעט.

געקומען איז משה בלייך ווי די וואַנט.

...זיי זיינען געשטאַנען ביי נח גאַרבער אונטער די פענצטער און געהערט ראַדיאָ. ער האָט אַליין, מיט די אייגענע אויערן געהערט, — ענגלאַנד האָט איבערגעגעבן — רוסלאַנד נעמט אָפּ בעסאַראַביע!...

ביי דער מאַמען ציטערן די הענט. ביי דער מאַמען ציטערן די ליפּן... זי וויל וויסן נאָר איין זאַך: — נו און שמואל?...

— —

נאַכט. אַ ווערסט צוואַנציק פון דער באַן, באַרג־אַראָפּ, צווישן פּעטע שוואַרצערדיקע פעלדער ליגט אַ שטעטל איינגעטונקען אין גערטנער. אַ שטעטל מיט אַ מיל, מיט אַ מאַרק, מיט צוויי קלויסטערס און אַ היפּשן צענדליק שולן. אַ שטעטל מיט קלייטן און קלייטעלעך, מיט גאַסן און הינטער־געסלעך, מיט פויערישע פאַרשטעט... ליגט אַ שטעטל אויסגעפּלאַסטערט מיט לבנה־ליכט און מאַכט זיך אַז עס שלאָפט. אויסגעלאָשן זיינען אַלע ליכט. פאַרהאַקט טיר און פענצטער. מען הערט ניט קיין פאַרשפּעטיקטע פּאָרלעך. מען זעט ניט קיין זשאַנדאַרם. אַפילו הינט האַווקען ניט.

ערשטער טאָג

די מיל פייפט. עס הייבט זיך אָן אַ וואָכעדיקער טאָג מיט אַ פולן מאַרק פויערישע פורן, מיט אַ דינגעניש ביי די שטעלן, מיט אַ פריילעכן געקלאַפּ פון ניימאַשינען און האַמערס אין אַלע הינטערגעסלעך.

עס גלייבט זיך יאָ און עס גלייבט זיך ניט: מענטשן האָבן זיך קוים דערוואָרט אויף די צייטונגען.

— ווייסעך וואָס! ניטאָ אין זיי אַפילו קיין רֶמז!

רעדלעך זאַמלען זיך און צעפאַלן זיך. נייעסן, ווי כוואַליעס, שפּרייטן זיך איבערן מאַרק:

— דער שעף דע פּאָסט,* טאָדאַראַש, ער איז נאָר וואָס דורכגעגאַנגען. צו דער וויגדערקע אין שענק איז ער געגאַנגען. — סע איז שוין יענץ מין גיין!...

— ער זעט אויס ווי אַן אָפּגעקאָכטער!

— מען ווייסט שוין אַקוראַט אַז „זיי" גייען אַוועק?

— ווער ווייסט?... איך וויים?...

— סטייטש, ענגלאַנד האָט דאָך איבערגעגעבן.

— וואָס זשע פרעגט איר מיך? פרעגט ענגלאַנד!...

* דער עלטסטער פון די שטעטלשע זשאַנדאַרמען.

— יִיד איינער! הערט וואָס מען זאָגט איך! אויף צווי אַ זייגער ביי טאָג רופט מען צונויף אַלע אָנגעשטעלטע אין דער פּרימאַריע *

— דער דעפּוטאַט זייערער, יאַרדאַקעסקו, איז נאָך פאַר טאָג אַוועק צו דער באַן. דער שמייסער זיינער האָט אַזוי געטריבן די פערד, גלייך ער וואָלט געיאָגט פון אַ מגיפה.

— נישקשה! גאָט וועט העלפן. עס וועט טאַקע קומען אויף זיי אַ מגיפה מיט זייער „קוזאַ" ** אין איינעם!

—הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן! סע קען זיך נאָך זיי גלוסטן פאַרן אַוועקגיין מאַכן אַ שטיקל פּאָגראָם.

— זאָל שוין אויף זיי קומען אַ שוואַרצער, פינצטערער סוף!

— וועט איך טאַקע טרעפן אַ גליק! סע וועלן, רב משה, קומען די חברימלעך — דיינס־מיינס שותפותדיקס!...

— מען ווייסט שוין אויף זיכער: אין דריי טעג דאַרף זיך „דער רומע־נער" פאַרנעמען פון דאַנען. ער טאָר קיינעם ניט טשעפּען. ער טאָר גאָרניט אַרויספירן.

דער שעף דע פּאַסט, טאַדאַראַש, אַ פינצטער לעבן אויף אים! ביי דער וויגדערקע אין שענק האָט ער געוויינט ווי אַ קליין קינד.

דער זשודעקאַטאָר *** פּאַקעוועט זיך שוין. זאַנוועל בענציעס האָט אַליין געהערט ווי יענער האָט געזאָגט: נישקשה! — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן אין גיכן זיך אומקערן!...

— אומקערן זאָל זיך דער נאָמען זיינער! טאַטעניו! פּאָטער!...

— —

אַברהם ליטמאַן איז גאַנץ פרי אַוועק אויפן ברעטערסקלאַד. חוה ליטמאַן האָט ניט צוליב וואָס אויפצושטיין אַזוי פרי, ווייל צוראַמען אין אַלע קילע צימערן וועט די דינסט. יענע האָט שוין אויסגעמאָלקן די קו און זי אָפּגע־טריבן אין דער טשערעדע. אַרום צען אַ זייגער וועט זי אַריינברענגען דער בעל־הביתטע אַ לייכטן פרישטיק און וועט זיך אומקערן צום געוועש וואָס

---

* שטאַטראַט.
** אָנפירער פון די אַנטיסעמיטן.
*** ריכטער.

זיי וואַשן דאָרט ביידע אין איינעם, די דינסט מאַריאַ און איר בת־יחידה בעלאַטשקאַ.

פון דער מאַמען האָט בעלאַטשקאַ געירשנט שוואַרצע געדיכטע ברעמען. שוואַרצע ווײַס און אַ צו־להכעיס פּייערל אין די גרויע אויגן. פונעם טאַטן — פולבלעכע רויטע ליפּן און אַ שווייגנדיקן עקשן.

— פרעג זי, צוליב וואָס איז זי היינט אויפגעשטאַנען פאַר טאָג? העלפט מאַריען וואַשן! אַ מיידל וואָס האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע. אַ קראַסאַוויצע! אַ חכמת! שפּילט זיך אין דעמאָקראַטיע! היינט די קאָמפּאַניע אירע! איין גאָט ווייסט אין וואָס פאַר אַ הינטערגעסלעך זי האָט זיי אָפּגעזוכט! די היינטיקע יוגנט! ניט זיי ווילן פאַרשטיין, ניט זיי קענען פילן איר, חוהס צאַרטע נאַטור!...

מאַריע, די דינסט, האָט ליב בעלאַטשקען — גיי האָב זי ניט ליב! אַז געזויגן האָט זי דיין מילך; געוואַקסן ביי דיר אויף די הענט. ביסט ניט געשלאָפן גאַנצע נעכט: בעלאַטשקע האָט זיך צוגעקילט! בעלאַטשקע מאַזלט, בעלאַטשקע האָט סקאַרלאַטינע!...

עס מאַכט זיך נאָר, די בעל־הביתטע נעמט דיר אַרויס די נשמה און דווקא מיט ווייכע ריידעלעך. מאַריע האָט פיינט די גאַנצע וועלט. זי טראַכט: „ווייסעך וואָס! אַלע קליינע הינטעלעך זיינען מלא־חן! עס וועט אויסוואַקסן, וועט עס זיין אַ הונט מיט הינט גלייך! דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונעם ביימעלע”!

דאָס „עפּעלע” איז היינט ווידער אויפגעשטאַנען פאַר טאָג. געהאָלפן אַנטראָגן וואַסער פונעם ברונעם און וואַשט מיט איר אין איינעם ווי אַן אמתע וועשערין.

דאָס „עפּעלע” אײַלט זיך היינט ניט צו גיין אין גאַס אַריין. יאָסל קושניר איז שוין ווידער מאָביליזירט. ער דינט אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן אין די בוקאָווינער קאַרפּאַטן. ער בויט דאָרט פאַרפעסטיקונגען אויף צו פאַרטיידיקן ראָמאַניאַ מאַרע,* די זעלבע „ראָמאַניאַ מאַרע” וואָס האָט אים ניט לאַנג אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה און וועמענס זשאַנדאַרמען זיינען יעדע מינוט

* גרויס־רומעניע.

גרייט אָפּשלאָגן אים די לונגען, אויסראַטן מיטן וואָרצל דעם פֿאַרשאָלטענעם יודעאָ־קאָמוניסט. אָן אים איז דער זומער קיין זומער ניט! און פֿון די לבֿנה־נעכט לאָמיר בעסער ניט טראַכטן!..

נאָך מיטאָג באַגעגנט בעלאָטשקע אין גאַס די מאַדאַם ביטנער. סאָניע ביטנער וויפֿל זי זאָל ניט קינדלען, בלייבט זי אַלץ מיידלש שלאַנק. ווי ביטער עס זאָל איר ניט זיין אויפֿן האַרצן, וועלן די צווײ חן־גריבעלעך אויף אירע פֿאַרפֿלאַמטע בעקעלעך סיי ווי סיי שמייכלען. דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע פּנים אירס וועט דעמאָלט זאָגן:

— מיר ביידע, אוי זיינען מיר די אמתע מבֿינים! אוי פֿאַרשטייען מיר זי גוט, די וועלט!

זי איז אַ געבוירענער דיפּלאָמאַט. ווען ניט זי, וואָלט דען דער לאָקש אירער געווען דירעקטאָר פֿון דער העברעיִש־רומענישער פֿאָלקסשול? ער האָט דאָך ניט קיין איין לייטישן דאָקומענט און איז ניט קיין ליבעראַל, ניט קיין צאַראַניסט, אַפֿילו ניט קיין ציוניסט! גלאַט אַזוי אַ ליטנע באַשעפֿעניש, אַ מלמד.

ווען יאָסל קושניר האָט זיך באַפֿרייט פֿון דער טורמע האָט אים דאָס „ליטנע" באַשעפֿעניש ניט אויפֿגענומען צוריק אַלס לערער אין שול. אין אַ לערער האָט זיך די שול דווקא געניטיקט. „יאָסל" — האָט ער געזאָגט — „דאַרף אַליין פֿאַרשטיין אין וואָס פֿאַר אַ צייט מיר לעבן"... דעם דעמאָלטיקן שמועס געדענקט די מאַדאַם ביטנער זייער גוט. דעריבער איז איצט פּונקט די צייט אַרויספֿאַלן, אין מיטן גאַס, בעלאָטשקען אויפֿן האַלדז און אַרומכאַפּן זי קושן:

— פּאָזדראַוולאַיו! מזל־טובֿ אייך, בעלאָטשקאַ! מזל־טובֿ!..

פֿון איר דערוויסט זיך בעלאָטשקע די גאַנצע בייעס.

בעלאַ, אויב זי האָט ביז הײַנט ניט געוווּסט וואָס ס'איז אַזוינס קאָפּ־דרייעניש, וועט זי שוין וויסן. זי וועט וויסן וואָס עס הייסט „ביי דעם מענטשן האָבן אָפּגענומען הענט און פֿיס". זי שטייט נאָך אַלץ אין מיטן טראָטואַר, כאָטש ווילן ווילט זיך איר לויפֿן. זי שווייגט נאָך אַלץ, כאָטש יעדער קעמערל אין איר וויל שרייען.

זי קלייבט איבער אין געדאַנק: צו ווענען, אַ שטייגער, פֿון די חבֿרים

קען זי אַריינגיין איצט אין מיטן העלן טאָג? די סאָקאָלאָווס זיינען אויף דער אַרבעט. וועלוול געלמאַן איז מאָביליזירט. סיידן — שימע גוראַלניק.

ווילן ווילט זיך איר גראָד פאַרנעמען לינקס, אַרויסגיין אויף איינעם אַ הינטערגעסל, ווו אין אַ האַלב פאַרזונקענעם ליימשטיבל וווינט משה־לייב דער טאַנדעטניק, משה־לייב קושניר, הערן ווי עס קלאַפּט דאָרט די ניימאַשין, ביי אָט דער ניימאַשין אַ פרעג טון:

— יאָסל! ניטאָ נאָך יאָסל?..

שימע גוראַלניק איז גראָד אין דער היים. ער האָט זיך נאָר וואָס אַרויס־געכאַפּט פון דער מיל.

—ביילע! — זאָגט ער — גוט וואָס דו ביסט געקומען. מיר דאַרפן דיך נייטיק האָבן.

אויבן אין גאָס, פון וואַנען זי איז געקומען, רופט מען זי בעלאָטשקאָ, בעלאָ. אײן יאָסל קושניר רופט זי ביילעניו. אויב נאָך עמעצער רופט זי אָן ביילע, פילט זי — עס שמעקט מיט יאָסלען. און נאָך הערט זי: „מיר״, „מיר דאַרפן דיך נייטיק האָבן!״ אויב אַזוי איז דאָך ניטאָ פון וואָס צו ריידן. זי איז גרייט!

היינט אויף דער נאַכט וועלן עטלעכע נייטיקע חברים זיך טרעפן ביי איר אין צימער. אַ טייל פון די חברים וועלן קומען מיט די גערטנער. איבעריקנס, שימעק וועט זיין. ער וועט זיי אַליין באַגעגענען.

איצט איז נאַכט. די געסט זיינען שוין אַלע בשלום דאָ. ביילקע זיצט אין דרויסן, אויף דער באַנק. זי שומרט.

דאָס פענצטער איז אָפן און כאָטש מען רעדט דאָרט שטילע רייד, הערט בעלאָ יעדעס וואָרט. עמעצער באַריכטעט דאָרט וויפל רויטע פאַנען מען האָט צוגעגרייט, און וואָס פאַר אַ פאָרטרעטן עס איז געלונגען צו געפינען, אויף צו באַגעגענען די רויטע אַרמיי. עמעצער לייגט פאָר: אַ טאָג אָדער צוויי זאָלן די קאָמפּראָמעטירטע חברים ניט נעכטיקן אין דער היים. ס'איז נאָך אַ פראַגע צי די זשאַנדאַרמען וועלן ניט אָפּטון עפּעס אַ מיאוס שפּיצל פאַרן אָוועקגיין. אין שטעטל, זאָגט ער, האָט מען מורא פאַר אַ פּאָגראָם. שווייגט מען אַ ווײַלע. גריגאָרע מעלניק הוסט פאַמעלעך אויס דעם הייזעריקן האַלדז.

— אויב ס'האָט זיך שוין אַזוי געטראָפן — זאָגט ער — אַז מען באַפרייט

אונדז פון אויבן, איז ניט באַהאַלטן דאַרף מען זיך. מען דאַרף נאָך היינט מאָבילירן אַלע חברים, די קאָמסאָמאָלצעס, די מאָפּריסטן, סימפּאַטיזאַנטן און גלאַט אַרבעטערס. אָרגאַניזירן אַ דרוזשינע אויף האַלטן אָרדענונג אין שטעטל. און ווי נאָר די זשאַנדאַרמען וועלן אַוועק, נעמען אין די הענט אַריין די מיל, די בוימל־פאַבריק און אַכטונג געבן מען זאָל גאָרניט אַרויספירן אויף יענער זייט פּרוט. ס׳וואָלט גוט געווען ווען מען קריגט אַפילו אַ ביסל געווער אויף דער צייט פון דער צווישנמאַכט.

שימע גוראַלניק ווייסט ווו מען קען קריגן אַ פּאָר פּיסטאָלעטן. וועט מען טאַקע שימעקן באַשטימען פאַרן אָנפירער פון דער צייטווייליקער דרוזשינע.

מען דאַרף נאָך צוגרייטן אַ צעטל פון די גבירים און זאָרגן זיי זאָלן ניט צעטאַשלעווען זייער פאַרמעגן...

עמעצער פאַרמאַכט דאָס פענצטער. וויטער, בעלאַטשקאַ, איז ניט דיין עסק.

איבער דעם שלאָפנדיקן שטעטל הענגט אַ גרויסע לבנה. ס׳איז שטיל. עס בלאָזט ניט קיין קאַפּעלע ווינט. איין גאָט ווייסט פאַר וואָס אין אַזאַ וואַרעמער נאַכט איז ביילען קאַלט. זי כאַפּט אַ ציטער.

ביי די ליטמאַנס, אין וויטן שלאָפצימער, שטויסט מען זיך אָן וואָס פאַר אַ געסט עס זיצן אַזוי שפּעט ביי בעלאַטשקען. מען ליגט אין די בעטן און מען הערט מיט האַרצקלאַפּעניש יעדן שאָרך אין גאַס. ווען אַברהם ליטמאַן זאָל זיך ניט שעמען פאַר זיין חוהן, וואָלט ער אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו יענער פאַרמאַכטער טיר און צוגעלייגט אַן אויער. — „טיר! — וואָלט ער געפרעגט — אפשר ווייסט דו וואָס עס וועט איצט זיין מיט דעם אויפגעקומענעם גביר אַברהם ליטמאַן ?..״

...ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסע, געראַמע שטוב. עס שטייען ביי אים צוויי סקלאַדן פול מיט תבואה. ביי מלך צוקערמאַן קומט אים גרויס געלט פאַר זונרויזן... דעם ברעטערסקלאַד וועט מען צונעמען. די תבואה וועט מען נאַציאָנאַליזירן. פון די צוקערמאַנס וועט ער שוין קיין איינציקן גראָשן ניט באַקומען. דאָס ביסל מזומנים? — היינט איז עס געלט און מאָרגן — שמאַטקעלעך!.. וואָס זשע בלייבט אים פון זיין גאַנצער האַרעוואַניע?.. ביי אים אין שטוב זיצן זיי איצט, די שליחים פון דעם נייעם מלאך־המוות. און

געבראַכט האָט זי אַהער זײַן איין און איינציק טעכטערל! זײַן בעלאַטשקע!..
וואָס זשע זאָל ער איצט טון? שעלטן?.. וויינען?..

אַהיים גייענדיק האָט שימע גוראַלניק אַנגעזאָגט ביילקען: מאָרגן אַכט אַ זייגער אין דער פרי זאָל זי צוקומען צו אים אַהיים. און נאָך האָט ער געזאָגט: ביילע זאָל זיך רעכענען מאָבילייזירט.

אויסגעטון זיך און פאַרקליבן זיך אין קילן בעט, חזרט ביילע איבער דאָס נייע פאַר איר וואָרט „מאָבילייזירט". אָט אַזוי וועט זי שפּעטער איבער־דערציילן יאָסלען: „מאָבילייזירט. אַלע זײַנען מיר דאָ געוועזן מאָבילייזירט".

צווייטער טאָג

ס'האָט קוים אָנגעהויבן שאַרןן אויף טאָג ווען שימקע מיט זײַן גרופּע זײַנען צוגעקומען צום גאַטאַריוסעס שטוב. דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט מען געזען: אין שטוב ברענט ליכט. האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף צו־בינדן די רויטע אָרעמבענדער וואָס יונגע שניידערמיידלעך האָבן פאַר זיי אויפגענייט.

די טיר האָט, אויפן ערשטן קלאַפּ, געעפנט די דינסט. זי איז געבליבן אָן לשון. אַ פּנים מען האָט געוואַרט, נאָר ניט אויף זיי.

אין גרויסן אויפנעם־צימער האָט דער קלייניקער גאַטאַריוס מיט אַלע כוחות זיך געמוטשעט פאַרמאַכן אַ צו פיל אָנגעפּאַקטן טשעמאָדאַן. דערזען די אומגעבעטענע געסט, מיט די רויטע בענדלעך, האָט ביי אים אָנגעהויבן ציטערן די אונטערשטע ליפּ.

געווער?! ער האָט דען געווער?!..

זיי ווילן ביי אים דעם רעוואָלווער מיט די פּאַטראָנען און די יאַגדביקס.

אַ יאַגדביקס איז דאָך ניט קיין געווער!.. דער רעוואָלווער ליגט אין שופלאָד. זאָלן זיי נעמען די יאַגדביקס אויך, מער קיין פּאַטראָנען האָט ער ניט. ער גיט זיי דאָס וואָרט פון אַן אינטעליגענט.

אויב אַזוי האָבן זיי צו אים גאָרניט. ער מעג פאָרן וווּ ער וויל און וווּהין ער וויל.

דעם רעוואָלווער באַקומט פּעטרע לונגו. די יאַגדביקס פאַרוואַרפט צו

זיך אויפן אַקסל חיים רימער. ער פאַרריכט דעם ברייטן רויטן פּאַס אויפן אַרבל. ער באַקומט פאַר אַט דעם פּאַס וואָס אַ מאָל מער דרך־ארץ.

עס ווייעט אַ פריש פאַרטאָגיק ווינטל. דאָס שטעטל שלאָפט נאָך און „חברה" לאָזן זיך אײלנדיק באַרג־אַראָפּ.

ביי די גאַראַבייס איז די הויזטיר אָפן. אין דעם נידעריקן צימער שמעקט מיט פאַרלעגערט קרויט און מיט נויט.

דער עלטערער גאַראַביי, אַ פּנים שיכור, שלאָפט אין די קליידער אויפן טאָפּטשאַן. דער ייִנגערער — פאַקעוועט עפּעס אין אַן אָפּגעריבענעם היל־צערנעם קעסטל. ער קוקט זיך איין אין זיי מיט זיינע עזותדיק־שמייכלענדיקע אייגעלעך.

— מאַמקע! — זאָגט ער אין צווייטן צימער אַריין, — קום אַהער, מאַמקע! זשידאָנעס זיינען געקומען אונדז ראַבעווען.

— דול ניט דעם קאָפּ! — שימעק רוקט אַרויס מיטן פוס איינס אַ טאַ־בורעטל און זעצט זיך רחבותדיק אַוועק.

— ביידע, — זאָגט ער — רעוואָלווערן, אַלע פּאַטראָנען, די קינזשאַלן און בכלל דאָס גאַנצע געווער.

— און אויב ניט? — שמייכלט דער בלייך געוואָרענער באַריאַ.

— אויב ניט — ענטפערט שמייכלענדיק שימעק — וועט זיך געפינען אַ גוטער קעלער אויף אַ פּאָר טעג פאַר ביידע ברידער גאַראַביי. מען זאָגט, די ראַטנמאַכט האָט באַזונדערש ליב קוזיסטן.

באַריאַ גאַראַביי גיט זיך אַ ריס פונעם אָרט, נאָר מען לאָזט אים ניט. מען האַלט אים פעסט פון ביידע זייטן. מען טאַפּט אים אַרום און מען שלעפּט אַרויס דעם רעוואָלווער פון דער הינטערשטער קעשענע.

די אַלטע גאַראַבייעכע, זי האָט, ווייזט אויס, אַ גאַנצע נאַכט געוויינט. זי ברענגט פונעם קאָמאָד דעם אַנדערן רעוואָלווער, די קינזשאַלן און אַ גאַנצן הויפן פּאַטראָנען. „מער — זאָגט זי — איז ניטאָ". די אַלטע גאַראַבייעכע, אַ גאַנץ לעבן האָט זי זיך אָפּגעמוטשעט צווישן ייִדן. זי רעדט ייִדיש ניט ערגער פון אירע ייִדישע שכנים. שימעקן וועט נאָך אויסקומען גוט אַ טראַכט טון: ווער זשע איז פאַרט שולדיק וואָס אָט די צוויי חברה־לייט אירע זיינען אויסגעוואַקסן פאַשיסטן, כוליגאַנעס?..

פון אַנמעכטיקן כּעס רינט ביי דעם יונגן גאַראַבּיי די סלינע פונעם מויל:

— איר וועט נאָך אַריינפאַלן אין מיינע הענט, זשידאָנעס, פאַרשאָלטענע!..

שימעק פּרוּווט ווי עס אַרבעטן די באַראַבאַנען. ער לאָדט אָןביידע רע־וואָלווערן. איינעם גיט ער וויטיען מעלניק. דעם צווייטן לאָזט ער אַראָפּ צו זיך אין קעשענע.

— און איצט — זאָגט ער צו דעם יונגן גאַראַבּיי — טראָגט אייך אָפּ צו אַל די רוחות, אויף יענער זייט פּרוט! ס׳איז מיר אַ שאָד אייער מאַמע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביילע ליטמאַן האָט מען איינגעשלאָסן אין מלך ציגיינערס גרופּע. זייער אויפגאַבע: פאַרמאַכן די אָפּטיילונג פון דער באַנקאָ בעסאַראַביעי, פאַרווערן דאָס אַרויסגעבן געלט פון דער ליי־און שפּאַר־קאַסע. באַזאָרגן, די טעלעפאָן־סטאַנציע און די פּאָסט זאָלן אַרבעטן נאָרמאַל. מלך ציגיינער קען אויפשטעלן אַ פויערישן פּעלץ. נאָר צייט ער לעבט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט אַריבער־געטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. ער רופט אָפּ ביילען אין אַ זייט.

— דו — זאָגט ער איר — קענסט דעם עולם. גיב אַכטונג סע זאָל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ווידער אַ מאָל דערמאָנט מען איר אַז אייגנטלעך איז זי אַליין איינע פון „זיי״, פון „יענעם עולם״.

פאַרבייסט ביילע די איבערשטע פולבלעכע ליפּ. זי וועט גאָרניט זאָגן. זי וועט שווייגן.

דאָס ערשטע גייט מען אין דער יידישער ליי־און שפּאַר־קאַסע.

ס׳איז ערשט האַלב ניין, נאָר מרדכי וועלוולס, דער בוכהאַלטער־קאַסיר, איז ווי שטענדיק שוין אויפן פּלאַץ. ער קוקט אַריבער די קיילעכדיקע ברילן און וויל פאַרשטיין, וואָס פאַרט ווילן פון אים אָט די צוציקעס?

די „צוציקעס״ חזרן אים איבער שוין צום דריטן מאָל:

— דער קאָמיטעט האָט געהייסן צייטווייליק אָפּשטעלן דאָס אַרויסגעבן וקלאַדן. — ניין! ניט פאַרמאַכן די ליי־און שפּאַר־קאַסע. אויפנעמען וקלאַדן מעג ער וויפל ער וויל. נאָר אַרויסגעבן געלט מעג מען נאָר מיט אַ דערלויבעניש פונעם קאָמיטעט.

מרדכי וועלוולס זאָל אַזוי וויסן פון צרות, צי ער ווייסט וואָס דאָס איז פאַר אַ קאָמיטעט. וועט דאָ דערוויל בלייבן זיצן מיט אים אידל קויפמאַנס טעכטערל — גיטעלע קויפמאַן. זי שפּאַצירט דאָך פראַנק און פריי מיט שקאָצים! אַז ווי דעם טאַטן אירן!.. וועט זי פון היינט אָן קאָמאַנדעווען מיט אים! אוי אַ וועלט מיט וועלטעלעך!..

...אין באַנק טרעפן זיי נאָר די אויפראַמערין. אַ פויערטע מיט אַ מאַנס־בילשן פּנים. אַ בייזע. זי האָט פיינט קליענטן וואָס שטערן איר ראַמען. זי באַטראַכט די „חֶברה" פון קאָפּ ביז די פּיס.

— צו וועמען דאַרפן זיי? צום דירעקטאָר? דער דירעקטאָר קומט קיין מאָל ניט פאַר צען דעם זייגער. — אַ דעלעגאַציע זייבען זיי פונעם פּאָד־פּאָלנע* קאָמיטעט? אויב אַזוי וועט זי פאַר זיי אויפעפענען דעם דירעק־טאָרסקע קאַבינעט, אַוועקזעצן זיי אויף די ברייטע פּליושענע שטולן און וועט זיין אַ בעלן, דרייען זיך דאָ אַזוי לאַנג, ביז זי וועט מיט די אייגענע אויגן אַ קוק טון ווי זעט אויס אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק ווען עס קומט צו אים אַ דעלעגאַציע פון אַ פּאָדפּאָלנע קאָמיטעט.

אָנגעשטעלטע מאַכן אויף די טיר, כאַפּן אַ קוק און פאַרשווינדן. סוף־כּל־סוף באַווייזט זיך דער דירעקטאָר בכבודו ובעצמו.

— דער קאָמיטעט לייגט אים פאָר ער זאָל צייטווייליק פאַרמאַכן די באַנק. אָפּלאָזן די אָנגעשטעלטע אַהיים. פאַרשליסן די טיר און אַליין אויך גיין אַהיים. אויף אָפּהיטן די באַנק שטעלט דער קאָמיטעט אַרויס זיין וואַך.

— יאָ, נאָר די באַנק איז דאָך ניט זיין באַנק. ער איז דאָך ניט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער. ער מוז אָנקלינגען קיין קעשענעוו... זיי שטעלן אים אין אַזאַ לאַגע...

— אויב ער מיינט אַז ער מוז אָנקלינגען קיין קעשענעוו, וועט עס אים בעלאַ ניט פאַרווערן. ער קען צוגיין צו דער שטאָטישער טעלעפאָן־סטאַנציע און פון דאָרטן קלינגען וווּהין ער וויל און וויפל ער וויל. נאָר דעם באַנק וועט ער די מינוט פאַרמאַכן. און קיין איינציקן גראָשן וועט ער פון דאַנען ניט אַרויסנעמען אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דעם קאָמיטעט.

---

* אונטערערדישער קאָמיטעט.

— ניט שוין זשע פאַרשטייט זי ניט, בעלאָטשקאַ...

— בעלאָטשקאַ פאַרשטייט ניט. זיי האָבן ווייניק צייט. זאָל דער הער דירעקטאָר זיין אַזוי גוט און פאַרשליסן אומעטום. די שליסל זאָל ער נעמען מיט זיך. אויב מען וועט אים דאַרפן וועט מען אים שיקן רופן.

דאָס גרויסע נאָזטיכל מיט וועלכן דער דירעקטאָר ווישט דעם נאָסן שטערן איז פיטש נאַס! כאַטש דריי עס אויס.

— אַן אָנשיקעניש! אַ קאָמיטעט!..

אין פאָסט זיינען אַלע אָנגעשטעלטע אויף די ערטער. קיינער אַרבעט ניט. מען באַשמועסט די לעצטע נייעסן: די זשאַנדאַרמען זיינען נאָך ביי נאַכט אַרויסגעפאָרן. עס זיינען אַנטלאָפן: דער ריכטער און דער פּרימאַר,* דער נאָטאַריוס און דער אַדוואָקאַט מאַנאַסטיריאַנו. פּרעקו, דער אַגענט פון דער סיגוראַנצאַ,** די לערערס פון דער גלחים־סעמינאַריע. פון דעם דעפּוטאַט יאָרדאַקעסקו איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדן. ער איז אַנטלאָפן איינער פון די ערשטע. עס האָבן זיך אָפּגעטראָגן די אָנגעשטעלטע פונעם שטייערן־אַמט. זיי, די פאָסט־אָנגעשטעלטע, פאַרנעמען זיך ניט מיט פּאָליטיק. די פאָסט אַרבעט און וועט אַרבעטן. זיי ווילן נאָר וויסן ווער וועט זיי צאָלן, און מיט וואָס פאַר אַ געלט. ווייל די רומענישע לייעס...

דער הינקענדיקער ניקאָלאַי וויל וויסן, וויפל שעה אין טאָג אַרבעט מען ביי דער ראַטנמאַכט? נאָר ניט דאָס איז דער עיקר, דער פּאָטער זיינער אינטערעסירט זיך, צי איז עס אמת, דאָס מען וועט אַלע פּויערים אַריינטרייבן אין קאָלכאָזן...

אויף דער טעלעפאָן־סטאַנציע אַרבעטן יונגע שיקסלעך. מען איז היינט געקומען אויסגעפּוצט ווי אויף אַ יום־טוב און מען וואַרט.

זיי באַטראַכטן מלך ציגיינער. אויב שוין יאָ אַ פאַרשטייער פונעם קאָמי־טעט, האָט מען זיי געמעגט צושיקן עפּעס אַ מער אַנזיכטיקן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון יענער זייט ריטשקע, דאָרט וווּ עס ענדיקן זיך די ייִדישע הינטער־געסלעך און עס הייבט זיך אָן די קאַצאַפּישע פאַרשטאָט, הויקערט זיך אַ קליין

---

* פאַרזיצער פונעם שטעטלשן ראָט.
** רומענישע געהיים־פּאָליציי.

ווייס שטיבעלע. דער הויכער שטרויענער דאַך זיצט אויף דעם ווי אַ גרויסע קוטשמע אויף אַ קליין קינדעריש קעפּל. קוקט דאָס ווייסע שטיבעלע, מיט די קליינע פענצטערלעך, איבער דעם געפלאָכטענעם פּלויט, איבער דער ריטשקע, גלייך דעם יידישן דלות אין די אויגן אַריין. דער בעל־הבית פון דעם שטיבל איז יונג געשטאָרבן און עס זיינען נאָך אים געבליבן צוויי קליינינקע קורנאָסע יאַטלעך. קלייענדיקע פּנימלעך. פון דער זון אויסגע־ברענטע ווייסע וו:עס. די מאַמע זייערע, לוקעריאַ סאָקאָלאָוואַ האָט געוואַשן וועש ביי פאַרמעגלעכע קרעמערס. זי האָט זיך ניט געשעמט, שבת, ווינטער־צייט, הייצן יידישע כרובעס, אויסלעשן די שבת־ליכט, אַראָפּנעמען די לייכ־טערס, און אַהיים ברענגען פרישע שטיקלעך יידישע חלה.

מיכאַיל און סאַוועליע סאָקאָלאָוו האָבן גערן געשלונגען יידישע חלה. זיי האָבן בכלל גערן געשלונגען אַלצדינג וואָס די מאַמע האָט זיי געגעבן און האָבן געוואַקסן; זומער ביי דער ריטשקע און ווינטער אויפן ברייטן אויוון.

זומער האָט מען געבויט גרעבליעס, געכאַפּט זשאַבעס, געוואָרפן שטיינער אויף דער יידישער זייט, געטאַנצט אויף איין פיסל, און געריצט יידיש קליינוואַרג:

— זשיד! זשיד!.. כאַלאַמעי!..

יידישע יינגלעך האָבן געענטפערט מיט שטיינער אויף שטיינער און געשריגן:

— קאַצאַפּ! ציגענע באָרד!.. מעעע!..

און אַז עס איז נימאָס געוואָרן דאָס שרייען און אַלעמען האָט זיך פאַר־גלוסט באָדן, האָט מען געשלאָסן שלום, אַראָפּגעוואָרפן העמד און הייזעלעך און געפליעסקעט זיך אַלע אין איינעם אין דעם ניט טיפן וואַסער, ביז מען האָט זיך ווידער צעקריגט און יעדער איז אַנטלאָפן אויף זיין ברעג, אויף גיך אַרויפגעשלעפּט די הייזעלעך און ווידער פון דאָס ניי:

— זשיד!.. זשיד!.. כאַלאַמעי!..

ווינטער זיינען די סאָקאָלאָווס מערסטנס געזעסן אויפן אויוון. עס זיינען ניט געווען קיין שטיוול. שטיוועלעך האָבן זיך באַוויזן ערשט ווען עס איז געקומען די צייט פון גיין אין שול אַריין. געקומען פון דער שול האָט מען

די שטיוועלעך אויסגעטון. די מאַמע האָט זיי אַרומגעווישט, באַטראַכט פון אַלע זייטן און אַוועקגעשטעלט זיי אונטערן בעט ביז מאָרגן.

מיכאל האָט זיך געלערנט לייכט און גוט. אויף סאַוועץ האָט דער לערער געזאָגט, אַז ער האָט אַ פאַרשטאַפּטן קאָפּ. סאַוועליעץ האָט עס ווייניק וואָס געאַרט. ער האָט געלאַכט, געלאַכט מיט דער אָפּגעלופּעטער קורנאָסער נאָז, מיט די פרייליכע זומער־שפּרענקעלעך. אַפילו דער שטרויענער טשוב זיינער האָט אים געהאָלפן לאַכן.

ביי ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיי זיך אויסגעלערנט רייכערן. די מאַמע, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט ווי עס שמעקט פון זיי מיט רויך, האָט זי אַרויסגענומען דעם טאַטנס לעדערנעם רימען און האָט זיי אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז זי האָט אויפגעהערט פילן די אייגענע הענט.

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן סטאַראָווערן* זאָלן רייכערן! שכנים וועלן זיך דערוויסן וועט מען אייך אַפילו קיין טרונק וואַסער ניט געבן!

זי האָט זיי אַוועקגעפירט צו דעם קאַצאַפּישן גלח און דאָס „פּאַטערל" האָט זיי געמלויעט אויפן האַרצן העכער אַ שעה צייט.

וויפל די מאַמע האָט געשמיסן האָבן ביידע סאָקאָלאָווס געשוויגן. דעם „פּאַטערל" האָבן זיי צוגעזאָגט מער קיין מאָל ניט רייכערן. דעם טאַטנס רימען האָבן זיי אַרויסגעגבעט און אים דערטרונקען אין דער ריטשקע. צוויי וואָכן האָבן זיי געהאַלטן וואָרט און ניט גערייכערט. דערנאָך האָבן זיי ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן קלייבן אָפּשניצלעך, נאָר באַהאַלטן איינער פאַר דעם אַנדערן.

קיין סך לערנען איז זיי ניט אויסגעקומען. ווי נאָר מען איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט די מאַמע זיי אָפּגעגעבן אַרבעטן צו די צוקערמאַנס אויף דער בוימל־פאַבריק. אויף דער בוימל־פאַבריק האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן אַ גאַנץ אַנדער לעבן. ווינטער. מען שטייט אויף ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטער. מען שלינגט אויף איין פוס די הייסע קאַרטאָפל מיט די זויערע אוגערקעס און גיכער!.. צו דער אַרבעט! ווייל יעדע מינוט קען אַ פייף טון די מיל. די בעלי־בתים האָבן ניט ליב אַז מען פאַרשפּעטיקט.

זעקס אַ זייגער פייפט פעפערמאַנס מיל, און עס הייבט זיך אָן די אַרבעט.

---

* אַלטגלייביקע, סעקטאַנטן.

מיכאל איז ביי דער מאַשין וואָס קנאַקט די קערלעך. סאָוועליע אַרבעט ביי די זשאַראָווניעס. אַ גאַנצן טאָג שאַרט ער מיט זיין הילצערנער לאָפּאַטקע, די יאַדרעס זאָלן ניט צוברענען. די אויסגעסמאָזשעטע קערלעך טראָגט ער אָפּ צו די האַנטפּרעסן. אַ פריילעכע אַרבעט: שטופּ אָן אַ מויל פול מיט וואַרעמע, זאַפטיקע יאַדרעס. זשאַראָווניעס זיינען זעקס. דריי שאַרט סאָוועליע און דריי דער אַלטער, האַלב־בלינדער שמחה.

דאַכט זיך — אַ גרינגע אַרבעט. נאָר אַפילו ווינטערצייט ווען ביי די זשאַראָווניעס איז מחיה־וואַרעם, דערלעבט מען קוים צו הערן דעם פייף אויף מיטאָג. מען ליידיקט אויס די זשאַראָווניעס, מען ווישט דעם שווייס פון די אויסגעמאַטערטע פּנימער. מישאַ נעמט אַרויס פון דער טאָרבע צוויי רעפטלעך ברויט, דאָס ברויט טונקט מען אין פרישן בוימל און מען זשאַרעט עס צו. אַ פּאָר ציבעלעס, אַ שטיקל קאָלבאַס — האָסטו דיר אָן אָנבייסן. אַ שאָד וואָס די מיטאָג־שעה לויפט אַזוי גיך דורך. מען האָט זיך נאָר וואָס צוגעזעצט, און די פאַרשאָלטענע מיל פייפט שוין ווידער. און ווידער שטיי ביי די זשאַראָווניעס, שאַר און שאַר!.. פונעם טשאַד דרייט זיך דער קאָפּ. יעדע האַנט וועגט ניט ווייניקער פון אַ פּוד.

שווייגנדיק גייט מען נאָך דעם אַהיים. שווייגנדיק עסט מען וועטשערע. שווייגנדיק פאַלט מען אַוועק און מען ווערט אַנטשלאָפן. אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, ווינטער, זומער און נאָך אַ מאָל ווינטער.

געשטאָרבן דער אַלטער שמחה. סאָוועליע לערנט שוין אַנדערע ווי אַזוי מען פּרעגלט ברויט אויף בוימל. מישאַ איז זיך צעוואַקסן אין דער הייך און אין דער ברייט. ער אַרבעט ביי די האַנטפּרעסן. עס האָבן זיך ביי זיי באַוויזן נייע סאַטינענע העמדלעך, שטיבלעטן מיט קאַלאָשן. די מאַמע וואַשט שוין מער ניט קיין פרעמדע וועש.

חברה האָבן, איין מאָל אין אַ זונטיק, פאַרשלעפּט סאָוועליען צו בערקע דעם קרומען אין שענק. סאָוועליע איז אַהיים געקומען שיכּור. ער איז געקראָכן קושן זיך. ער האָט געזונגען און איבערגעזונגען איינס אַ מיאוס לידל. מיכאל האָט געשוויגן ביז ער האָט דערזען — די מאַמע וויינט! האָט ער אָנגענומען דעם ברודער ביים קאַרק, אַרויסגעשלעפּט אים אין הויף, אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ אַן עמער קאַלט וואַסער און אַזוי לאַנג געשמיסן אים איבער די פּוכקע

באַקן, ביז סאָוועליע האָט געשווירן — זיין פוס וועט מער ניט אַריבער־שפּאַנען די שוועל פון אַ שענק. בכלל האָבן די ברידער גוט געלעבט צווישן זיך.

מישאַ האָט ליב לייענען ביכלעך וועגן שפּיאָנען. ביידע האָבן זיי ליב גיין אין קינאָ. אַ טשיקאַווע וועלט אין קינאָ, אַ לעבן ווי אין חלום.

דרייענדיק די שווערע ראָד פונעם אַנטפּרעס טראַכט מישאַ אָפט וועגן יענעם לעבן און וועגן יענע מענטשן. וויטקאַ מעלניק, וואָס אַרבעט מיט אים אויף איין פּרעס, זאָגט וועגן דעם אַלעמען: טומאַן!.. דאָס איז אומיסטן כּדי צו פאַרטומלען די מוחות ביי פּשוטע מענטשן. עס זיינען דאָ, זאָגט ער, אַנדערע ביכער און אַנדערע פילמען. ווו עס רעדט זיך אַקוראַט וועגן אַזוינע מענטשן ווי זיי.

מישאַ שטעלט זיך ניט פאָר וואָס קען מען דערציילן אין אַ בוך וועגן אַזאַ מענטשן ווי ער. קיינעם וואָלט ניט געקלעקט קיין געדולד איבערצולייענען אַפילו דריי בלעטלעך.

אין איינעם אַ זונטיק האָט זיך צו זייער קאָמפּאַניע אין קינאָ צוגעזעצט אַ יידישער בחור. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קענטלעכן שמייכל אויפן פּנים. מיט וויטקאַ מעלניק האָט ער זיך באַגריסט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. מישען האָט ער אויסגעשטרעקט אַ פעסטע, טרוקענע האַנט. דעם בחור האָט מען גערופן יאָסקע משה־לייבס, פונעם שניידערישן געסל. מען איז נאָך דעם לאַנג געזעסן אויף די שטיינער ביי דער ריטשקע. אין גיכן האָבן זיך ביי די סאָ־קאָלאָוס באַוויזן אַנדערע ביכלעך. אין גיכן האָבן זיך ביי די סאָקאָלאָווס באַ־וויזן אַנדערע געדאַנקען. זיי האָבן אַ קוק געטון אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן. זיי האָבן דערפילט: — אוי ליגן מיר אין דער ערד! אוי צאַפּט מען אונדזער כּוח! אוי לעבן זיי אַ גוטן טאָג, די בורזשויעס, די צוקערמאַנס! עס האָבן זיך ביי זיי געביסן די הענט. עס האָט זיך זיי געלוסט: שוין! באַלד! איבערמאַכן די וועלט און זאָל שוין קומען אַ סוף צו זייער פינצטער לעבן! עס האָט זיך זיי אַפילו געדאַכט: דער יאָסקע, ער איילט זיך ניט. ער האָט צייט, ווייל ניט ער אַרבעט עלף שעה אַ טאָג ביי די צוקערמאַנס.

בו איז וואָס אויב אויפן ערשטן מיי האָט מען צעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס און אַרויסגעהאָנגען עטלעכע רויטע פאָנען אויף די וועגן? איז דען מלך צוקערמאַן מאָגערער געוואָרן דערפון אויף איין גראַם?!

מיט די עלטערע אַרבעטערס רעדסטו, זײנען זײ אײנשטימיק. סע װאָלט אוודאי גוט געװען אַרבעטן נאָר אַכט שעה אין טאָג, נאָר מען קראַצט זיך אין די פּאַטילניצעס... בײ די צוקערמאַנס אין קעשענע, זאָגן זײ, ליגט ניט נאָר דער שעף דע פּאַסט מיט זײנע זשאַנדאַרמען, נאָר אויך דער זשודעקאַטאָר און נאָך העכער... פאַרקאָכן אַ קאַשע איז ניט שווער. נאָר מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? גײ מאַך אַ שטרייק, אַז דו האָסט אַ פולע שטוב פּיקערס!..

און דאָ האָבן זיך אין שטעטל אָנגעהויבן אַרעסטן. מען האָט אַרעסטירט עטלעכע יונגען פון דער מיל, מען האָט פאַרנומען יאַסקע קושניר און נאָך אַ סך אַנדערע ייִדישע יאַטן. אויף דער בוימל־פאַבריק איז געװאָרן שאַ־שטיל. די אַרבעטערס האָבן אויסגעמײַדט רעדן אײנער מיטן אַנדערן.

די בוימל־פאַבריק איז דערװײל געװאַקסן. די צוקערמאַנס האָבן זיך אויסגעבויט צוויי שײנע מויערן. דער ייִנגערער, בינ־אָמינקע האָט אַראָפּ־געבראַכט פון בוקאַרעשט אַן אויטאָמאָביל און גאַנצע װאָכן אַרומגעפאָרן איבער די דערפער קאָנטראַקטירן בײ די פּויערים זונרויזן אויפן װאָרצל. דאָס הייסט אָפּקויפן װאָלװל די קומענדיקע גערעטעניש. דער עלטערער, מלך, טראָגט זיך פון די סקלאַדן צו די פּרעסן. זײנע רויטע אײגעלעך נישטערן אומעטום. זײן װערטעלע: — נעמאַ דורניך! ניטאָ קײן נאַראָנים!

און װידער אַ מאָל האָבן אַרבעטערס אָנגעהויבן נאָכקוקן מישען. געװאָלט הערן פון אים אַ װאָרט. נאָר מישאַ האָט געשוויגן. געשוויגן האָט אויך וויטקאָ מעלניק. ער האָט נאָר אָנגעהויבן װידער זײ באַגלייטן אַהיים נאָך דער אַרבעט.

אין אײנעם אַן אָװנט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפמערקזאַם באַטראַכט זײ פון קאָפּ ביז די פיס.

— לאַדנאַ* — האָט ער געזאָגט — װאַרט אָװנטצײט אין דער הײם. כ׳װעל צו אײך אַרײנקומען מיט דעם נײעם סעקרעטאַר פון אונדזער קעמערל.

ער האָט אַ שמײכל געטון און צוגעגעבן:

— דער נײער אונדזערער איז אַ באַרישניע און דערצו נאָך אַ קראַסאַװיצע.

די באַרישניע איז געקומען אין אַ שוואַרצן רעגן־מאַנטל און אין הויכע גומענע באָטן. אין דרויסן האָט געזיפּט זיך אַ קאַלטער האַרבסטרעגן. די

---

* גוט.

באַרישניע האָט אויסגעטון דעם מאַנטל, אויפגעבונדן דאָס קאָפּטיכל, אַ טרייסל געטון די קאַשטאַנאָווע האָר און אַ קוק געטון אויף זיי פון אונטער די נאַסע שוואַרצע ברעמען מיט אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן, וואָס עס איז שווער צו זאָגן וואָס זיינען זיי, גרוי אָדער גרין. האָבן ביידע סאָקאָלאָווס דערפילט אַז עס איז זיי הייס.

די בעלאַ מיט די פולע ליפּן האָט געקענט אי דערציילן, אי דערקלערן. נאָר נאָך בעסער האָט זי געקענט אויספרעגן. זי איז געוואָרן אַ גאַנצער פּאַני־בראַט מיט זייער מאַמען. די אַלטע לוקעריע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין זיצונג.

קיין מאָל האָבן די סאָקאָלאָווס אַזוי פלייסיק ניט געאַרבעט. און קיין מאָל איז ביי זיי די אַרבעט ניט געגאַנגען אַזוי גוט, און גרינג. זאָג דער קאָמיטעט איין וואָרט — און מאָרגן וועט אין דער בוימל־פאַבריק קיינער ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

האָט אָבער דער קאָמיטעט באַשלאָסן אָפּלייגן דעם שטרייק אויף סוף זומער. פרילינג, האָבן זיי דערקלערט, זיינען ביי די צוקערמאַנס די סקלאַדן פול מיט בוימל און די תבואה־מאַגאַזינעס זיינען האַלב־ליידיק. אויב מען זאָל פרילינגצייט אָפּשטעלן די אַרבעט וועט עס די צוקערמאַנס ווייניק וואָס אָנרירן. אַנדערש וועט זיין האַרבסטצייט, ווען די סקלאַדן וועלן זיין פול מיט פרישן סאָניעשניק וואָס וואַרעמט זיך און ווערט קאַליע. האַרבסטצייט וועלן די אַרבעטערס לייכטער אויסהאַלטן אַ לענגערן שטרייק. די גרעסטע טייל פון זיי וועט האָבן אייגענע קאַרטאָפל, קרויט, גרינוואַרג. דעם שטרייק האָט מען אָפּגעלייגט.

ווען איז דאָס געווען? ווער געדענקט עס איצט? ווי נאָר די זשאַנדאַרמען זיינען אַוועק, אין מיטן העלן טאָג, אָן שום קאָנספּיראַציע, האָט אויף דער פאַבריק זיך געיאָוועט דער אַלטער גריגאָרע מעלניק און מען האָט באַלד אויפגעעפנט אַן אַסֵפה.

— פון היינט און ווייטער — האָט דער אַלטער דערקלערט — געהערט די פאַבריק דער ראַטנמאַכט, דאָס הייסט זי געהער צו די אַרבעטערס וואָס אַרבעטן דאָ. און אויף זיי ליגט דער חוב אָפּהיטן יעדן פונט בוימל, יעדן פוד סאָניעשניק, יעדעס שרײַפל!..

דאָ טאַקע, אויפן אָרט, האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט בראש מיט מיכאַל סאָקאָלאָוון. די קאָמיטעטשיקעס זיינען אַוועק צו די סקלאַדן און אין דעם קאָנטאָר איז פאַרבליבן נאָר איין משה גרינזייד, דער בוכהאַלטער־קאַסיר.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשריי און אַ געלויף. עס איז זיך אָנגעלאָפן אַ פולער קאָנטאָר מיט טרעגערס און גלאַט מענטשן פון דער גאַס. די געקומענע קאָמיטעטשיקעס האָבן געטראָפן צוויי געזונטע יונגען וואָס האַלטן מלך צו־קערמאַנען ביי די הענט. מלך רייסט זיך פון זיי און זידלט אויף דריַ לשונות, דעם פאַרעך!.. דעם באַנדיט! דעם סוקין סין משה גרינזייד!.. וואָרעם אַז מלך צוקערמאַן האָט זיך דערוווּסט וואָס עס טוט זיך ביי אים אויף דער פאַבריק, האָט ער צוגעוואָרט ביז די קאָמיטעטשיקעס זיינען אַוועק צו די סקלאַדן. געטראָפן משה גרינזיידן איינעם אַליין, האָט ער אים געהייסן נעמען האַק און פאַק, דאָס ביסל מזומנים, די וועקסלען, די קאָנטראַקטן און די ביכער און אַריבערפעקלען זיי צו אים, צו משהן אַהיים. אים, האָט ער געזאָגט, וועט קיינער ניט אָפּשטעלן. זאָלן די ימח־שמוניקעס ברעכן קאָפּ און לענד! משהן קען ער — ניט פון נעכטן. אויסער דעם איז מען דאָך ייִדן!..

משה האָט געהערט און געשוויגן. האָט מלך זיך געהייסן געבן די שליס־לען פון דער קאַסע. משה האָט אַלץ געשוויגן. דאָ האָט דער רויטער מלך ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס איז ער, משה!? משוגע צי חסר־דעה! יעדע מינוט איז דאָך טייער. יענע קענען זיך אומקערן יעדע רגע!..

משה גרינזייד, אַ ייִד אַ יאַדעשליוועד, וואָס האָט אַלע יאָרן געציילט פרעמד געלט, האָט זיך דערמאָנט ווי דער געקומענער גוי, זעט אויס ניט קיין נאַר, האָט דערקלערט אויף דער אַסיפה מיט וועמען די אַרבעטער גייען האַנט ביי האַנט, און ווי אַזוי מען האָט נאָך דעם, צווישן די קאָמיטעטשיקעס, אָנגערופן זיין נאָמען און אַלע, ייִדן און גויים, האָבן אויפגעהויבן די הענט. הייסט עס מען גלייבט אים. מען געטרויט אים! ער איז דאָך אויך אַ קאָמי־טעטשיק, אַ שטיקל בעל־הבית! האָט ער נאָך טיפער אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע ווו עס זיינען געווען די שליסל.

דאָ האָט זיך ביי מלכן אָנגעצונדן דער „גזלן”. ער האָט אַ כאַפּ געטון משהן ביי די לאַצן און אָנגעהויבן שמייסן אים איבער די באַקן. ער האָט

אים געטרייסלט ווי אַ לולב, געריסן ביי די האָר, געקאָפּעט מיט די פּיס...

— די שליסל! שוין זאָל ער אָפּגעבן די שליסל!..

פאַר שרעק האָט משה פאַרלוירן דעם לשון. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז ער קען שרייַען...

— איז אָט! — משה גרינזייד נעמט אַרויס די שליסל און לייגט זיי אַוועק אויפן טיש פאַר די קאָמיטעטשיקעס, נאָר מיכאַיל סאָקאָלאָוו נעמט זיי ניט. ער ווענדט זיך צו די צוויי טרעגערס וואָס האַלטן מלכן ביי די הענט.

— לאָזט אים אָפּ — זאָגט ער.

און זיי לאָזן אים אָפּ.

— גיי! — זאָגט ער אים, — פאַרנעם זיך פון דאַנען. דיין פוס זאָל דאָ מער ניט זיין!..

מלך צוקערמאַן טרעט אָפּ הינטערווײילעכץ. מלך צוקערמאַן האָט אַריינ־געצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און גייט. מענטשן טרעטן אים אָפּ דעם וועג. מענטשן שווייגן. קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט. קיינער לאַכט ניט.

— —

אַהיים איז בעלאַ געגאַנגען מיט זייטיקע געסלעך. זי האָט לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר. געעפנט האָט איר די מאַמע אַליין. זייער אַן אויפגערעגטע; וויל מאַריע, אַ פּאַטעפּאַלנאָסט פון אַ דינסט! — ניט צוגעבעט! ניט אויפ־געראַמט! ניט אָנגעצונדן קיין פייער אַפילו! האָט זי זיך אויסגעפּוצט און איז אַוועק באַגעגענען די „רויטע״!

— זאָל זיך די מאַמע ניט ערגערן, אַלצדינג וועט זיין גוט!

ווי נאָר מען האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן דעם פאַרשפּעטיקטן מיטאָג, האָבן אָנגעהויבן ־דריוונע ציטערן די ווענט. בעלאַטשקע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט פאַרשפּעטיקט. די רויטע אַרמיי איז שוין דאָ.

די הויפּטגאַס איז פול מיט גערויש. פול מיט מאַשינען, טאַנקען, טאַנקען מיט אָפענע ליוקן. אויף די טאַנקען — יונגע חבֿרה. פריילעכע, פאַרשטויבטע פּנימער.

דער מאַרקפּלאַץ איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. אין מיטן, אויף אַן אָפענער לאַסטמאַשין, שטייט אַ הויכער מיליטערמאַן. עמעצער האָט אים געשענקט

אַ בוקעט רויטע בלומען. פּאַכעט ער מיט די בלומען, שנײַדט מיט זיי די לופט און האַלט אַ רעדע. וואָס ער זאָגט קען בעלאַ ניט הערן, ווײַל זי שטייט צו ווײַט און מיט דער גאַס גייען שוין ווידער טאַנקען. זי זעט פון דער ווײַטנס ווי עס וויגן זיך רויטע פּאַנען. זי הערט די הוראַ־געשרייען. אויפן מאַרק גייט דער ערשטער סאָוועטישער מיטינג. און מענטשן קומען און קומען פון אַלע זײַטן. יובגוואַרג און עלטערע. אַלע שטופּן זיך, אַלע ווילן הערן. אַלע ווילן וויסן וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך די נײַע מאַכט.

און מיט דער הויפּטגאַס פאָרן אַלץ און פאָרן מאָטאָריזירטע קאָלאָנעס. פון אומעטום קוקן אויף דיר נײַגעריקע אויגן. עס לאָכן צו דיר ווײַסע, געזונטע ציין.

די פאַרגרייטע בלומען האָבן קוים געקלעקט אויף צו באַשענקען די ערשטע קאָלאָנע. מען האָט שוין באַריסן אַלע בלומען אין די גערטנדלעך. מיידלעך ברענגען גערעניום פון די פענצטער. און נײַע און נײַע קאָלאָנעס פאָרן אָן אויפהער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דעם מיטינג האָבן זיך די אונטערערדלערס פאַרזאַמלט אויף אַ זיצונג אין דער געוועזענער פּרימאַריע. אויף דער זיצונג איז געקומען דער מיליטער־קאָמענדאַנט פון דעם שטעטל. ער האָט יעדן פון די קאָמיטעטשיקעס אויס־געשטרעקט אַ טרוקענע האַנט, אַרויסגענומען פון אַ פּשוטן פּוטליאַר אַ פּאָר קיילעכדיקע ברילן, גרונטלעך אויסגעווישט די גלעזלעך און דורך די ברילן, פון דאָס נײַ, אײַנציקווײַז באַטראַכט יעדן פון די אָנוועזנדיקע, אויסגעפרעגט יעדן באַזונדער ווער ער איז און וואָס ער איז. געהערט פון זיי, אַז אַלע זײַנען זיי קאָמוניסטן, האָט ער געבעטן זיי זאָלן אים ווײַזן זייערע פּאַרטיי־בילעטן. און אַז זיי האָבן, אַלע אין איין קול, דערקלערט אַז קיין פּאַרטיי־בילעטן האָבן בכלל בײַ זיי ניט עקסיסטירט, האָט זיך דער קאָמענדאַנט פאַרטראַכט. ער האָט געטראַכט פּאַמעלעך און גערעדט פּאַמעלעך. בשעת ווען די קאָמי־טעטשיקעס האָבן געברענט פון אומגעדולד. עס האָט זיך זיי געדאַכט אַז יעדע פאַרלוירענע מינוט איז אַ שאָדן, שיר ניט, פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע.

— נו לאַדנאָ, — האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט. טאַק אי ביט, טאָוואַ־

ריִשטשי פּאָדפּאָלשטשיקי* ביז עס וועט זיך נאָרמאַליזירן דאָס לעבן, און עס וועלן דאָ, ביי אונדז, זיין אויסגעוויילטע מאַכטאָרגאַנען, וועלן מיר אייך באַטראַכטן ווי אַ צייטווייליקער הילפס־קאָמיטעט און אונדז אַלעמען שטייט פאַר אַ וויכטיקע און ניט קיין לייכטע אַרבעט...

געענדיקט האָט זיך די זיצונג גאַנץ שפּעט. פון דער זיצונג איז מען אַרויסגעגאַנגען נאָס־אויסגעווייקט. דער קאָמענדאַנט איז אַוועקגעפאָרן. אַוודאי האָט מען זיך דערפרייט ווען מען האָט דערזען, אויף די טרעפּ, מאַריקאַ מעלניק מיט אַ פולן קאָשיק עסן. זי האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן האַנטעך, וואָס זי האָט געבראַכט, מען האָט אָנגעשניטן ברויט און מען איז צוגעטרעטן צו דער אַכילה.

עסנדיק האָט מען גענומען נאָכזוכן אַ סעקרעטאַר פאַר דעם צייטווייליקן קאָמיטעט. דער קאָמענדאַנט האָט געראָטן: נאָכזוכן אַ גראַמאָטנע מיידל וואָס קען רוסיש, מאָלדאַוויש און יידיש. געווונטשן, זי זאָל אויך קענען דרוקן אויף אַ שרייבמאַשין.

שימע גוראַלניק האָט פאָרגעלייגט ביילע ליטמאַן. אייניקע קאָמיטעטשיקעס האָבן זיך אַפילו געקרימט. זיי האָבן געפרעגט צי קען מען זיך ניט באַגיין אָן גבירישע טעכטערלעך? נאָר גריגאָרע מעלניק האָט געזאָגט: פאַדאַידיאַט!** אַזוי איז טאַקע געבליבן.

שימע גוראַלניק האָט אָפּגעזוכט ביילען אין גאַס און איר אָנגעזאָגט די בשורה. געהייסן זי זאָל מאָרגן אין דער פרי, אַכט אַ זייגער, קומען אין דער פּרימאַריע אויף דער אַרבעט. — מאַמאָטשקאַ!.. מאַמאַ!..

דריטער טאָג

אַברהם ליטמאַן באַטראַכט מיט אַ ביטערן שמייכל זיין בת־יחידה. זי וואַשט זיך און פּוצט זיך און קלייבט זיך ערגעץ אַזוי פרי.

נעכטן האָט זי געלייגט אַ סעקוועסטער אויף גבירישע געלטער אין באַנק. אירע לייט האָבן אַרויסגעטריבן מלך צוקערמאַן פון זיין פאַבריק. אוי,

* זאָל זיין אַזוי, חברים אונטערערדלערס.

** זי וועט צוגיין (טויגן).

פֿאַרפֿאַלן, ווי אַ פּאַטש אין „ווי הייסט מען עס", די הונדערט פּערציק טויזנט לעי וואָס אים קומט פֿון די צוקערמאַנס!

וווהין זשע אַוועקגעלט זי היינט אַזוי פֿרי? וואָס נאָך קלייבט זי זיך אויפֿטאָן?

סוחרים, קרעמערס מיט פֿאַרדאַגהטע פּנימער און פֿאַרצרהטע הערצער זיינען אים מקנא: נישקשה, דעם טאַטן אירן וועט זי שוין אַוודאי ביישטיין אין אַ נויט.

קוקט אַברהם אויף זיין יורשטע און ווייסט: זי וועט פֿון זיינטוועגן אַפֿילו מיט קיין פֿינגער ניט קיין ריר טון. זי וועט, אַדרבא, זיין כּולו דין. ערגעץ אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל טיף אין האַרצן, גרויסט ער זיך אַפֿילו דערמיט. — אוי אַ וועלט!.. אַ וועלטעלע!..

אויף די טרעפּ פֿון דער פּרימאַריע וואַרעמען זיך אונטער דער פּרימאָרגן־זון צוויי חברה־קאַמסאַמאַלצעס — שימע גאַראַלניקס קאַמאַנדע. דאָס געווער זייערס, — איין און איינציקע יאַגדביקס, שטייט ביי דער זייט. ס'איז פֿרי. קיינער פֿון די קאַמיטעטשיקעס איז נאָך ניטאָ.

אין די פּרימאַריע־צימערן — מישמאַש פֿון איבערגעקערטע בענקלעך, צונויפֿגערוקטע טישלעך, שטויב, פּאַפּירן. דאָס ערשטע וואָס ביילקע טוט: זי רופֿט אַריין די דעזשורנע; איינעם דערלאַנגט זי אַ פּאַרל עמערס און זאָל מוחל זיין און ברענגען וואַסער. דער צווייטער וועט האַלטן די לייטער אויף וועלכער זי וועט אַרויפֿקריכן אַרומווישן די לעמפּ און אַראָפּנעמען דאָס שפּין־געוועבס.

אין איינעם מיט דער אַלטער אויפֿראַמערין קערט מען און מען וואַשט און מעןווישט און מען צעשטעלט די טישן. ביילקע פּרוווט דעם טעלעפֿאָן, זי ווישט זאָרגפֿעליק אַרום די איינציקע שרייבמאַשין. און ווען עס קומען פֿון ערגעץ דער קאָמענדאַנט און דער אַלטער מעלניק און מען זעצט זיך אַוועק אין קילן קאַבינעט, מען גיסט זיך אָן אַ גלאָז קאַלטע קרעניצע־וואַסער, שטעלט מעלניק פֿאַר דעם נייעם סעקרעטאַר, ביי וועמען די הענט זיינען נאָך פֿייכט און די באַקן פֿלאַמען. באַטראַכט זי דער קאָמענדאַנט, ווי זיין שטייגער איז, לאַנג און שווייגנדיק און זאָגט נאָר איין וואָרט: „מאַלאַדיעץ!"

מען האָט געבראַכט דעם קיילעכדיקן שטעמפּל פֿון דער פּרימאַריע. דער געוועזענער סעקרעטאַר האָט באַפֿוילן אַז ער איז קראַנק, און חוץ דעם

שטעמפּל האָט ער גאַרניט. די שליסל פון דער פּייער־קאַסע האָט צוגענומען דער אַנטלאָפענער פּרימאַר. איבעריקנס, די פּייער־קאַסע איז אָפן און ליידיק. דעם שטעמפּל געטרויט מען דערוויל ביילען. דער קאָמענדאַנט וואָרנט זי: ניט יעדער פּאַפּירל וואָס מען קען איר אונטעררוקן מעג מען דערמיט צוקלאַפּן.

באַלד צעפאָרט מען זיך און מען גייט אַוועק; ווער אין מיל אַריין, ווער צו די בעקערס וואָס זאָגן זיך אָפּ צו אַרבעטן ביי נאַכט, ווער צו די קצבים, וואָס האָבן שוין צוויי טעג ניט געשאָכטן און אין די יאַטקעס איז ניטאָ קיין פליייש. ביילע בלייבט איינע אַליין אין „קאָמיטעט״. זי בלאָדזשעט איבער די אויפגעראַמטע צימערן. עס גלוסט זיך איר עסן. אַוולנדיק אין דער פרי אויף דער אַרבעט, האָט זי גאַרניט גענומען אין מויל אַריין. זי האָט געמיינט עס וואַרטן אויף איר צענדליקער מענטשן. ערשט זיצט זי אַ הונגעריקע און טוט ניט גאַרניט. דערפאַר, ווען זי דערזעט פּעסיע די צעלניקערין, ווי יענע הייבט פּאַמעלעך די גראָבע, געשוואָלענע פיס פון איין טרעפּ אויף דער אַנדערער, דערפרייט זי זיך — פאָרט אַ באַזוכער.

פּעסיע מלכּהס אָדער, ווי מען רופט זי אין שטעטל, פּעסיע די צעלניקערין, באַטראַכט מיט פּחד דעם ווייכן שטול וואָס ביילקע רוקט איר צו. זי הייבט אונטער אַ פּאָר פון אירע געררימע, ניט איבעריק ריינע קליידלעך און זעצט זיך צו אויפן סאַמע שפּיץ פונעם בענקל. מיט אַ געשוואָלענער, קורצפינגערדיקער האַנט גיט זי אַ וויש דעם שווייס פון איר נידעריקן שטערן און הייבט אָן איר מעשה פון גאַנץ ווייט.

— ווער געדענקט ניט, זאָגט זי, וואָס פאַר אַ שווערער ווינטער ס׳איז געווען פאַר צוויי יאָרן?.. מען איז געפאָרן אומזיסט פון איין יאַריד אויף דעם אַנדערן. געלייזט האָט מען מכּות! צום גליקלעכן רימל האָט זי זיך צוגעקילט און אָפּגעקרענקט ביז נאָך אַלע חגאָס. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס עס איז געוואָרן פון דער שטעל, אַז דאָס גאַנצע מיסחר איז געבליבן אויף איר יענטעלען, אַ קינד נעבעך! מען האָט ביי איר מער געגנבעט ווי געקויפט, וואָרעם אַן עָרל, טעכטערל, איז אַ גנב! מען דאַרף אויף אים האָבן אַן אויג...

ביילע האָט גראָד דערזען דורכן פענצטער, עס גייט מאַריע און טראָגט איר עסן.

...ווען זי, פּעסיע, איז אויפגעשטאַנען פונעם בעט און באַטראַכט דאָס

גאַנצע רומל, איז איר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן: ניט קיין געלט און ניט קיין סחורה! כאָטש צי אויס די פיס! און דאָ איז באַלד פּאַסכע. מען דאַרף אַרויספאָרן אויף די יאַרידים. — נאָר מיט וואָס פאָרן? מיט דער לײדיקער שטעל? האָט זי זיך אָ וואָרף געטון צו הערשל געגדלער. הערשל געגדלער איז גרייט צו באָרגן אַ ביסל עולם־הבא. סחורה גיט ער נאָר פאַר מזומנים. איז געבליבן נאָר איין נחום יאָסעלעס. האָט זי אים, דעם פּראָצענטניק אָוועקגעטראָגן דעם שליאַמקעס מאַנטל. אַ מאַנטל — אַ שם דבר! אַ ירושה פון דער מאַמען זאָל זיך מ׳יען. איז אים געווען ווייניק, האָט זי אים צוגעגעבן די זילבערנע לײכטערס, און אָנדערהאַלבן יאָר האַלט זי אין איין צאָלן און איז אים נאָך אַלץ שולדיק.

— מענטשן זאָגן — מען וועט ביי די גבירים קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן. ווו זשע איז דער יושר? אַזאַ מאַנטל! אַ ירושה פון דער מאַמען זאָל אומזיסט פאַרלוירן גיין!.. כ׳האָב, — זאָגט זי, — מיר אָפּגעריסן פונעם האַרצן. האָב קיין פאַריבל ניט, טאַטעשי, טאַטענקע, ביסטו אַליין ניט בכוח עפּעס צו טון און מען דאַרף איבעררעדן מיט אַ גרעסערן פריץ, בעט איך דיך טאַטע, טאַטענקע, זאָג פאַר מיר אַ גוט וואָרט.

נחום יאָסעלעס, ביילע קען אים גוט. אַ האַלב שטעטל אָרעמע־לײט זיינען זיינע בעלי־חובות. צוויי צימערן זיינען ביי אים פאַרלייגט מיט משכּנות. זי טראַכט: סע וואָלט געווען אַ גרויסער יושר — אַ טרייסל טון דעם פּראָצענטניק. אַ שאָד וואָס עס איז קיינער ניטאָ פון די חברים. ניטאָ מיט וועמען זיך צו באַראָטן. זי רופט אַריין איינעם פון די דעזשורנע.

— צי ער קען נחום יאָסעלעס? — ווער קען ניט נחום יאָסעלעס?

— דאַרף מען אויף איין פוס צושפּרינגען צו נחום יאָסעלעס און אומקערן זיך מיט אים אין איינעם.

— זאָג, דאָס מען רופט אים אין קאָמיטעט. און טרעט ניט אָפּ ביז ער וועט ניט גיין.

דער ערשטער געדאַנק, ביי נחום יאָסעלעס, איז מאַכן זיך קראַנק. נאָר ביי דעם שליח איז עס קיין תּירוץ ניט. מען מוז גיין! וויל נחום יאָסעלעס וויסן: ווער רופט אים? צוליב וואָס רופט מען אים? צי רופט מען נאָך עמעצן פון די בעלי־בתּים?..

אויף אַלע פראַגעס האָט דער בחורעץ איין ענטפער: „דאָרט עט מען זען".

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם קיילעכדיקן נחומען אויף צוויי שפּאַן פאָרויס און שפּאַנט הינטער אים מיט דער יאַגדביקס אין די הענט, גלייך ער האָט נאָר וואָס געכאַפּט און פירט די גאַנצע קאָנטררעוואָלוציע פון גאָר דער וועלט.

דערזען ווי דער קורצפּיסיקער נחום שפּאַנט, האָטביילקע אַריינגעפּירט פּעסיען אין אַ צווייט צימער און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויבן אָן בײַם פּרימאָר אין קאַבינעט.

נחום יאָסעלעס, אַז ער מאַכט אויף די שווערע דעמבענע טיר און דערזעט אויבן אָן זיצט סך־הכל אַברהם ליטמאַנס טעכטערל און עפּעס אַן אַלטע גויע, ווערט אים גרינגער אויפן האַרצן. ער וואַרט ניט אויף קיין אײַנלאַדונגען, רוקט אַרויס אַ געבעט בענקל, זעצט זיך אַוועק און נעמט זיך ווישן דעם שווייס פונעם פעטן קאַרק.

ביילע הייבט אָן דעם שמועס דיפּלאָמאַטיש:

— אויף אייך, רב נחום, האָט מען זיך געקלאָגט פאַרן קאָמענדאַנט דאָס איר פאַרקויפט די משכנות וואָס מענטשן האָבן בײַ אייך פאַרזעצט.

דערויף ענטפערט נחום יאָסעלעס מיט אַ מבול טענות:

— וואָס רעדט זי? וואָס? וואָס פאַר אַ משכנות. טאָמער טוט מען אַ הימישן מענטשן אַ טובה און מען לײַט אים אַ גמילת־חסד, הייסט עס משכנות.

— גמילת־חסד, זאָל זיין אַ גמילת־חסד! נאָר צווישן אונדז גערעדט: פּראָצענט, רב נחום, נעמט איר דאָך און אָן קיין משכּן לײַט איר דאָך ניט.

— נו, מען נעמט, פאַרשטייט זיך, אַ משכּון. לייטישקייט איז לייטישקייט. און געלט איז געלט. וואָס ס'איז שייך פּראָצענט, צאָלט די ראַטנמאַכט אויך פּראָצענט אירע ווקלאַדטשיקעס. נאָר דאָס אַלעס איז פּוסטע רייד, אויב מען האָט אים שוין יאָ געבראַכט אַהער ווי אַן אַרעסטאַנט, וויל ער טאַקע וויסן, ווער האָט עס אָנגערעדט אויף אים אַזאַ בילבול?

— פּעסיע מלכּהס זאָגט דאָס ער האָט פאַרקויפט איר שליאָמענעם מאַנטל.

— וואָס איז זי, פּעסיע? משוגע צו חסר־דעה?!.. טו אַ מענטשן אַ טובה וועט ער דיר נאָך דעם אָנשפּייען אין פּנים!.. פאַר צוויי יאָרן, דאַכט זיך, האָט ער איר געליִען אַ מטמון מיט געלט. ער האָט איר אַוועקגעגעבן דעם לעצטן מזומנעם גראָשן פון דער שטוב, און זי צאָלט אים פאַרשיווע עטלעכע

לעי אַ חודש! דער שליאַמענער מאַנטל אירער! די ווילדע מציאה, הענגט בײ אים אין שאַפֿע. דער רוח האָט אים ניט גענומען!

— אויב אַזוי, — זאָגט ביילע — איז דאָך ווידער גוט. קערט איר אום דעם מאַנטל און אויפֿן רעשט פֿונעם חוב וועט זי אײַך געבן אַ קוויטל. אײניקע מענטשן מײנען אַז אויב ס'איז געקומען די ראַטנמאַכט מעגן זײ שוין מאַכן וואָס זײ ווילט זיך. וויפֿל איז זי אײַך שולדיק אויף דעם הײַנטיקן טאָג?

— גאָלדענע רייד! — דערפֿרײט זיך נחום יאָסעלעס — וויפֿל זי איז אים שולדיק געדענקט ער ניט. ער וועט אַ קוק טון אין די ביכער, וועט ער איר זאָגן. וואָס סע איז שייך דעם מאַנטל...

— הייסט עס — שלאָגט אים ביילע איבער די רייד — בײַ אײַך אין דער היים זײַנען דאָ ביכער וווּ עס איז פֿאַרשריבן ווער וויפֿל עס איז אײַך שולדיק. איז אָט טאָקע די ביכער דאַרפֿן מיר דאָ, אין קאָמיטעט. — רעב נחום וועט זײַן אַזוי גוט און אָנשרײַבן זײַן שלימען אַ צעטעלע, זי זאָל נעמען זײַנע ביכער און צוברענגען אַהער. און ער אַלײן וועט דאָ דערווײַל צוואַרטן אין צווייטן צימער.

נחומען האָט באַשלאָגן אַ היץ. „נחום יאָסעלעס! — האָט ער אַ טראַכט געטון, — ביסט אַרײַן ווי קורח אין דער אדמה!"

ביילע וואַרט ביז ער שרייבט אָן מיט אַ ציטעריקער האַנט די עטלעכע ווערטער לזוגתו. זי איז ניט פֿויל זייער אויפֿמערקזאַם איבערלייענען דאָס קוויטעלע. און דער דעזשורנע מיט מאַריען לאָזן זיך אין וועג אַרײַן נאָך די ביכער.

זיי קומען באַלד צוריק מיט דער דאַרער שלימען, אַ דערשראָקענע, אַ פֿאַרוויינטע.

— גאָט באַהיט! מיט אייער נחומען איז גאָרניט געשען. אָט רופֿן מיר אים אַרײַן, וועט איר אַליין זען.

ביילע בלעטערט דעם בוך. אויף יעדן בלעטל — אַן אַנדער בעל־חוב. צווישן ייִדישע נעמען וואַרפֿן זיך דורך אַזוינע נעמען ווי איוואַן דער לאַנגער מכּפֿר אַלעקסייעווקע, סאַפּראַן שאַלדו מכּפֿר ראַטונדע. און אָט איז דאָס וואָס זי זוכט: פּעסיע מלכּהס — אַנדערהאַלבן אַלפֿים. דאָס וואָס זי קלייבט זיך טון וועלן אפֿשר די חברים ניט באַוויליקן. דער קאָמענדאַנט וועט זיך בייזערן

וואָס מען פאַרנעמט זיך מיט קלייניקייטן. נאָר פאַר די צענדליקער בעלי־חובות איז עס ווייט ניט קיין קלייניקייט.

— גוט, — זאָגט זי און פאַרמאַכט דעם בוך, — וואָס ס'איז געווען איז פאַרפאַלן. זייט מוחל, רב נחום, רעכנט אונטער דעם חשבון וויפל עס קומט איך נאָך ביי דער פּעסיען. נאָר אָן פּראָצענט. זי וועט איך אונטערשרייבן אַ קוויטל אויפן חוב און וועט גיין מיט איך. איר וועט איר אומקערן אירע משכּנות און געענדיקט דעם ענין.

און ביילע הייבט אויף אויף אים אַ פּאָר לעבעדיקע, לאַכנדיקע אויגן. אויגן וואָס זאָגן: „זעסט וואָס פאַר אַ מזיק איך בין!"

ביי נחום יאָסעלעס, וואָס איז שוין גאָר געווען געפאַלן ביי זיך, קומט די נשמה אויפן אָרט. פּאָרט, טראַכט ער, אַ בעל־הבתיש קינד.

— אַדרבא. אויב די באַרישניע וועט באַשטעטיקן דאָס קוויטל האָט ער גאָרנישט קעגן.

ביילע שרייבט דאָס קוויטל און פּעסיע די צעלניקערין ווישט די האַנט אין קליידל. זי קלייבט זיך אונטערשרייבן.

נחום יאָסעלעס שאַרט זיך פּאַמעלעך צו יענעם עק טיש וווּ עס ליגט זיין פּינקס. קיינער קוקט ניט אין זיין זייט. ער האַלט שוין דעם פּינקס מיט בײדע הענט. איצט וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען און זאָל זי ברענען, די צעלניקערין, מיט איר שליאָמענעם מאַנטל!

— איין מינוט, רב נחום, — זאָגט צו אים אברהם ליכטמאַנס מויד — זאָל דערווייל אייער שלימע אַהיים גיין מיט דער ייִדענע און איר אָפּגעבן די משכּנות, און איר, זייט מוחל, זעצט זיך אַוועק און שרייבט אַרויס פון אייער ספר אַ צעטל פון אַלע אייערע בעלי־חובות, ווער עס האָט ביי איך משכּנות. ווי נאָר איך וועל דאָס צעטל איבערקוקן זייט איר פריי. די בעלי־חובות אייערע וועלן מיר צו וויסן טון, און איר וועט זיי אומקערן די משכּנות.

ניט קיין מויד, נאָר אַן אָנשיקעניש מן השמים!..

די מעשה מיט די משכּנות האָט זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל. פּעסיע די צעלניקערין און איר יענטעלע, אָרעמע־לייט, האָבן זיך אַ לאָז געטון אַפּנעמען די משכּנות. עס האָבן די מעשה דערציילט ייִדן בעלי־בתּים, דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלייך זיי זיינען דערביי אַליין געשטאַנען, דערציילט

ווי אַזוי אַ „נישט״, אַ מיידעלע, ערשט נעכטן פון דער גימנאַזיע, האָט געקויפט אַזאַ חכם! אַזאַ קאָפּמענטש, ווי נחום יאָסעלעס! יידן בעלי־בתּים האָבן געקרעכצט: „אַז גאָט וויל אומברענגען אַ מענטשן, נעמט ער אים אָפּ דעם שׂכל!..״ די מעשׂה איז דערגאַנגען צו אַברהם ליטמאַן אין ברעטער־סקלאַד. ער האָט נאָר קרום אַ שמייכל געטון אין די אונטערגעשווירענע וואָנצעס אַריין.

אָט צוליב וואָס זיין בת־יחידה האָט זיך היינט אין דער פרי אַזוי אויס־געפּוצט.

די געשיכטע האָט מאַריע דערציילט פּעטרע לונגו. פּעטרע לונגו האָט עס באַלד איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט אויפמערק־זאַם אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע. געשוויגן אַ ווײַלע. געטראַכט דאָס זייניקע און צוגעגעבן: „דעיסטוויטעלנאַ מאַלאַדעץ!״* ער האָט געבעטן מען זאָל אים אַריינרופן מאַריען. אַוועקגעזעצט זי לעבן זיך און אויסגעפרעגט זי פון אַלף ביז תּו; ווער זי איז און וואָס זי איז און געבעטן זי זאָל אומבאַדינגט קומען מאָרגן אין דער פרי. אַזוי איז אין צווייטוויילינקן קאָמיטעט צוגעקומען נאָך אַ מיטגליד — אַ פרוי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר נאַכט איז צו די שוועסטער לודמער געקומען, ווי תּמיד די לעצטע צייט, נחמן דער לאַנגער. ער איז געזעסן און קוים געהערט וואָס מען רעדט צו אים. געקוקט ווי עס שמייכלט ביי דער אַרבעט עטעלע קושניר. אָפּגעשוויגן זיין צייט האָט ער זיך אויפגעהויבן און שטיין געבליבן לעבן עטעלען.

— פון יאָסעלען, — האָט ער געפרעגט, — פון יאָסעלען איז נאָך אַלץ גאָרנישט דאָ?

מיט יאָסל קושניר זיינען זיי אויסגעוואַקסן אויף איין גאַס. געגאַנגען אין איין חדר, געלערנט איין צייט אין איינעם ביי ווילענסקען אין גימנאַזיע און בכלל געווען אַ מאָל געשווירענע חברים. איין יאָסל וואָלט אים אפשר פאַרשטאַנען. שוין לאַנג ווי עטעלע האָט אים געענטפערט, אַז פון יאָסלען

* ווירקלעך אַ מאַלאַדיעץ.

ווייסט מען נאָך גאָרניט. פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן, ווו ער איז די לעצטע צייט געווען מאָביליזירט האָט זיך דערוויל קיינער ניט אומגעקערט, און נחמן שטייט נאָך אַלץ און קוקט ווי לייכט עס באַוועגן זיך אירע לאַנגע, פיינע פינגער. איצט וועט ער סוף־כּל־סוף אַוועקגיין. ער וועט גיין און טראַכטן: דער טאַטע זיינער, זלמן שַמָש, האָט אים קוים מיט צרות אויסגעהאַלטן ביז דעם פינפטן קלאַס גימנאַזיע. מער האָט קיין כּוח ניט געקלעקט.

נחמן ווייסט: אָט די פיר קלאַסן זיינע, זיי האָבן אים אָפּגעסמט דאָס לעבן. אַנדערע קבצנישע קינדער, אָפּגעלערנט אַ באַשטימטע צייט אין חדר אָדער אין דער שקאָלע פּרימאַרע,* האָט מען זיי אָפּגעגעבן, ווען צו אַ שניידער, ווען צו אַ סטאָליער. אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיינען זיי געוואָרן אַרבעטאָרערס, פּאָרדינערס. צי האָט ער מיט זיינע פיר קלאַסן גימנאַזיע געקענט ווערן אַ לערן־ייִנגל? ער איז געוואָרן אַ רעפּעטיטאָר! אָן אַריינגייער אין נגידישע קיכן. אַ מלמד אויף שטונדן! ניט אַהין און ניט אַהער! און אַז עס איז אים נימאס געוואָרן, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה. געוואָרן אַ חָלוץ. געאַר־בעט מיט די זייטן! געלערנט די פּראָפעסיע פון אַן ערד־אַרבעטער. געמלוי־צעט ווייץ, געגראָבן בוראַקעס, געפירט מיסט אויף די פעלדער. געריייניקט שטאַלן. ביז שפּעט אין דער נאַכט געטאַנצט און געזונגען.

„— אוי, אוי נֶעלָים! בלי סוליות — נְעָלִים, והאבן צורבת את הרגלים”. מען האָט געלעבט אין קאָלעקטיוו. געפּילט זיך פּראָלעטאַריערס. זאָל זיין אַז ניט קיין לייכט לעבן האָט געוואַרט אויף אים אין לאַנד פון די אָבות. געקומען די צייט זיך קלייבן אין וועג אַריין. האָט ער אָבער אַנטדעקט אַז יאָסל קוש־נירס שוועסטערל עטעלע איז פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן און אַז מען גיט אַ קוק אויף איר פון דער נאָענט און מען זעט די לויכטנדיקע פּייערלעך אין אירע שמייכלענדיקע אויגן, דערפילט מען אַ שוואַכקייט אין די פיס. פון פאָרן קיין פּאַלעסטינע האָט זי אַפילו הערן ניט געוואָלט. איז נחמן דער לאַנגער, נחמן ברונשטיין, ווידער אַ רעפּעטיטאָר און לויפט אום אויף אוראַקן. מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן ווייסט ער ניט. נאָר כּל־זמן אַ מענטש לעבט, האָפט ער.

---

* פּאָלקסשול.

קיין גימנאַזיע האָט ער טאָקע ניט געענדיקט, נאָר אַ באַלעזענער בחור איז ער. הויך און ברייטבייניק. בעל־הבתּישע מיידלעך האָבן גערן ווען ער קומט אַריין צו גאַסט. בעל־הבתּישע מיידלעך ווייסן: פֿאַר קיין חתן טויג ער ניט, נאָר אַן אינטערעסאַנטער קאַוואַליר איז ער.

איז אַקעגן וואָס קריכן אים איצט אין קאָפּ די אַלע נאַרישקייטן? דער וועג קיין ארץ־ישׂראל איז אַצינד פֿאַר אים פֿאַרמאַכט און פֿאַרחתמעט. יאָסל קושניר איז נאָך אַלץ ניטאָ. פֿאַר יאָסלען וואָלט ער זיך געקענט אָפּרעדן פֿונעם האַרצן.

אַ סאָוועטישער סטאַרשינאַ, אַ ייִד מיט וועמען ער האָט זיך צופֿעליק באַקענט, האָט אים געראָטן מאָביליזירן זיך אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד; אויפֿן דאָנבאַס אָדער אויף אוראַל. דאָרטן, האָט ער געזאָגט, פֿעלן שטענדיק אויס אַרבעטסהענט.

אַרבעטן איז אַרבעטן. אים שרעקט ניט גאָרניט. נאָר ווי אַזוי דערקלערט מען עטעלען: — מיט איר אין איינעם איז ער גרייט פֿאָרן אַפֿילו אין עק וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי נאָר די בעלי־בתּים זיינען אַהיים געגאַנגען, האָט אברהם־יאָסל דער רב זיך צוגעלייגט אַ קאַפּעלע אָפּרוען.

לייקע, די רביצין, קלאַפּט מיט די טעלערס — קלאָמפּערשט זי גרייט צום טיש. און אַליין זידט זי ווי אַ קעסל. — מער פֿעלט אים ניט, דעם טיפּש! אין אַזאַ צייט צונויפֿרופֿן אסיפֿות. און נאָך וועמען? סאַמע גבירים! עס גלוסט זיך אים, דעם אַלטן, מען זאָל אים אויף דער עלטער אָפּשיקן קיין סיביר. זי וואָלט זיי אַוודאי געזאָגט וואָס זי טראַכט. נאָר אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופֿר ניט בלאָזן! מער פֿון אַלע קען זי ניט ליידן דעם בן־ציון פֿיכמאַן. לעקט אָבער דער שלימזל אירער פֿון אים די פֿינגער. — אַ ייִד אַ חכם, זאָגט ער. ווען ניט בן־ציון פֿיכמאַן, וואָלט ער נאָך עד־היום געווען אַ בטלן, אַ ישיבה־מלמד.

אַברהם־יאָסל הערט ווי זי רוקט, מיט כּעס, די בענקלעך. „ווייסעך וואָס — טראַכט ער — אַן אישה, זי וועט כּעסן און עס וועט איר איבערגיין. לכל הדינים וואָלט ער געמעגט בענטשן גומל. אויסגעמיטן, ברוך־השם, אַן אומגליק און נאָר אַ דאַנק בן־ציון פֿיכמאַן".

אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח, מאַכט זיך אויף די טיר און עס שטעלט זיך צו אים אַריין אַ זשאַנדאַרם מיט אַ ביקסל. דער זשאַנדאַרם נעמט דווקא זייער העפלעך אַראָפּ דאָס היטל און בעט דעם דאָמנו* ראַבין, אַזוי ווי עס איז געקומען צו פאָרן דער דאָמנו מאַיאָר, און דער דאָמנו מאַיאָר וויל זיך דורכ־ריידן מיטן דאָמנו ראַבין, האָט דער דאָמנו מאַיאָר צוגעשיקט זיין אייגענע בריטשקע. די בריטשקע וואַרט אין דרויסן, ביים גאַנעק, און דער זשאַנדאַרם וואַרט אין שטוב. מען מוז פאָרן.

אַוודאי האָבן אים געציטערט די הענט בעת ער האָט אָנגעטון די שבת־דיקע קאַפּאָטע, לאַהקע, די רביצין — אַ שענערע לייגט מען אין קבר אַריין! נאָר אַ ברירה האָט מען?

צוויי געזונטע סוסים האָבן אים כהרף־עין געבראַכט צו דעם זשאַנ־דאַרמסקע פּאָסט. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט קומען צו זיך, ווי דער יונגער מאַיאָר האָט אים אָנגעהויבן מיט ווייכע ריי־אַוועקגעזעצט אַקעגן זיך און דעלעך:

— זיי, די רומענער, זיינען אַ ליבעראַל פאָלק. זיי האָבן געגעבן די יידן פולע בירגעררעכט. נאָר יידן האָבן זיך פאַרקויפט צו „מאָסקווע". ער קלייבט זיך ניט באַשולדיקן דעם חשובן דאָמנו ראַבין. ער ווייסט אַז צווישן די יידן זיינען אויך דאָ לייטישע מענטשן. די מלוכה שעצט יעדן גלויבן. גאָט, דער קייסער און דאָס פאָטערלאַנד זיינען די דריי זיילן אויף וועלכע עס האַלט זיך די וועלט. ווער עס איז קעגן דעם קייסער, דער איז קעגן גאָט און קעגן דעם פאָטערלאַנד! אַזעלכע מענטשן דאַרף מען אויסרייסן מיטן וואָרצל! פאַר־שטייען זיי! ווי עס שטייט ביי אייך אין תלמוד.

קורץ גערעדט: ער וויל דער חשובער דאָמנו ראַבין זאָל העלפן באַקעמפן די קאָמוניסטן. זאָל דער דאָמנו ראַבין צונויפרופן זיינע יידעלעך אין דער סינאַגאָגע און אַ רייד טון מיט זיי ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיטן האַרבן וואָרט.

וואָס ענטפערט מען דעם פּריץ? דער פּריץ וואַרט אַפילו ניט אויף קיין ענטפער. דער פּריץ אַײַלט זיך אַוועקצופאָרן. די פאַרזאַמלונג אין סינאַ־גאָגע הייסט ער פאַררופן קומענדיקן שבת.

---

* הער.

אַהיים גייט דער דאָמגו ראַבין צו פוס. ער פילט זיך ווי מען וואָלט אים נאָר וואָס אָפּגעגאָסן מיט אַ ברודיקן עמער וואַסער. אַ גליק וואָס אויפן וועג האָט ער באַגעגנט בן־ציון פּיכמאַן. בן־ציון פּיכמאַן האָט געראָטן: סע איז ניט קיין עסק פאַר אַ דוכאָוונע מענטשן זיך מישן אין פּאָליטיק. דאַנקען גאָט! מער האָבן אים די זשאַנדאַרמען ניט געטשעפּעט. אַ שיין פּנים וואָלט ער אַצינד געהאַט ביי דער נייער מאַכט.

— —

וואָס מער די חברים ווערן נאָך איר די כּפּרה, אַלץ מער קען זי רָחלע וואָלעך ניט ליידן, אַלצדינג אין דער בעלאַן געפעלט איר ניט. אַ געגנגעלע ביי איר ווי אויף רעסאָרן. זי האָט שטאַרק אָנגעטאָפּט ביי זיך! ווען מען שטעלט זי אַוועק אַ לאַנגן זומערטאָג וואַשן פרעמדע וועש, אָפּזייפן פרעמדן ברוד, וואָלט זי ניט געגאַנגען אַזוי טאַנצנדיק, ניט געשמוכעט אַזוי זיס, ווי זי וואָלט דער גאַנצער וועלט אָנגעקערט אַן אייגענע שוועסטער!

ווינטער פלעגט זי יעדן חודש ברענגען אַ פאַרפּאַקעוועט פּעקעלע מיט פּראָ־דוקטן און מעדיקאַמענטן פונעם „מאָפּר״ מען זאָל עס איבערשיקן שמואליקן אין דער טורמע. איצט איז זי אַ גאַנצע אויפטוערין אין קאָמיטעט. נאָר פון דער מאַמען וועסטו זיך ניט אָפּטשעפּען. די מאַמע וויל זיי זאָלן גאָר גיין צו בעלאָטשקען.

— עס זיינען דאָ אין קאָמיטעט אַ סך וויכטיקערע חברים וואָס ווייסן אַ סך מער פון דיין בעלאָטשקען!

— די קאָמיטעטשיקעס — רעכנט די מאַמע — האָבן אַצינד אַ גאַנצע שטאָט אויף זייערע קעפּ. און בעלאָטשקע ליטמאַן איז אַן אייגענער מענטש. מירן זי בעטן וועט זי אָנקלינגען קיין טשערנאָוויץ. ווארעם ס'איז שוין דער וויפלסטער מעת־לעת און קיינער האָט זיך אין שמואליקן ניט דער־מאָנט!

רָחלע קען שווערן: בעלאַ, ווען זי האָט זיי דערזען איז זי רויט געוואָרן ווי אַ בוריק. — די מינוט וועט זי אָנקלינגען קיין טשערנאָוויץ.

קלינגט זי און קלינגט און קען זיך ניט דערקלינגען. סוף־כּל־סוף פאַר־שטייט מען דאָרט וואָס זיי ווילן. מען שיקט דאָרט עמעצן רופן און ביז יענער

קומט זעטביילע ווי דריוונע עס ציטערן ביי שמואליקס מאַמען די אויסגע־האָרעוועטע הענט אויפן שוואַרצן שבתדיקן קלײדל.

— אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען פריי און שמואליק וואָלעך אויכעט.

— די מאַמע זיינע וויל וויסן, ווו ער איז אַצינד.

— די נאַכט פאָרט ער אַרויס אַהיים, מיט דער באַן.

ציביה וואָלעך ניט זי גייט, נאָר זי שוועבט. און די פרייד לויפט פאַר איר. ביילקע איז געבליבן אויפן טראָטואַר איינע אַליין.

ווּהין זאָל זי, ביילע ליטמאַן, אַנקלינגען? וועמען זאָל זי פרעגן? וועמען זאָגן ווי שווער עס איז צו וואַרטן? זי וויל יאָ, צי זי וויל ניט. נאָר אַהיים גייט זי. און עס שטייט איר נאָך פאַר אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ וואַרעמע לבנה־נאַכט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פערטער טאָג

און אין קאָמיטעט קומען מענטשן אָן אויפהער; מענטשן ווילן וויסן וויפל לעי דאַרף מען צאָלן פאַר אַ רובל. און צי מעגן קרעמערלעך פאַרן מיט זייערע שטעלן אויפן נאָענטן יאַריד. און צי מעג מען חתונה מאַכן די טאָכטער מיט אַ רב און מיט חופּה־וקידושין.

שמייסערס האָבן דערקלערט אַ שטרייק: זיי פאָרן ניט צו דער באַן, ביז דער בעל־הבית זייערער, חיים פּעמפּיק, וועט זיי ניט געבן אַ הוספה אויף די שכירות. דעם בעל־הבית זייערן האָבן זיי ממש געבראַכט צו שלעפּן אין קאָמיטעט.

— זאָל דער „קאָמיטעט" זאָגן וואָס מען דאַרף טון מיט אַזאַ בורזשוי! מיט אַזאַ ספּלואַטאַטאָר!

חיים פּעמפּיק האָט, קיין עין־הרע, אַ געמבעלע:

— די גנבים! — שרייט ער — זיי קוילען מיך אָן אַ מעסער. זיי לקחנען אַזוי אויך האַלב פון דעם פאַרדינסט. הײנט — די מאַשינען! גרוזאָוויקעס פאָרן אויף און אָפּ צו דער באַן. ווי נאָר עמעצער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט,

שטעלן די סאָלדאַטן אַפּ די מאַשין — „סאַדיס״ !* זאָגן זיי. וואָס זשאַלעווען זיי ? זייער טאַטנס בענזין ?! זייער באַבעס מאַשין ?! קיין האָבער קויפן דאַרפן זיי ניט !.. האָבער איז מיט גאָלד גלייך ! געוואַלד ייִדן ! — טענהט דער פּעמפּיק צו גריגאָרע מעלניק, — ווו זאָל איך נעמען געלט פאַר די ליידאַקעס ! ס'איז דאָך ביי זיי „ראַדי ! טאַ דאַי !** ווי נאַר, אם־ירצה־השם, מען וועט דערלעבן מאָנטיק, טרייבט ער אַרויס די פערדלעך אויפן יאַריד און אויס בעל־עגלה.

זאָגט אים גריגאָרע מעלניק, דווקא זייער רויִק :

— פאַרקויפן די פערד אין אַזאַ צייט איז ריינער סאַבאָטאַזש. ס'וואָלט ניט געשאַדט חיים זאָל אַ טראַכט טון...

חיים זאָל אַזוי וויסן פון בייזע וויטיקן, ווי ער ווייסט ניט וואָס דאָס איז אַזוינס „סלאַבאָטאַזש״, נאָר מיט קיין האָניק זעט אויס, שמעקט עס ניט. און צוריק גערעדט — וואָס נעמט ער זיך אַזוי שטאַרק איבער ? ר'וועט פאַרקויפן די פערדלעך ? וואָס זשע וועט ער טון ? — שרייבן תפילין ?!..

— אַ קרענק זיי אין די ביינער אַריין ! זאָל זיין אַ הוספה !

...דעם חזירניק וואַסילי מוטשניק האָבן געבראַכט אין קאָמיטעט ווערא, זיין ווייבל, מיט אירע חברטעס. ער האַלט זיך קוים אויף די פיס.

וואַסילי איז געכאַפּט אין גלעזל, זיצט ער ביז האַלבער נאַכט ביי בערל דעם קרומען אין שענק, קומט ער אַהיים, רייסט ער ווערקען אַראָפּ פונעם בעט, נעריקט זי, אָן אַ פאַרוואָס, שלעפּט זי ביי די צעפּ ! קערט מיט איר אויס דאָס צימער ! — וואָס איז ? — ער איז אייפערזיכטיק, ער וויל ניטליידן וואָס זי לאָזט אים זיצן און טרינקען אין שענק.

— פריִער, — זאָגט ער, — האָט זי ניט געלאָזט, זי האָט אים גענומען פאַרן קאַרק און געשלעפּט אַהיים. איצט אַרט זי ניט וואָס ער טרינקט, ווייל זי האָט זיך אויסגעזוכט אַ ליובאָווניק ! ווערא וויל אַ גט. פריִער, זאָגט זי, האָט זי געטערפּעט, איצט וויל זי ניט טערפּען. ס'איז סאָוועטסקי וולאַסט !

גיי, איבערצייג די ווייבער אַז גטן האָט דער קאָמיטעט קיין רעכט ניט. אויף גטן זיך מוז זיין אַ געריכט און קיין ריכטער איז דערוויל ניטאָ. וואָס

* זעץ זיך.
** געבויר און גיב !

ביילע קען יאָ טון, איז אַריינרופן די דעזשורנע און מען זאָל אָפּפירן דעם שיכּורן בויאַן אין שטאַל, ווו דער פרימאַר האָט געהאַלטן די פערד און פאַרשפאַרן אים דאָרטן ביז ער וועט זיך אויסשלאָפן. אַ נייע מאַכט, מוז זי שוין האָבן איר אייגענעם אָסטראָג.

אַלע פרילינג דינגט וועלוול קאַלעכמאַן דעם גרויסן פּרוכטגאָרטן ביי דער אַלטער פּריצה. אַז גאָט העלפט — אַ גוט געראַטעניש, נעמט מען אַראָפּ די ווײַנשל, מיט די עפּל, מיט די באַרן, מיט די גרויסע הונגאַרישע פלוימען. וויפל עס לאָזט זיך, פאַרקויפט מען. אַ ביסל טריקנט מען אויס. עפּל זויערט מען אויף קוואַסניצעס. פון די פּאַדאַלקעס מאַכט זיין קריינדל פּאָווידלע — די פינגער צו לעקן! ציט מען דאָס ביסל חיונה. האָבן זיך אַראָפּגעיאָוועט אין גאָרטן אַ כאָפּטע לײַדיקגייערס, שניידערוקעס! — ניטאָ, האָבן זיי דער־קלערט, ניטאָ מער קיין פּריצים מיט קיין פריצעס! דער גאָרטן איז נאַציאָ־נאַליזירט! ווער עס וויל מעג רייסן וויפל ער וויל! און ניט לאַנג געטראַכט, האָבן זיי גענומען טרייסלען דיביימער, ברעכן צווייגן! — ווו זשע איז דער יושר?!..

שרייבט ביילע אַ פּאַפּיר: ביזן אַראָפּנעמען די גאַנצע געראַטעניש, ווערט דער מלוכה־גאָרטן, דער געוועזענער פּריצישער גאָרטן, וואָס ביי דער גרעבלע, איבערגעגעבן דעם בירגער וועלוול קאַלעכמאַן אויף אָפּהיטן, באַאַרבעטן און אַראָפּנעמען די געראַטעניש. די געראַטעניש געהערט אין גאַנצן אים. עס איז שטרענג פאַרבאָטן רייסן פּרוכטן, ברעכן צווייגן און אָנטון אַנדערע שאָדנס. דער שפּאַציר אין גאָרטן איז פריי פאַר יעדן איינעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צירל פּיכמאַן וויסט אַז פאַרלאָזן זיך אויף איר בן־תּורה, אויף איר גאָלדענעם בן־ציון, איז אַ פּוסטע מעשׂה. אַנדערע מענטשן, מענטשן מיט קעפּ, האָבן אויסגענוצט די פּאָר טעג, זינט דער „אומגליק", און האָבן צונויפגע־קלאַפּט אַ מזומנעם גראָשן. ביי נפתּלי טשאַקער האָט געקלעקט שׂכל — אַ האַלבע קלייט שוכוואַרג האָט ער צעשטעקט צווישן אָרעמע קרובים, צווישן שכנים, פאַרקויפט לייטישע מענטשן אויף באָרג. געטון וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. נאָר איר „קעלבערנער קאָפּ" האָט אין זינען כּלל־זאַכן!.. האָט

ער זיך טאַקע דערוואַרט, אַז פּעטרע לונגו, דעם שוסטערוקס, דעם ציגיינערס זון, מיט נאָך אַזוינע סוואָלאָטשעס ווי ער, האָבן אַוועקגעשטעלט ביי זיי אין קלייט אַ נייעם בעל־הבית, משהלע כהן, דעם ווערעמדיקן משרת, וואָס מ'האָט זיך מיט אים געצאַצקעט ווי מיט אַן אייגענעם. ערשט אויף פּסח האָט מען אים געגעבן אַ הוספה. אויסקרענקען זאָל ער זי!..

איר בן־תורה האָט אויף אַלעמען אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ניט ער עסט, ניט ער טרינקט, ניט ער שלאָפט ביי נאַכט! אָט איז ער ווידער אָפּגעזעסן אַ קאַרגע שעה איבער דער קאַלט געוואָרענער גלאָז טיי און אַפילו ניט פאַר־זוכט! ער האָט אָנגעטון דאָס רעקל און גייט אַוועק אַן אַ זיי־געזונט! רעדן רעדט ער ניט און וואָס ער טראַכט — ווייס איין גאָט!

בן־ציון פּיכמאַן גייט פאַמעלעך לענג־אויס דער אינדערפרי:עדיקער פּוס־טער גאַס. בלייבט אָפּט שטיין, קוקט פאַר זיך און זעט ניט גאָרניט. דאַכט זיך, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. ניט נאַרישער. צו וואָס איז ער געגליכן אַצינד? ר'איז געגליכן צו דער בהמה וואָס וואַרט מען זאָל זי פירן צו דער שחיטה. וואָרעם אַז מען וועט אים באַנעמען פון קאָפּ ביז די פיס, איז דען ניט ווי געקוילעט?!..

די שניטקראָם זיינע — די גרעסטע אין שטעטל! אַלע אַרומיקע פּריצים זיינען געווען זיינע קונים. אַלע זיינען זיי אים שולדיק געבליבן געלט. ער האָט זיי אין דער אדמה, מיט זייער „ראָמאַניע מאַרע"* אין איינעם! ער האָט אויפגעשטעלט אַ תרבות־שול און אַ ביבליאָטעק, איז מען געקומען פון קע־שענעוו קוקן! די שטאָט האָט אים ניט געזשאַלעוועט קיין כבוד — נו! איז וואָס?..

נעכטן זיינען זיי זיך צונויפגעגאַנגען ביים רב. עטלעכע פּני: די ברידער צוקערמאַן, מוניע טאַקאָוס, חיים פּעפּערמאַן, נח גאַרבער, נחום יאָסעלעס. וואָס האָט מען געטון? מען האָט געאַויקעט! ס'איז דאָך „אין עצה ואין תבונה"!

דער רב, קיין חכם־גדול איז ער קיין מאָל ניט געווען: יעדע מאַכט, זאָגט ער, איז מן־השמים.

מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! ער וועט אונדז ניט פאַרלאָזן!

---

* גרויס־רומעניע.

דעם רבונו־של־עולם, זיין סחורה וועט אים קיינער ניט קאָנפיסקירן!

נחום יאָסעלעס, נאָך דער געשיכטע מיט די מַשכּנות וויסט נאָר איין זאַך: עוֹקר זיין! אויפהויבן זיך, שאַ־שטיל, און אַוועקפאָרן. קיינער קען דיך ניט אין טשערנאָוויץ — פאַר קיין טשערנאָוויץ. — מען קען דיך יאָ אין טשערנאָוויץ? — פאַר קיין קעשענעוו! פאַר קיין בעלץ! פאַר קיין בענדער!

אים, דעם פּראַצענטניק, איז גרינג: ער וועט נעמען דאָס ביסל גאָלד און זילבער און וועט נעלם ווערן. וואָס קען אָבער טון אַזאַ מענטש ווי ער, בן־ציון פּיכמאַן! אַ כּלל־טוער, אַ ציוניסט! פאַרשמירט אַרום און אַרום!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען געקומען די ערשטע פאַרשטייערס פון דער ציווילער מאַכט: דער פּאַרזיצער פון דעם רייפּאָטרעבסאָיוז,* צוויי פאַרשטייערס פונעם רייזדראַוואָטדעל** און פונעם ראַינאַראָבראַז.*** מען דאַרף זיי אַלעמען באַזאָרגן מיט קוואַרטירן, אויסטיילן שטיבער פאַר זייערע אַנשטאַלטן. אין דער געביידע פון ווילענסקיס גימנאַזיע וועט מען עפענען די צען־יאָריקע רוסישע מיטלשול. אויסער דעם וועט מען עפענען אַ מאָלדאַווישע מיטלשול און צוויי זיבן־יאָריקע שולן, איינע אויף יידיש און איינע אויף מאָלדאַוויש. פאַר דעם אָנפירער פון דעם ראַיאָנע פאָלקסבילדונג דאַרף מען צוגרייטן אַ צעטל פון אַלע איבערגעבליבענע לערערס און אָפּקלויבן געביידעס פאַר די נייע שולן. מען דאַרף באַצייטנס אָנהייבן רעמאָנטירן און צוגרייטן דעם נייטיקן שול־אינווענטאַר.

עס זענען געקומען די ערשטע פאַרשטייערס פון דער ענקאַוועדע: צוויי יונגע קאָמאַנדירן, ביידע רויטלעכע, ביידע שמייכלענדיקע. בעלאַ גייט זיי איבערגעבן דעם אַדוואָקאַט מאַנאַסטיריאַנוס ווילע. דאָרט וועט זיין דער ראַיאָנער אָפּטייל פון דער ענקאַוועדע. ביילע פירט זיי פון איין צימער אין אַנדערן, וויזט זיי דאָס געבליבענע מעבל וואָס שימע גוראַלניקס חֶברה האָבן איבערגעשריבן אויף אַ לאַנגן צעטל. זעקס צימערן, אַ גאַראַזש און אַ שטאַל. געוווינט האָבן דאָ, סך־הכּל, צוויי מענטשן.

* ראַיאָן־אָפּטייל פאַר קאָאָפּעראַציע.

** ראַיאָן־אָפּטייל פאַר פאָלקסגעזונט.

*** ראַיאָן־אָפּטייל פאַר פאָלקסבילדונג.

דער עלטערער פון די קאָמאַנדירן, דער חבר וואַסיליעוו, נעמט דאָס אינוועגטאַר־צעטל. די חֶברה האָבן עס געשריבן אויף רומעניש. ניט ער און ניט זיין געהילף קענען עס ניט לייענען.

— לאַדנאָ! — זאָגט ער — מיר גלייבן אייך — און ער צעשרייבט זיך. מיר וועלן נאָך צו אייך אַריינקומען — שמייכלט ער — און איר פאַרגעסט אונדז אויך ניט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאַטע זיינער איז דער ערשטער ציין־דאָקטער אין שטעטל. די מאַמע — די בעסטע אַקושערקע. דעם איינציקן זון זייערן האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער, סאַשאַ. עס קלינגט בפירוש אינטעליגענטער ווי משה אָדער יאָסל.

ליגט דער יונגער יוריסט אַלעקסאַנדער סלוצקי, רייכערט אין פּאַפּיראָס נאָך דעם אַנדערן און ווייסט ניט וואָס אָנהויבן צו טון. דער שעף זיינער, דער אַדוואָקאַט מאַנאַסטיריאַנו האָט איינגעפּאַקט זיינע טשעמאָדאַנען, מיט־גענומען דאָס אַפּעטיטנע ווייבל זיינס און איז אויסגעוואָן דאָס אָרט. אַוועק אַהיים צו זיך אין רעגאַט.*

צו צוויי און צוואַנציק יאָר אַ געענדיקטער יוריסט. אינטעליגענט, באַלעזן, שיין. וואָס נאָך דאַרף האָבן אַ מענטש אויף צו דערגרייכן דערפאָלג? די יורי־דישע קאַריערע זיינע איז דערווייל אַראָפּ פון די רעלסן. מען וועט דאַרפן אָנהייבן פון דאָס ניי. ווען און ווי אַזוי, ווייסט ער נאָך דערווייל ניט.

די איינציקע שוואַכקייט זיינע איז בעלאַטשקע. די מאַמע זאָגט: ער גייט איר נאָך ווי אַ קאַלב דער קו. מעגלעך, די מאַמע זיינע איז טאַקע גערעכט, נאָר די ריינע לאָגיק דיקטירט:ביידע זיינען זיי יונג, שיין, געבילדעט, רייך. ממש ווי מען זאָגט „אַ פּאַרל פון גאָט". וויל זי ניט, די וועלט, פירן זיך לאָגיש.

געווען אַ צייט: אין די עלטערע קלאַסן, ער אַ בחור וואָס מעג זיך שוין ראַזירן די וואָנצעס. זי, אַ שלאַק. בייגיק און שלאַנק און אַ יַם מיט חֵן! מען גייט אין איינעם אין גימנאַזיע און פון דער גימנאַזיע. שפּעטער איז געקומען

* אַלט־רומעניע.

אַ צייט פון שרייבן איר בריוו. גרינטלעך אויסגערעדאַקטירטע בריוו, וואָס מען שרייבט זיי איבער אויף ריין, ווייל לייענען וועט זיי בעלאָטשקע. ענטפערן וועט זי וואָס אַ מאָל אַלץ זעלטענער. זי וועט אים שרייבן: דו ביסט אין דיינע אייגענע אויגן אַזוי וויכטיק, אַזש דו פאַרשטעלסט מיט זיך די גאַנצע וועלט. דו זעסט ניט די וועלט פאַר דיינע אויגן. דערנאָך וועט זי אין גאַנצן אויפהערן ענטפערן אויף זיינע בריוו.

האָט ער דען געקענט דערלאָזן, אַפילו אין געדאַנק, אַז בעלאָטשקע וועט זיך פאַרליבן אין עפּעס אַ „יאָסל", אַ לערערל! פאַרליבן זיך, ווייל יענער איז אַן אונטערערדלער, אַ רעוואָלוציאָנער! מישטיינס געזאָגט, די קליינשטעטלדיקע רעוואָלוציאָנערן! זי, זיין בעלאָטשקע, וועט מיט לייב און לעבן זיך אַריינלאָזן אין אָט די געפערלעכע, קיינעם ניט נייטיקע, אונטערערדישע געשעפטן?!..

ניט לאַנג האָט מען אים צוגעטראָגן: בעלאָטשקע האָט געזאָגט: „אַלצדינג אין אים, זיין געלערנטקייט, זיין באַלעזנקייט, זיינע איידעלע מאַנירן, אַלץ יאָגט אויף איר אַן אַ שלאָף"!

פּערעלע פוקס, דאָס צינגל דאַרף מען איר ניט פּיקן, האָט צוגעגעבן: „דאַנקען גאָט וואָס מען האָט אים אַ קאָפּעטשקע ניט דערזאָלצן. ווייל ווען ער גיט אַ קוק אויף מיר מיט זיינע סאַמעטענע אויגן, גייט מיר דאָס נשמקעלע אַריין אין די פּיאַטעס".

פאַר דעם „קאָפּעטשקע ניט דערזאָלצן" האָט סאַשע שפּעט אין אָוונט, אַן שום באַזונדערע צערעמאָניעס אָנגעקושט זי אין די פעטע ליפּן וויפל ס'איז אין איר אַריין.

מיט איין פוס אויף די טרעפ פון זייער רייכער שטוב, איז פּערעלע געוועזן אַ בעלן צו זאָגן:

— ס'אַ שרעק! סאַשענקאַ, ווי איך האָב ליב זיך קושן. ס'מעג זיין מיט יוריסטן, ס'מעג זיין מיט גימנאַזיסטן, ס'מעג אַפילו זיין מיט שיינע שניידער־יינגלעך. נאָר אויב דו זאָגסט מיר צו אַז דו וועסט מיך תמיד קושן אַזוי געשמאַק, בעט איך מיין טאַטן ער זאָל מאָרגן שיקן צו אייך דעם שדכן. כ'בין אַ סוחרס אַ טאָכטער, און בין תמיד גרייט צו קויפן אַ מציאה. פון דעסטוועגן האָט זי פאַרקלאַפּט די פאַראַדנע טיר האַרט אונטער זיין נאָז.

ער האָט נאָך דעם געפּרווווט, פּונקט אַזוי, אָן צערעמאָניעס, אַרומנעמען בעלאָטשקען. האָט זי זיך לייכט אַרויסגעדרייט. זי האָט אים אָנגענומען ביי די הענט העכער די עלנבויגנס. אָנגענומען פעסט. אויף אַ מענערישן אופן: זי האָט זיך ניט געריכט, האָט זי געזאָגט, אַז ער שעצט זי, און זיך אַליין, אַזוי וואָלוול. מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט.

אים איז שווער זיך מודה זיין, פאַר זיך אַליין, ווי ווייט ער וויל יענער יאָסל זאָל זיך ניט אומקערן. — זאָל מען אים פאַרהאַלטן אין רעגאַט! זאָל מען אים דאָרטן ווידער איינזעצן!..

סאַשאַ ווייסט: יוריסטן וועט מען אין ראַטן־פאַרבאַנד דאַרפן ניט ווייניקער ווי אין אַנדערע לענדער. קיין עקספּלואַטאַטאָרן זיינען אין זיין משפּחה ניטאָ. ווי הייסט עס דאָרט ביי זיי: „טרודאָוואַיאַ אינטעליגענציאַ".* און דאָס וואָס בעלאָטשקאַ איז היינט אַזאַ „אַנגעזעענע" טוערין, איז ניט מער ווי אויף דערווייל. פריִער אָדער שפּעטער וועט ער זיך איר אָפּרופן, דער טאַטע, דער גביר. מען דאַרף נאָר קענען וואַרטן.

וועט ער היינט ווידער אָפּשטאַטן אַ וויזיט חנה ליטמאַן. וועט ער היינט ווידער אַריינאָטעמען אין זיך די קילקייט פון אַברהם ליטמאַנס גערוימיגע צימערן, ווו יעדער ווינקל דערמאָנט אין בעלאָטשקען. יעדער סקריפּ פון אַ טיר רופט זיך אָפּ ביי אים מיט אַ טיאָכקע אין האַרצן. ער וועט ווידער פירן אַ פּוסטן ליטעראַרישן שמועס, אפשר וועגן ליוויאָו רעבריאַנו, צי גאָר וועגן אויגוסט סטרינדבערג. — אַ חילוק אַ גרויסער!.. סע קען זיין ער וועט אַפילו איבערדערציילן די פּאָר שפּאָגל נייע אַנטי־סאָוועטישע אַנעקדאָטן, וואָס בעל־הבתישע פיינשמעקערס ברענגען אַלע טאָג צו זיין פּאַפּאַשען אין קאַבינעט. מען וועט טרינקען טיי מיט הימישן איינגעמאַכטס. עס וועט זיך אומקערן פון דעם ברעטערסקלאַד דער בעל־הבית, אַברהם ליטמאַן. און עס וועט פון אונטער זיינע געשווירענע וואָנצעס אַרויסקוקן דער זעלבער שמייכל ווי נעכטן. אַ ביטערער שמייכל דעם יוריסט אַלעקסאַנדער סלוצקי, וואָס געפעלן געפעלט ער זייער דער קומענדיקער שוויגער און זיצט דאָ אומזיסט. אויף בעלאָטשקען וועט ער זיך ניט דערוואַרטן.

* אַרבעטס־אינטעליגענץ.

מען קען אָפּשטאַטן אַ וויזיט ליזע פּיכמאַן. ביי ליזען וועלן ווי תּמיד אונטצייט זיין: פּערעלע פּוקס, מאַניע גאַרבער, דער לאַנגער נחמן און סאַ־ניטשקע טאַקאָוס. ביז ליזע ענדיקט דאָס פּוצן זיך שטעלט פּערעלע פּוקס פאַר ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגעקוקט מיטן חתן, דעם סימפּאַטישן דאָקטער וואָס דער טאַטע אירער האָט פּרילינגסצייט איינגעהאַנדלט אין אַ שכנותדיקן שטעטל פאַר אַ היפּשן נדן און אַן אויסגעשטאַטעטעם דאָקטארישן קאַבינעט.

דער יונגער דאָקטער איז פּערעלען בפירוש געפעלן. מען האָט זיך שוין געגרייט צו דער חתונה. איצט ווייסט איין גאָט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, וויל קיין נדן איז ניטאָ, און קיין קאַבינעט אויך ניט. באַחוזקט זי אַצינד, פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע, דעם חתנס הילצערנעם הולך. נאָר דאָס קרומעניש וואָס זי קרימט זיך אינטערעסירט קיינעם ניט. עס ווערט איר אַליין נימאָס. עס גלוסט זיך איר גראָד וויינען...

שפּאַצירט מען אויף און אָפּ איבער דער לאַנגער הויפּטגאַס. די קאָמ־פּאַניע צעפאַלט זיך אויף פּאָרלעך. בלייבט שוין ממילא סאַשען אָנגעמען אונטערן אָרעם, פון איין זייט ליזע פּיכמאַן און פון דער צווייטער זייט מוניע טאַקאָוסעס קאַפּריזנע טעכטערל. פּאַרוויילן די באַרישניעס. איבערדערציילן זיי אַלע אַנעקדאָטן, אַלע מיאוסע מעשיות וואָס ער האָט ווען עס איז געהערט, און טראַכטן דערביי: אַלעקסאַנדער סלוצקי, ס'איז אייך ניט קיין בושה?..

אין דער געוועזענער פּרימאַריע ברענט דאָס ליכט. דאָרט אַרבעט מען נאָך.

ער וואָרט ווי אויף אַ נס: פון דער גאַס אַראָפּ, וועט אָנקומען בעלאַ ליטמאַן. פּערעלע פּוקס מיט דעם לאַנגן נחמנען וועלן זי באַשטימט אָפּשטעלן. בע־לאַטשקע וועט זיך אפשר דורכשפּאַצירן מיט זיי, מיט די געוועזענע חברטעס, אַראָפּ און אַרויף די גאַס. און ווען דער חכם מאַניע גאַרבער וועט איר דווקא וועלן איבערדערציילן דעם שפּאָגל נייעם אַנעקדאָט וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון סאַשע סלוצקין, וועט זיך בעלאַטשקע אָפּגעזעגענען. קיין באַגלייטער דאַרף זי ניט. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען צווישן מענטשן, זייער אַ סך פאַרשיידענע מענטשן. וויל זי זיך אָפּרוען. זי וויל זיין אַליין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניט קיין לייכטער טאָג איז היינט געווען. אין קאָמיטעט זיינען זיך צונויפ־געקומען כמעט אַלע מיטגלידער. בעל־מלאָכות זיצן אָן אַרבעט. פון קליטן און קלייטלעך פאַרשווינדט וואָס אַ טאָג אַלץ מער סחורה. ניט אַזוי פיל פאַרקויפט מען, ווי קרעמער און קרעמערלעך באַהאַלטן. יעדן טאָג העכערן זיי די פרייזן. אַ מאַשין־נאָדל איז געוואָרן מיט גאָלד גלייך! דער ווייץ, אויף די פריצישע פעלדער, שיט זיך און ווער עס דאַרף אים אַראָפּנעמען ווייסט מען נאָך ניט. — וואָס ענטפערט מען די מענטשן ?..

סך־הכּל זיינען זיי דאָך ניט מער ווי אַ צייטווייליקער אַקטיוו. קיין שום באַשלוסן אָננעמען קענען זיי ניט. מיט דער צייט וועט זיך אַלץ איינאָרדענען. די גערעטעניש וועט מען אַראָפּנעמען. מען וועט ברענגען די נייטיקע סחורות. עס וועט זיין אַרבעט פאַר יעדן. דערווייל האָט דער קאָמענדאַנט אויף אַלע זייערע פראַגעס נאָר איין ענטפער:

— היינט, מאָרגן קומט דער ערשטער סעקרעטאַר פון אונדזער ראַיקאָם און אַלצדינג וועט זיך שטעלן אויף זיין פלאַץ.

דערווייל גרייט מען צעטלעך פון אָרעמע פויערים און יידן אָרעמע־לייט, אויף צו פאַרטיילן צווישן זיי די נאַציאָנאַליזירטע פריצישע פעלדער. דערווייל גרייט מען אַ צעטל פון גרויסע, געראַמיגע גבירישע שטיבער וואָס וועלן רעקווירירט ווערן פאַר די נייע פאַרשיידענע אַנשטאַלטן.

ביילקע האָט נאָר וואָס געענדיקט איבערשרייבן אַזאַ צעטל. צווישן אַנ־דערע שטיבער געפינט זיך דאָרט אויך זייער שטוב.

דער קאָמענדאַנט קוקט איבער דאָס צעטל. ביי דער פאַמיליע ליטמאַן פאַרהאַלט ער זיך און פרעגט ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ:

— אַברהם ליטמאַן איז אייערער אַ קרוב?

— אַברהם ליטמאַן איז מיין פאָטער.

זי באַמיט זיך זיצן ווי ווייט מעגלעך רויִק. אײן זאַך קען זי ניט. זי איז ניט בכח אויפהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק טון יענעם אין די אויגן. זי וויל ניט דערזען אין זיי קיין פאַרפרעמדקייט.

דער קאָמענדאַנט ווישט שוין ווידער די גלעזלעך פון זיינע אַזוי אויך ריינע ברילן. ער שווייגט. אויב אַזוי וועט ביילקע וויטער שרייבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג ענדיקט זיך. פון די קאָמיטעטשיקעס איז זעלטן ווער געבליבן. די לעצטע באַזוכערס זיינען שוין אַוועק. מען זיצט אין דרויסן אויף די אָנגעוואַרעמטע, פאַרן טאָג, שטיינערנע טרעפּ. מען שווייגט. מען רוט זיך אָפּ. דער בייטאָגיקער זשום גייט פּאַמעלעך אַרויס פונעם קאָפּ. איבערן פּאַרנאַכ־טיקן שטעטל הענגט אַ שטילקייט — כאַטש טאַפּ זי אָן מיט די הענט. ערגעץ ווייט, איבער צוויי גאַסן, רופט אַ מאַמע איר מענדעלען:

— מענדעלע! מענדל! גיי עסן וועטשערע! — און ווידער אַ מאָל איז שטיל.

ביילעך טראַכט זיך: זי איז אַצינד אַ סך עלטער און אַ סך אַנדערש ווי געווען. יעדער דורכגעלעבטער טאָג פילט זי אָן מיט נייע איינדרוקן. די וועלט אַרום, די מענטשן, אַפילו אירע אייגענע געדאַנקען זיינען אַנדערש ווי געווען און וועלן שוין קיין מאָל ניט זיין די זעלבע ווי פריִער. ווי קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט איז זי, דיווירקלעכקייט!

די טראַכטסט נאָך ערשט פון טון עמעצן גוטס און שוין מוזסטו אָנטרעטן אויף אַ צווייטנס ווייטאָגעדיקע גלידער. ניט גרינג — צו גלייבן אַז דיין וועג איז ווירקלעך דער איינציקער נייטיקער, דער איינציקער מעגלעכער.

און שימעו גוראַלניק וואָס זיצט דאָ לעבן איר, אויף די טרעפּ, האָט זיך פלוצעם פאַרבענקט נאָך זיין טאַטן.

אַ רימער איז ער, דער טאַטע זיינער. אַן עלטערער מענטש. מיאוסט זיך ניט, אין דער היים, אין דעם שכנישן שטעטל, מיט די אייגענע הענט אָפּשינדן אַ פעל און אויסאַרבעטן זי ווי גאָט האָט געבאָטן. שכנים האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם ריח־ניחוח פון זייער הויף. איין מענטש נאָר האָט מיט דעם שטונק מלחמה געהאַלטן — די מאַמע. זומער און ווינטער האָט זי גע־וואַרעמט קעסלען וואַסער און אַזוי לאַנג געריבן און געוואַשן דעם טאַטן מיט דעם זון ביז עס איז פון זיי אַרויס דער פעלגערוך. פון דער מאַמען האָט שימעק געירשנט די ליבע צו ריינקייט.

אַוודאי האָט זאַלמען גוראַלניק געוואָלט האָבן אַ פולע שטוב מיט קינדער. האָט אים אָבער גאָט געשטראָפט; מער ווי דעם איין און איינציקן זון האָט אים זיין סאָסיע ניט געבוירן. אָפּגעלערנט דעם יורש אַלע פיר קלאַסן פון דער שקאָלע פּרימאַרע, אויסגעלערנט אים דאַווענען און אַ קאַפּיטל תהילים

זאָגן: — זיך משומד! און אַרבעט אַזוי ווי דיין טאַטע און דיין זיידע האָרעווען. וועסט אויסוואַקסן וועט מען דיך אויסקויפן ביי „פּאַניען", מען וועט דיר, מיט מזל, חתונה מאַכן מיט דיינס אַ גליכן, וועסטו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גליך. אפשר וועט נאָך דיין טאַטע דערלעבן אַ פּאָר לידאַקעס־איניקלעך.

וואַקסט אָבער דער משומד אין סטויבער אַריין! צו ערשט ביכלעך־שמיכלעך. יידיש־שמידיש, אַלערליי שלום־עליכמס דאָרטן, דערנאָך ציציליזם! אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין! און אַז דער טאַטע צימבלט אים אַריין ווי אַ טאַטע קען און מעג, אַנטלויפט ער פון דער היים. איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און ווינט ביי אַ מומע אַן אַלמנה, דער מאַמעס אַ שוועסטער. ביי פּעפּערמאַנען אין מיל האָט ער אַ באַזונדער קעמערל, ווו ער נייט צונויף איבערגעריסענע פּאַסן. מאַכט כאָמוטן און שלייעס.

דאָ איז ער געוואָרן אַן אמתער פּראָלעטאַריער. דאָ האָבן זיי אַלע אין איינעם, יאָסל קושניר און שמואל וואָלעך און סאַשאַ זאַטושעווסקי, געליענט ביכער. געדרוקט ליסטאָווקעס... פון דאַנען האָבן זיך אין אַ ביטערן, נאָך־סוכּותדיקן טאָג אָנגעהויבן די אַרעסטן...

ווען עמצער זאָגט אים צוריק מיט אַ יאָר, צוריק מיט אַ חודש, צוריק מיט אַ וואָך... — שימעק, אין אַ וואָך אַרום וועט קומען די באַפרייונג, צי וואָלט ער דען געגליבט ?!.. פּאַר וואָס זשע אַצינד, ווען טויזנטער וועגן רופן דיך: קום! ווען טויזנטער אַרבעטן פאָדערן פון דיר: טו! זעט שימעק, פּאַר זיך, די געהויקערטע פּלייצע פון זיין פאַר דער צייט געעלטערטן טאַטן ?! פּאַר וואָס בענקט ער אַהיים ?..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פינפטער טאָג

ערב שבת. דאַכט זיך, ניט לאַנג האָט מען אָפּגעגעסן דעם פאַלשן ראָסל־פלייש און שוין פאַלט צו די נאַכט. עס האָבן זיך פאַרמאַכט די לעצטע קליטלעך. עס שוויגן די ניימאַשינען אין שניידערישן געסל. צייט פאַר־שפּרייטן דעם שבתדיקן טישטעך. צייט — ליכט בענטשן.

אָנגעצונדן די שבת־ליכט. אָפּגעזאָגט די ברכה, בלייבן אויסגעהאָרעוועטע

הענט ביי די פּיכטע אויגן. מאַמישע ליפּן שעפּטשען אַן אייגענע תּפילה:

— גרויסער גאָט אין הימל! האָסט געטון דיין ווילן און אַראָפּגעבראַכט אַ נייע מאַכט. טו זשע, גאָטעניו, דיין חסד, זאָל זיך שוין אומקערן, געזונט און שטאַרק, אונדזער בכור, אונדזער יאָסעלע! סע איז דאָך, גאָטעניו, זיין מלוכה. וויפל איז ער אויסגעשטאַנען פאַר איר צרות! באַוויז זשע, גאָטעניו, דיין גרויסקייט! און האַלט איבער אונדז דיין געטרייע האַנט. גיב אונדז, גאָטעניו, דאָס ביסל פּרנסה. דער אַלטער מיינער זעט שוין קוים אַריינצוציִען אַ פאָדעם אין דער נאָדל אַפילו אין די ברילן...

שבת־ליכט אין אַלע פענצטער. בעל־מלאָכות: שניידערס, סטאָליערס, באַנדאַרעס, שוסטערס, אויסגעוואַשענע באָרד און פּאות. שבתדיקע קאַפּאָטעס איילן זיך מקבל שבת זיין. דאַכט זיך, אַ פרייטיק צו נאַכטס ווי אַלע, און דאָך אַן אַנדערער. אין דער האַלב פוסטער שניידערשער שול זעט מען ניט קיין איין יונגן בחור. אַלע זיינען זיי אויבן אין גאַס, אין דעם נייעם קלוב. קיינט מען אויף גיך אָפּ די תּפילות און מען איילט אַהיים. מען מאַכט קידוש. מען עסט וועטשערע. ווער עס האָט פיש מיט קוילעטשן, און ווער עס האָט ניט קיין פיש מיט קוילעטשן, און מען איילט אין גאַס אַריין — הערן נייעס.

ניטאָ קיין אַרבעט. ניט ביי די שניידערס, ניט ביי די שוסטערס, ניט ביי די סטאָליערס. אומזיסט קוקט מען אַרויס די אויגן אויף אַ באַשטעלער.

קליינטניקעס וואָס פלעגן זומערצייט אַרויסגעבן די שניידערס וואַלוועלן מאַנופאַקטור אויף צו נייען טאַנדעט, האָבן פאַרמאַכט די געשעפטן.

אַ גאַנצן זומער פלעגן שוסטערס אויפשטעלן שטיוול און באַקאַנטשעס פון יואל שיכמאַנס לעדער. זאָגט יואל שיכמאַן, אַז קיין לעדער האָט ער ניט. סאָוועטישע קאָמאַנדירן, טענהט ער, האָבן אויסגעקויפט דעם גאַנצן כראָם און דעם גאַנצן שעוורא און דעם גאַנצן יוכט! געלט איז ביי זיי — בלאָטע!

— באַזאָרגן אַ שטאָט מיט פּרנסה?!.. ניט ער קען, ניט ער וויל, ניט ער האָט מיט וואָס!..

די חברים פונעם קאָמיטעט זאָגן אַז אין גיכן וועלן זיין אַרטעלן. עס וועט זיין סיי אַרבעט, סיי לעדער, סיי מאַנופאַקטור. די חברים פונעם קאָמיטעט זאָגן צו גאָלדענע גליקן. נאָר ווען וועלן זיי אַ מאָל זיין?! — עסן דאַרף מען אַלע טאָג!

די חברים פֿאַרשרײַבן װער עס װיל באַקומען ערד אױף צו באַאַרבעטן. װײַל דער עולם װײסן: — װאָס טראַכט װעגן דעם משה־לײב קושניר. — זאָל משה־לײב זאָגן: ס'איז אַ שׂכל, אױף דער עלטער, אַװעקצװאַרפֿן די מלאָכה און װערן אַ קאָלכאָזניק?

קשיות און קשיות און קלאָץ־קשיות... נאָך גוט װאָס פּונעם מאַרקפּלאַץ יאָגט אָן מיט אַ טאַרעראַם אַ כאַפּטע קלײנװאַרג. זײ שלעפּן די טאַטעס מיט די זײדעס בײַ די הענט:

— גיכער! — שרײַען זײ, — די קינאָ־פּערעדװיזשקע שטײט שױן אין מאַרק. מען האָט שױן אָנגעצױגן דעם עקראַן.

אײַלט דער עולם קוקן אומזיסטיקע, סאָװעטסקע קינאָ.

דאָס שנײדערגעסל, אַזױ װי עמעצער װאָלט עס אױסגעקערט, אַ פּוסטע גאַס.

יונגװאַרג איז נאָך דער װעטשערע אַװעק הערן אַ לעקציע אין קלוב. אַפֿילו די מאַמע האָט זיך אױסגעפּוצט װי יום־כּיפּור צו כּל־נדרי, גענומען חײקע דעם קאָװאַלס און אױך געגאַנגען הערן די לעקציע. נאָר רחלע איז געבליבן אײנע אַלײן אין דער הײם. זי איז געבליבן װאַרטן אױף דער גוטער מציאה אירער, אױף מלך ציגײנער.

ס'איז גאָרניט דער מלך! ער גײט אום װי פּריטשמעליעט. עפּעס איז מיט אים, מיט דעם לײמענעם גולם! ער זיצט אױף דער פּריזבע און סאָפּעט מיט דער נאָניע.

גײ! זײ אַ נביא פֿון װאָס די מעשׂה הײבט זיך אָן!

...בײַ דעם רומענישן אַדװאָקאַט מאַנאַסטיריאַנו איז געװען אַ פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אַ ליאַלקעלע! אַ שײנהײט! דער אַדװאָקאַט האָט ליב געהאַט פֿאָטאָ־גראַפֿירן, ניט אַזױ דאָס שײנע װײבל זײַנס, ניט די ריטשקע, ניט דעם װאַלד. ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט דעם ייִדישן דלות. װוּ ערגעץ אַ פֿאַרשמאַלצװעטע ייִדענע, אַ סמאַרקאַטע יאַטל מיט געלאַטעטע הײזלעך, אַ דאַרע ייִדישע בהמה, אַ פֿאַרשמײַעטער גבֿי, פֿאַרפֿרױרענע פּאָמײעס! אַלצדינג האָט ער פֿאָטאָ־גראַפֿירט און געזאַמלט אַ קאָלעקציע בילדער פֿון ייִדישער קולטורלאָזיקײט.

קײן שום זאַך אין דער װעלט איז מלכן אַזױ ניט געפֿעלן װי אָט דער פֿאָטאָ־אַפּאַראַט.

דאַרף זיך אַזוי טרעפן: דער אַדוואָקאַט איז אַנטלאָפן צו זיך אין רעגאַט און אויף איבערשרייבן זיין פאַרמעגן האָט מען, צווישן אַנדערע, געשיקט אויך מלך ציגיינער. דער ערשטער געדאַנק זיינער: באַבע־מעשׂיות! ווער לאָזט עס איבער אַזאַ אַפּאַראַט? די גרויסע וואָג זיינע? אַריבערגעוואָרפן דאָס רימענדל איבערן אַקסל, און פאַרטיק!.. פון דעסטוועגן, געזוכט האָט ער אין אַלע קאָמאָדן און אין אַלע טישקעסטלעך. דעם אַלבאָם מיט די בילדער פון יידישן דלות האָבן זיי יאָ געפונען און אים דורכגעבלעטערט. און וויטקאַ מעלניק האָט געהייסן איבערגעבן דעם אַלבאָם אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. מיט דער צייט, האָט ער געזאָגט, וועט מען אַזוינע זאַכן זאַמלען אין אַ מוזיי.

דער פאָטאָ־אַפּאַראַט איז אין ערגעץ ניט געווען. דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט האָט מלך געפונען ערשט ווען אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען און ער איז געבליבן פאַרמאַכן די פענצטער און פאַרשליסן די טירן. דער אַפּאַראַט איז געלעגן אין קאָרידאָר אויפן דיל, אונטער אַ פּאָר אַראָפּגעפאַלענע שמאַטעס.

צוליב וואָס האָט ער אים גענומען?!.. קוילע אים! — ווייסט ער ניט! ער קען דאָך אַפילו ניט פאָטאָגראַפירן. אָט דער פאָטאָ־אַפּאַראַט לאָזט אים ניט שלאָפן! ער ברענט אים מיט טויזנט פייערן!.. מענטשן וועלן בויען קאָמוניזם, און ער וואָס? כאַטש שטעל זיך אַוועק אין מיטן מאַרק און שריי!
— חברים! שיסט מיך! כ׳בין אַ גנבֿ!

מאָרגן גאַנץ פרי נעמט ער דעם אַפּאַראַט און טראָגט אים אָפּ אין קאָמי־טעט. זאָל זיין וואָס עס וויל! מער קען ער ניט!

פון דעם געדאַנק אַז איר מלך וועט מאָרגן שטיין אין קאָמיטעט ווי אַן אָפּגעשמיסענער, פאַר אַלע חברים, און ניט אַזוי פאַר די חברים ווי פאַר דער אויסגעפוצטער בעלאַטשקע ליטמאַן, חלשט ביי רחלען דאָס האַרץ.

— בהמה! — רעדט זי צו אים אין געדאַנק — ביסט אַ ביק און וועסט פאַרבלייבן אַ ביק! האָסטו שוין יאָ אָפּגעטון אַזאַ חזירײַ, נעם, בהמה, דעם אַפּאַראַט און וואַרף אים אַריין אין דער ריטשקע! און אויס האַרצווייטיק! אויס קאָפּדרייעניש! ביסטו דאָך צו די צרות אַן ערלעכער באַלוואַן!.. רחלע ווייסט: צו אָט דער ערלעכער בהמהשקייט זיינער, ציט זי ווי מיט שטריק. ווען עס זאָל אין איר ניט ברענען אַזוי די רציחה, וואָלט זי אים אַ גלעט געטון איבער דעם פיטש־נאַסן שטערן...

— וואָס זשע טוט מען? וואָס טוט מען פּאָרט?!

גליקלעכע מענטשן, מיט יום־טוב אין האַרצן, שפּאַצירן, הערן אַ לעקציע. נאָר אויף זיי איז אַן אומגליק מיט אַ פּאָטאָ־אַפּאַראַט!

ביי מאָנאַסטיריאָנו אין שטוב איז איצט די ענקאַוועדע. אויב אַזוי וועלן זיי עס טאַקע ניט אַפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק. זיי וועלן טאַקע שוין, די מינוט, ביידע אין איינעם, גיין גלייך אַהין. — אויב שוין מודה זיין זיך, איז נאָר דאָרטן, פאַר זיי.

דער חבר וואַסיליעוו באַטראַכט דעם אַפּאַראַט. ער באַמיט זיך, ניט צו שמייכלען און וואָס וויניקער קוקן אויף דעם קאָמישן פּאָרל, וואָס שטייט פאַר אים ווי דערהרגעט. דאָס וואָס דאָס מיידל דערציילט אויף איר געבראָכענעם רוסיש, האָט ער שוין אויסגעהערט צוויי מאָל נאָך אַנאַנד. זיי וואַרטן אַ פּנים ער זאָל דעם בחור אַרעסטירן... קינדער! און שוין!.. אים ווילט זיך זיי זאָגן: „גייט, קינדערלעך אַהיים", נאָר ער מאַכט אַן ערנסטע מינע און פאַרשרייבט אויספירלעך ווער עס איז אַזוינס מלך ציגיינער, מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך, מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט זיינע עלטערן און וואָס געהערט אים אַן די חברטע... — אַ מיידל זאָל אַזוי ווערן רויט!

— זיי געהערן זיך דערווייל נאָך גאָרניט אָן. נאָר מען קען זאָגן דאָס זי איז זיין כלה. כמעט אַ כלה.

— דעם אַפּאַראַט וועט מען פאַרשרייבן אַלס מלוכה־אייגנטום. און איר, חברים, איילט אייך ניט. זיצט אַ ביסל. מיר ווילן מיט אייך אַ שמועס טון. כ'וויל איר זאָלט אונדז דערציילן וואָס רעדט מען אין שטאָט? וואָס רעדן די מענטשן וועגן אונדזער ראַטנמאַכט. צי זיינען זיי צופרידן?

— ווי ווער? די ראַטנמאַכט האָט באַפרייט מיין ברודער פון דער רומענישער תּפיסה. ווי מיינט איר, מיין מאַמע איז צופרידן?

— פאַרשטענדלעך, יאָ. נאָר ניט אַלע פּשוטע פרויען האָבן קינדער פּאָד־פּאַלשטשיקעס. און ניט אַלע פרויען זיינען פּשוטע. עס זיינען דאָ, צום ביי־שפּיל, גבירים — וואָס זאָגן זיי?

— זיי קרעכצן און בורטשען.

— נו, און וואָס זאָגט עפּעס די יוגנט? לאָמיר, אַ שטייגער, נעמען די ציוניסטישע יוגנט. ס'זענען דאָך דאָ אַזעלכע אין שטעטל?

ציוניסטישע יוגנט, די „גורדוניה", די פּועלי־ציוניסטן. דאָס רוב פון זיי זיינען קליינבירגערס. מלך ציגיינער שוויגט, נאָר רחלע, ווי זי זאָל זיך ניט קווענקלען, רופט אָן אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען, זי קען דאָך ניט זאָגן אַז זי קען קיינעם ניט. סע שמעקט מיט מסירה, ווען ניט דאָס וואָס דער חבר וואַסיליעוו הערט מיט אַ צעשטרייטן שמייכעלע. ער פאַרשרייבט גאָרניט. שרייבן, שרייבט זיין געהילף וואָס זיצט אין צווייטן צימער און הערט דורך דער אָפענער טיר. נאָר דאָס ווייסן ניט, ניט מלך און ניט רחלע.

פון יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס פירט דער חבר וואַסיליעוו איבער דעם שמועס אויף סתם רייכע מענטשן ווי אַ שטייגער דער בעל־הבית פון דער מיל און אַנדערע. ער אינטערעסירט זיך צו וויסן ווי אַזוי באַציט זיך צו דער ראַטנמאַכט די אינטעליגענץ. ער דערמאָנט זיך: אין קאָמיטעט אַרבעט אַ סעקרעטאַרשע, מען זאָגט אַ קאָמסאָמאָלקע. זייער אַן אינטעליגענט מיידל. דער פאָטער אירער, זאָגט מען, איז איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאָט.

צי ער איז פון די גרעסטע, ווייסט מלך ניט, נאָר דאָס מיידל איז אַן אמתע קאָמסאָמאָלקע, אַן איבערגעגעבענע רעוואָלוציאָנערקע!

רחלע גלייבט ניט אין דער איבערגעגעבנקייט פון גבירישע טעכטערלעך. ס׳איז ביי זיי אַ מאָדע אַזאַ. מען וועט אַ קוועטש טון דעם טאַטן, וועט זי באַלד אָנהויבן פּישטשען.

— זייער גוט. כ׳האָב אייך, חברים, מיט גרויס פאַרגעניגן אויסגעהערט. גייט געזונטערהייט אַהיים און פאַרגעסט אונדז ניט. די צייט איז אַן אומרויקע. שונאים זיינען דאָ גענוג. — ווי נאָר איר וועט עפּעס באַמערקן, קומט און מעלדעט, קומט און דערציילט. אונדזער טיר איז פאַר אייך שטענדיק אָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיטן דער לעקציע האָט מען ביילען אַ ריר געטון ביים אַקסל און אַ ווייז געטון אויף שימעקן, און אויף דער טיר. קוים זיך דורכגעשטופּט צווישן עולם. ווייזט אויס — געמיינט האָט מען נאָר שימעקן. מען רופט אים אין מיל. דאָרט האָט זיך איבערגעריסן אַ וויכטיקע טראַנסמיסיע און מען דאַרף זי פאַרריכטן. שימעקן גלוסט זיך ניט, נאָר אַ ברירה האָט ער?..

— ווייסטו וואָס, — זאָגט ער ביילען — קום מיט מיר. אין צווייען וועט

זיין פריילעכער. — קום! — זאָגט ער — דו ביסט נאָך קיין מאָל ניט געווען ביי אונדז אין מיל. קום, איך וועל דיר ווייזן דאָס קעמערל ווו איך אַרבעט. אין אָט דעם לאָך האָב איך, מיט דיין יאָסלען, ניט איין נאַכט פאַרבראַכט.

דאָס קעמערל איז גרויס ווי אַ גענעץ. דושנע. צו די ריחות איז ניט גרינג זיך צוגעוווינען. ביילע זיצט אויף אַ הילצערנעם טאַבורעטל, קוקט ווי לייכט שימעקס הענט פלעכטן סשיוואַלניקעס אין וויסע שטעפלעך און הערט שימעקס פריילעכע נייעס, ווי אַזוי דער ניי־געקומענער פאַרזיצער פון דעם ראַיפּאָטרעבסאָיוז, דער וואָס מיט די גאַליפע־הויזן און ברעזענטענע שטיוול, האָט אים היינט פאַרגעלייגט. „קום, האָט ער אים געזאָגט, קום צו מיר אין ראַיפּאָטרעבסאָיוז. אין גיכן וועלן מיר אויפמאַכן אַ ראַיאָנ־יוּוערמאַג, וועל איך דיך אַוועקשטעלן פאַר דירעקטאָר. וועסט ביי מיר זיך באָדן אין האָניק און מילך! וועסט לעבן ווי ביי גאָט אין בוזעם!“... געטראָפן דעם יאָלד, פון וועמען צו מאַכן אַ קרעמער!..

שימעק האָט פאַרענדיקט די אַרבעט. מען קערט זיך אום. אַ שאָד, די לעקציע האָט זיך שוין געענדיקט. דער עולם גייט אַהיים. דערמאָנט זיך שימעק: היינט איז שבת. עס קען געמאָלט זיין, די יידישע בעקערס זאָלן ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. עמעצער דולט זיי דאָרט דעם ספּאָדיק! וועט ער פאַרן שלאָפן זיך דורכגיין איבער די בעקערייען.

ער ווינטשט ביילען, ווי זיין מומע זאָגט, אַ פריילעכן שבת! זי מעג אים גלייבן: מען איז אַזוי פאַרטאַראַראַמט, אַז ער פאַרגעסט צו מאָל אין עסן און דאָך איז ביי אים אַזאַ געפיל ווי די גאַנצע וואָך איז אין לאַנגער פריילעכער שבת!

שטייט ביילע און טראַכט: אין דעם גרויסן שבת קען זי ניט פאַרגעסן דעם טאַטנס וואָכעדיקע אויגן.

און ווען עס נעמט זי אונטערן אָרעם דער פון ערגעץ אָנגעקומענער סאַשע סלוצקי, דאַכט זיך איר, אַז דאָס איז אַ פאַרזעצונג פונעם שמועס וואָס זי האָט נאָר וואָס געפירט מיט זיך אַליין. מען גייט שווייגנדיק און מען זעצט זיך אַוועק אויף דער זעלבער באַנק, אונטער דעם זעלבן פענצטער, ווו זי האָט ניט לאַנג געשומרט, ווען דער קאָמיטעט האָט זיך געגרייט באַגעגענען די רויטע אַרמיי. אין יענער נאַכט האָט זי געציטערט ווי אין פיבער. היינט איז

זי רויק. ווען דער רויקייט אירער דערציילט זי איצט דעם יונגן יוריסט אַלעקסאַנדער סלוצקי. ער איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין איר.

די אַרבעט וואָס זי טוט אין דעם אַזוי גערופענעם „קאָמיטעט”, זאָגט ער, איז אַ פּאַראָדיע אויף רעוואָלוציע. די מעשׂה מיט דעם פּראַצענטניק נחום יאָסעלעס קלינגט ווי אַ וואָלוועלער אַנעקדאָט!

צי איז איר נאָך ניט קלאָר, אַז די „באַפרייערס” זייערע האָבן שוין לאַנג צעטאַשלעוועט דעם גרעסטן טייל פון זייער רעוואָלוציאָנערן פּלאַם? פון אונטער זייערע הויכע פּראַזעס קריכט אומעטום אַרויס דאָס געמויזעכץ. סאַשע סלוצקי גלייבט בכלל ניט אַז רעוואָלוציעס קענען איבערמאַכן די וועלט. אַזאַ ווי זי איז געווען, אַזאַ איז זי, די וועלט, און אַזוי וועט זי זיין! אַ מיסט־קאַסטן! דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט איבערמאַכן די וועלט, דאַרף נאָך דעם לאַנג וואַשן די הענט, אויב מען קען זיי בכלל דערוואַשן.

אפשר איז שוין צייט זי זאָל מאַכן אַ סוף צו דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אירער? גענוג אָנלעבן זיך אומזיסטיקע שׂונאים!

ער פאַרשטייט זי ניט. און וועט זי אַ פּנים קיין מאָל ניט פאַרשטיין. דאָך, אַזוי דערציילט זי אים אַז זי האָט איינגעגעבן צוויי מעלדונגען אין ראַינאַראַבראַז, פאַר זיך און פאַר נאָך אַ לערער וואָס איז נאָך דערווייל אין רעגאַט, נאָר ער וועט זיך אומבאַדינגט אומקערן. זיי וועלןביידע אין איינעם אָנהייבן דאָס נייע לערניאַר. זיי וועלן לערנען קליינע קינדער ווי אַזוי צו ווערן גרויסע, גוטע, אמתע מענטשן. זיי וועלן יענעם לערנען און אַליין לערנען. און אין אָוונטשול וועלן צו זיי קומען אַזוינע יאָטן ווי שימע גוראַלניק און וויטיאַ מעלניק, מיכאַיל סאָקאָלאָוו און וועלוול געלמאַן און נאָך אַ סך פּשוטע, ערלעכע חברה... און אַלע אין איינעם וועלן זיי לערנען די שווערע מלאָכה פון בויען אַ ניי, פריי לעבן.

און נאָך דערציילט זי אים, ווי די געוועזענע דינסט זייערע מאַריאַ באַביטש פאָרט אַרום אין די נאָענטע דערפער, דערציילן די אָרעמע פּויערים, אַז די ראַטנמאַכט איז זייער מאַכט און די פּריצישע פעלדער זיינען זייערע פעלדער. און ווי אַזוי דער רימער שימע גוראַלניק איז נאָר וואָס אַוועק אויף אַ האַלבער נאַכט צו די בעקערס, כּדי עס זאָל מאָרגן זיין גענוג פריש ברויט פאַר יעדן... און נאָך און נאָך דערציילט זי אים...

מיט דער צייט וועט ער אפשר פאַרשטיין סאַראַ פרייד עס איז צו זיין מיט אַלעמען אין איינעם. סאַראַ גליק עס איז צו אַרבעטן און לעבן פאַר אַלעמענס וועגן. און אויב דער יוריסט אַלעקסאַנדער סלוצקי קען ניט און וויל דאָס ניט פאַרשטיין, אַלץ ערגער פאַר אים! און אַ גוטע נאַכט אים, דעם יוריסט אַלעקסאַנדער סלוצקי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנג לעבן זאָל די מאַמע אירע, די אָדעסיטקע, וואָס האָט ביילען געלערנט רוסיש. איבעריקנס, אין די אַזוי גערופענע אַריסטאָקראַטישע שטיבער האָט מען אַלע קינדער געלערנט רוסיש.

דער אָנפירער פונעם ראַינאַראָבראַז רעכנט שוין ביילען פאַר זיינעם אַ מיטאַרבעטער. ער האָט גאַנץ פרי געבראַכט אין קאָמיטעט אַן אַלטע רוסישע שרייבמאַשין. דרוקט ביילע פאַר זיינטוועגן נודנע אינסטרוקציעס צו די קומענדיקע לערן־פּראָגראַמען. אַז מען דאַרף — מוז מען.

כאַפּט ביילע אַ קוק דורך דעם אָפענעם פענצטער, זעט ביילע: אַלטע אַקאַציעס האָבן אויסגעשפרייט די גאַס מיט ציטעריקע זונפלעקן. אַלטע אַקאַציעס שאָקלען מיט די גרינע קעפ: —אַי, אַי! אַזאַ יונג מיידל, אין אַזאַ שיינעם זומער־שבת! אפשר ווייסט איר וואָס זי זיצט נעבעך און דרוקט און דרוקט!..

ווי נאָר זי וועט ענדיקן, און עס וועט זיך ווייזן כאָטש ווער סע ניט איז פון די קאָמיטעטשיקעס, לאָזט זי איבער אַלצדינג און לויפט אַראָפּ צו דער ריטשקע זיך אויסבאָדן.

די פינגער קלאַפּן און דאָס נעזל פילט דעם גערוך פון פייכטן גראָז. די אויערן הערן, דאַכט זיך, ווי עס קוואַקען זשאַבעס.

נאָך איין קוק אין פענצטער און עס ווערט איר אַנטרינען דער מאַמעס מילך.

— מאַמעניו! טייערע! עטעלע קושניר, יאָסלס שוועסטערל, לויפט גלייך אַהער.

— יאָסל איז געקומען!

נחמן

1

פאַר אַ לערער אין דער נייער זיבן־יאָריקער יידישער שול האָט מען נחמן ברונשטיין אויפגענומען איינעם פון די לעצטע. אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים געווען געצויגן ביי דער צונג, האָט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע געשריבן, אַז ער איז אַ געוועזענער חלוץ. דעם טאַטן זיינעם האָט ער אָנגערופן ניט פשוט אַ שמש אין דער שניידערשער שול, נאָר אַ כּלי־קודש. ער האָט פאַר דער ראַטנמאַכט גאָרניט פאַרלייקנט. ער האָט זיך געקליבן אָנהייבן דאָס לעבן פון ס׳ניי.

די שוועריקייטן אין שול זיינען געווען אין־לשער! עס האָבן אויסגעפעלט העפטן, לערנביכער. אַלץ איז געווען פאַר אים ניי. מען האָט געדאַרפט אַליין לערנען און די קינדער לערנען, און גרייטן זיך אין דער הינטעראויגיקער לערערשול. האָט ער טאַקע ניט געזען די ליכטיקע שיין פאַר זיך. אַפילו וועגן דעם אַז עטעלע קושניר האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שניידעריי און איז אַוועק־געפאָרן לערנען אויף פעלשערקורסן האָט ער זיך אויך דערוווּסט אין אַ צייט אַרום.

ווען און ווי אַזוי דער ווינטער איז אַוועק האָט ער ניט באַמערקט. די זון האָט געשיינט וואָס אַ טאָג אַלץ העלער. עס איז אים וואַרעם געווען אויפן האַרצן. ער האָט זיך אַלץ געקליבן אָנשרייבן עטעלען דעם אמתן לאַנגן בריוו. אין אירע בריוו אַהיים האָט זי אים אָפט געלאָזט גריסן. די גרוסן האָט מען אים איבערגעגעבן מיט אַ שמייכל. ווייל ס׳איז געווען „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד״, אַז ער איז אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן.

נאָר אויב עס איז באַשערט אַ מענטשן פאַלן — מוז ער ניט דווקא זיך פאַרטשעפּען ערגעץ אין אַ שטיין. מען קען פאַלן אויפן גלייכסטן אָרט. פאַלן ווי אין אַ טיפן אָפּגרונט אַריין.

דאַרף זיך אַזוי טרעפן: שפּעט ביי נאַכט האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער. נחמן איז געשלאָפן. ער האָט געהערט — מען קלאַפּט, —

נאָר עס האָט זיך אים ניט געגלוסט אויפמאַכן די אויגן. האַלב דרעמלענדיק האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. פון יענער זייט, אין אַ פּאָר שטעקשיך אויף די באַרוועסע פיס איז געשטאַנען פערעלע פוקס.

זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די פולבלעכע ליפּן און געוויזן ער זאָל איר אויפמאַכן דאָס פענצטער. און ווען ער האָט מיט מי אויפגעעפנט דאָס נידעריקע פאַרקלעפּטע פענצטער, איז זי אַן רייד אַריינגעקראָכן, צוגעפאַלן צו זיין אַנטבלויזטער ברוסט און צעווײנט זיך אָן אַ קול.

אונטער דעם קאָפּאָט איז אויף איר געווען ניט מער ווי אַ דין באַטיסטן נאַכטהעמד. אַ העמד מיט קרוזשעוועס און עס האָט געשמעקט מיט אײדעלע פּאַרפומען...

דאָס אײנציקע וואָרט וואָס זי האָט באַוויזן צו זאָגן איז געווען: — אוי! נחמן!..

די מאַמע האָט באַלד דערהערט, און אפשר דערפילט, אַז ביי נחמנען איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. די מאַמע מינדל איז שוין געשטאַנען אויף דער טיר.

די מאַמע האָט אַוועקגעזעצט פערעלען אויף זיין בעט, אַרומגעלייגט זי מיט קישנס, איינגעהילט איר די פּלייצע מיט דעם אַלטן וואָלענעם שאַל, און ביי פערעלען האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

...אַרום האַלבער נאַכט — האָט זי דערציילט — איז צו זייער שטוב צוגעפאָרן אַ לאַסטמאַשין. מען האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן אין ביידע טירן. די מאַמע האָט קוים צייט געהאַט אויפעפענען דאָס פענצטער פון איר שלאָפ־צימער, וואָס קוקט אַרויס אין גאָרטן. „שפּרינג!" — האָט די מאַמע איר געהייסן. איז זי אַרויסגעשפּרונגען אַזוי ווי זי איז אַרויס פון דעם בעט. אין איין נאַכטהעמד. די מאַמע האָט איר נאָכגעוואָרפן דעם קאָפּאָט און די שטעק־שיך און האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

אַ צייט לאַנג האָט זי געשאַרט מיט די הענט און ניט געקענט געפינען דעם צווייטן שטעקשוך און ווען זי האָט שוין אָנגעטון די שטעקשיך האָט ביי זיי אין אַלע צימערן שוין געברענט דאָס ליכט. די פיס זיינען איר ווי צוגע־וואַקסן צו דער ערד. ניט צו מאַכן קיין שפּאַן. איז זי געשטאַנען ביז אין אַלע צימערן איז ווידער געוואָרן פינצטער. די הינטערטיר האָט זיך געעפנט און עס זיינען אַרויסגעגאַנגען די מאַמע מיט דעם טאַטן, ביידע מיט צווי

היפּשע פּעקלעך. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר זי האָט פאַרלוירן דאָס קול...

מען האָט די מאַמען מיטן טאַטן אויפגעזעצט אויף דער לאַסטמאַשין. די מאַשין איז אָפּגעפאָרן און עס איז געוואָרן שטאָק פינצטער און קאַלט און שרעקלעך... האָט זי זיך געלאָזט לויפן מיט די גערטנער, מיט די הינטער־געסלעך און זי איז געקומען צו אים, צו נחמנען.

עס האָט געטאָגט. די מאַמעס מינדל איז אַוועק אין קיך אויפזידן אַ גלעזל טיי פאַר פערעלעס וועגן. און פערעלע, אַזוי ווי זי איז האַלב געזעסן, איז זי איינגעשלאָפן און נאָר שטילערהייט געכליפּעט פונעם שלאָף.

דערנאָך איז אויפגעגאַנגען די זון. אַ זון ווי אַלע טאָג, וואָס אין דער פרי וואַרעמט זי — אַ מחיה! נאָר שפּעטער צו, ביי טאָג, וועט זי שוין היפּש שרפענען.

אין שטעטל האָט מען שוין געוווּסט: ביי נאַכט האָט די ענקאַווע־דע פאַרנומען און אַרויסגעפירט עטלעכע גבירים: די זילבערשטיינס, די ברידער צוקערמאַן און חיים פוקס מיט די בנים.

זיינוויל דער בעל־עגלה, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דער באַן, האָט דערציילט: „...מען האָט זיי געבראַכט אין גרוזאָוויקעס. מען האָט זיי מיט כּבוד איינגעזעצט אין אַ סקאָטסקי־וואַגאָן. מען שיקט זיי אַרויס קיין סיביר".

נחמנען האָט מען געפרעגט: „וואָס איז! וואָס איז געשען?" נחמן האָט געענטפערט: „גאַרניט. פּשוט, ער איז היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאַפּווייטיק".

פון דער משפּחה פוקס איז אין שטעטל, אויסער פערעלען, קיינער ניט געבליבן. חיים פוקס מיט ביידע זיינע חתונה געהאַטע זין האָט מען אַרויס־געשיקט. און שמואל פוקס, פערעלעס פעטער, האָט פאַר טאָג עוקר געווען און קיינער ווייסט ניט וווהין. איז פערעלע געבליבן וווינען ביי נחמנען אין איינציקן צימער. מען האָט זי ניט געזוכט. נאָר ווייזן זיך פאַר מענטשן האָט זי מורא געהאַט.

איז פערעלע געבליבן שלאָפן אין זיין איינציקן בעט.

— פאַר וועמען, אייגנטלעך, דאַרף ער זיך פאַרענטפערן? אַ מאָל דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זי אַפילו אַ ביסעלע ליב.

ער ווייסט: פֿאַר אַ יאָרן פֿריליגצייט האָט חיים פוקס אַ שידוך געטון מיט דער מיזינקע, מיט פערעלען. ער האָט פֿאַר איר איינגעהאַנדלט אין אַ שכנותדיקן שטעטל אַ יונגן סימפּאַטישן דאָקטער. נאָר ס'איז געקומען די ראַטנמאַכט, ביי די פוקסן האָט מען נאַציאָנאַליזירט די פולע שפייכלערס תבואה, דאָס געלט אין באַנק האָט געלאָזט גריסן, און געלאָזט פיין גריסן האָט אויך דער חתן, דער יונגער דאָקטער. פון אַלע קאַוואַלירן איז איר אין גיכן געבליבן נאָר ער איינער, נחמן דער לאַנגער, דער לא־יוצלח! דער לערער.

די שטוב ביי חיים פוקס איז דערווייל פאַרחתמעט. האָט פערעלע באַשלאָסן אַריינקריכן ביי נאַכט דורכן פענצטער פון איר שלאָפצימער. זי געדענקט גוט: די מאַמע האָט דאָס פענצטער ניט פאַרמאַכט אויף די קייטעלעך. איז נחמן מיט איר געגאַנגען ביי נאַכט, געוואַרט אין גאָרטן, ביז זי האָט אים אַרויסגעגעבן דורכן פענצטער צוויי גרויסע פעק מיט קליידער. און נאָך דעם זיך געגנבעט מיט אָט די פעק דורך די הינטערגאַסן, אַהיים.

חוץ פערעלעס גאַרדעראָב זיינען אין די פעק געווען אויך צוויי מענער־אָנצוגן. חיים פוקס אָנצוגן. פערעלע האָט זיי געבראַכט נחמנען.

די מאַמע זיינע האָט זי גלייך אָנגעהויבן רופן שוויגער. און וועגן די פעק האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט: נַדן.

אַוודאי איז מינדלען דער שמשטע אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט חיים פוקסן. נאָר אויב די מאַמע האָט נאָך געהאַט געציילטע שוואַרצע האָר אין קאָפּ, זיינען זיי איר ווייס געוואָרן. ביי לייטן, אַז מען מאַכט חתונה אַ קינד, רופט מען צונויף קרובים, גוטע פריינד, מען פראַוועט אַ שימחה, ווי גאָט האָט געבאָטן. זאָל זיין אָן חופה־וקדושין! זאָל זיין די כלה איז אַליין געקומען, אַריינגעקראָכן, קען מען זאָגן, צום חתן אין בעט אַריין. נאָר מען זאָל נאָך דאַרפן דערביי זיך אויסבאַהאַלטן!? עס זאָל נאָך אויף דיר ציטערן די הויט!..

פערעלע, אין שלאָף דרייט זי זיך צונויף ווי אַ קנַילעכל. די פולע ליפּעלעך — האַלב־אָפן, ניט אַנדערש — עס שלאָפט אַ קינד. נאָר מיט העלישן פייער, מיט מיידלשער פרישקייט ברענט איר גוט אויסגעפיטערט לייב. די ווייסע, שאַרפע ציינדעלעך זיינען גרייט בייסן. מען ווערט פון דעם שיכּור!

זי האָט אים גאָרניט געפרעגט, און ער האָט איר גאָרניט געזאָגט. פשוט:

זי האָט אָנגעהויבן רופן זיין מאַמע „שוויגער״, האָט ער פאַרשטאַנען אַז פּערעלע פוקס האָט אים חתונה געמאַכט מיט זיך.

זיין איינציקע גלוסטעניש אין יענע טעג: אויסבאָדן זיך אין עפּעס אַ באַזונדער ריין וואַסער, אויסוואַשן פון זיך פּערעלע פוקס׳ גערוך, דעם טעם פון אירע הייסע זיסע ליפּן! אויפשטיין אין דער פרי — דער זעלבער ווי געוועז.

סוף מיי האָט זיך פון די פעלשערקורסן אומגעקערט עטעלע קושניר. שוין דעם ערשטן פאַרנאַכט האָבן זיי זיך באַגעגנט.

— קום, — האָט זי אים געזאָגט, — קום, וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן אַ ביסל. ביסט רויט ווי אַ חתן, ווען מען רופט אים אויף צו מפטיר.

איז מען געזעסן אויף אַ באַנק אין גאָרטן. עטעלע האָט דערציילט ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען דאָס לערנען. זי האָט אים דערמאָנט, ער האָט איר אַ מאָל געזאָגט: „אַן אמתער לערער דאַרף אויסלערנען זיינע תלמידים, ניט נאָר לייענען און שרייבן, נאָר אויך דענקען, ליב האָבן וואָס מען דאַרף און פיינט האָבן וואָס מען מוז״. און נאָך האָט ער איר אַ מאָל געזאָגט: „אַ לערער לעבט אַ סך לעבנס. זיינע געדאַנקען טראָגן מיט זיך ווייטער זיינע תלמידים״.

איז וויל זי ער זאָל זיך פאָרשטעלן: אַ חולה, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אַזאַ וואָס דאַרף נאָך לעבן און לעבן, ליגט אין גרויסער היץ — אַ שפּאַן פונעם טויט. דו טרעטסט פון אים ניט אָפּ. דו בעטסט זיך ביי אים אַן ווערטער:

— מענטש איינער! שטאַרק זיך! האַלט אויס!..

אין אַ שיינעם פרימאָרגן שלאָגט אים אָפּ די היץ. דער מענטש, אַן אָפּגעשוואַכטער, מאַכט אויף צום ערשטן מאָל אַ פּאָר לויטערע אויגן, און גיט דעם ערשטן, אַ ביסל אַ שולדיקלעכן שמייכל... פאַר אַזאַ שמייכל איז זי גרייט גיין צו פוס ביזן עק וועלט! אַזאַ שמייכל שיינט דיר נאָך דעם ביי טאָג און ביי נאַכט!

אַקעגן דעם זאָגט זי עס, ווייל אַ דאָקטער לעבט אויך אַ סך לעבנס. ער לעבט מיט יעדן איינעם פון זיינע אויסגעהיילטע קראַנקע. זי וועט אַרבעטן און ווייטער לערנען. זי וועט אומבאַדינגט זיין אַ דאָקטער און ניט סתם אַ דאָקטער, נאָר אַ כירורג. — זי באַטראַכט דערביי אירע לאַנגע פעסטע פינגער. די לערערס האָבן איר געזאָגט: „ביי אייך זיינען גענייטע הענט.״

וואָס זשע שוויַיגט ער, נחמן? ער האָט דאָך איר געמעגט, פאַר דער גאַנצער צייט, אָנשרייַבן אַ פּאָר ווערטער.

נחמן שוויַיגט. אַזוי פיל האַרציקע ווערטער זייַנען געווען גרייט און געוואַרט אויף איר! נאָר איצט איז שוין שפּעט. איצט איז שוין אַלץ פאַרפאַלן.

די נייטיקייט עטוואָס צו באַשליסן האָט אים פאַרשפּאָרט די אויסגעבראָכענע מלחמה. — וואָס האָט נאָך געקענט זייַן פּשוטער ווי אַוועקגיין אויפן פראָנט?! אַ סאָלדאַט, גלייַך מיט אַלעמען.

האָט ער געוואַרט אויף זייַן מאָביליזאַציע-צעטל, געוואַרט און ניט דערוואַרט זיך. איז ער געגאַנגען אין וואָיענקאָמאַט. האָט מען אים דאָרט געראָטן אַהיים גיין און וואַרטן — „מען וועט אייַך דאַרפן — האָט מען אים געזאָגט, — וועט מען אייַך רופן“.

קיינער האָט אים ניט גערופן. קיינער האָט אים ניט באַדאַרפט. דאָס שטעטל איז פול געוואָרן מיט פליטים, פון דער גרענעץ, פון די אַרומיקע דערפער, פול געוואָרן מיט שוידערלעכע מעשׂיות. טעג — ווי אין אַ טומאַן. נעכט — שוואַרצע, פינצטערע!..

2

עמעצער האָט ראַפּטעם אַן עפן געטון זייַן טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען עטעלע. — זי איז אַרייַנגעלאָפן אויף איין מינוט. „אונדזערע, — האָט זי געזאָגט, — טרעטן אָפּ.“ עוואַקויִרן זיך איז איצט די סאַמע לעצטע געלעגנהייט. זאָל נחמן נעמען די מאַמע און קומען צום שטאָטראַט. אין אַ שעה אַרום וועט מען פון דאָרטן אָפּפאָרן. עטעלע האָט זיך שוין אויסגעדרייט אויף אַוועקצוגיין, ווען פון דער קיך, אין שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס, איז אַרייַנגעקומען פערעלע פוקס.

זייַנען זיי ביידע שטיין געבליבן. אָפּגעמאָסטן איינע די אַנדערע מיט די אויגן. עטעלע האָט אַ קוק געטון אויף נחמענען, ווי איינער זאָגט: אָט וואָס דאָ איז געשען! און ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. זייער פּשוט האָט זיך עס באַקומען.

— וווּהין פאָרן? — האָט פערעלע געפרעגט, — און געווען איז אין איר

פרעגע אַ פּאַרטיקער ענטפער. — שוויגער! — האָט זי אַ רוף געטון אין קיך אַריין.

— אַ ווייטיק איז מיר!.. — האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט. — וווּהין לויפן?! מיט אַן אַלטער מאַמען, מיט אַ טראָגנדיק ווייב?!..

און ס'איז אָנגעקומען אַ וויסטע נאַכט, פול מיט פּערעלעס טרערן.

— ווען זאָל זי אים געווען זאָגן, אַז זי איז שוואַנגער? שוין אַזוי פיל טעג ווי ער רעדט ניט אויס מיט איר קיין איינציק וואָרט?..

פאַר טאָג איז פּערעלע איינגעשלאָפן. פאַר טאָג, אַן אַ באַזונדער שיסעריי, איז אין שטעטל, פון בײדע זייטן, אַריין דער שׂונא.

דער שכן זייערער, מיטראָפּאַן קאָזשאָקאַרו, איז אין דער פרי אַריבער־געקראָכן דעם נידעריקן פּלויט צו זיי אין הויף. ער איז שוין געווען אין שטעטל.

— דער שד וויסט וואָס דאָרט טוט זיך!.. די וועלט איז משוגע געוואָרן!.. אַ פולער מאַרק מיט דײַטשישע מאַשינען, — ניט צום איבערציילן! און אין שטעטל ווילדעווען אונדזערע, די רומענער! זיי גייען פון שטוב צו שטוב, ראַבעווען, טרייבן צונויף, דערהויפּט יונגוואַרג. ווער עס געפעלט זיי ניט, שיסט מען אים אויפן אָרט!..

ביי מיטראָפּאַנען, אין דעם האַלב־צעוואַלעטן לעכערדיקן שטאַלעכל, באַ־האַלטן זיי זיך פון אין דער פרי אָן. מיטראָפּאַן האָט געזאָגט: קיין קריסטן טשעפּעט מען דערווייל ניט. זיצן זיי אויף די פּעקלעך. מען הערט אַ ווייטן שאָס, אַ ווילדן געשריי, און ווידער איז שטיל. ערגער פון אַלץ איז די שטילקייט. קוקט נחמן אויפן פאַרמיסטיקטן דיל און עס דאַכט זיך אים: אָט וועט ער זיך אַ שטאַרקן קניפּ טון, ער וועט זיך אויפכאַפּן, און אַלצדינג וועט זיין ווי געווען. עס וועט פאַרשווינדן די שרעק. עס וועט ניט זיין קיין בושה. ער וועט זיך אויפהייבן און קיינער וועט אים ניט האַלטן ביי די הענט, ניט די מאַמע, ניט זיין ווייב פּערעלע פוקס!..

פאַר נאַכט. דער אַלטער מיטראָפּאַן איז ווידער געקומען פון דעם שטעטל. ער שטייט אין מיטן גרינסגאָרטן און רייבט די פּאַטילניצע.

— לאַכמאַן! — רופט ער, — אויף דער שוועל פון זיין שטיבל ליגט משה־לייב קושניר אַ טויטער! אפשר וואָלטן מיר צוגעגאַנגען...

בינד נחמנען מיט שטריק וועט אים קיינער איצט ניט איינהאַלטן. נאָר די מאַמע מינדל לויפט סיי ווי סיי פאַרויס. מיט די הויפן — איז דאָס שניידער־געסל גאָר נאָענט.

צעפּראַלטע טירן, אויסגעזעצטע שויבן, און קיין איין לעבעדיקע נשמה!

משה־לייב קושניר, עטעלעס טאַטע, ליגט אויף דער שוועל. די אויגן אָפן. דאָס גרויע בערדל פאַרשפּיצט אַרויף. ער איז שוין קאַלט. און אין צימער, אויפן דיל, אין אַ קאַלוזשע בלוט, ליגט איטע־לאה, עטעלעס מאַמע. מען האָט איר מיט עפּעס דערלאַנגט אין פּנים אַריין. ווען ניט די קליידער, וואָלט מען זי ניט דערקענט. ווייטער לאָזט די מאַמע ניט גיין.

— ברענג, — זאָגט זי, — אַן עמער וואַסער, — הערסט וואָס מען רעדט צו דיר — נחמן!..

צו וואָס דאַרף די מאַמע אַן עמער וואַסער? גאָרניט פאַרשטייט ער ניט! גאָרניט! ער האָט שוין געבראַכט וואַסער. אין פּירהויז זיינען, ווי תמיד, געשטאַנען צוויי פולע עמערס וואַסער. דאָס האָט דער אַלטער קושניר, ווי אַלע טאָג, געבראַכט וואַסער פון משה סטאָליערס קרעניצע. דאָס וואַסער איז ניט גערירט און משה־לייב איז שוין טויט!..

— נעם אָן ביי די פיס — קאָמאַנדעוועט מיטראָפאַן.

נעמט נחמן משה־לייב קושנירן ביי די פאַרשטאַרצטע פיס. מען לייגט אַוועק ביידע מתים איינעם לעבן דעם אַנדערן און דער אַלטער קאָזשאַקאַרו דעקט זיי צו מיט אַ טישטעך וואָס וואַלגערט זיך אויפן דיל.

— נחמן! — רופט אים די מאַמע פון עטעלעס צימער, — זי פּרוווט אויפהייבן עטעלען, נאָר דאָס איז ניט פאַר אירע כוחות. די שטריק מיט וועלכע מען האָט עטעלען צוגעבונדן צו דעם אייזערנעם בעטל האָט זי שוין איבער־געשניטן. די שמאַטע פון איר מויל אַרויסגענומען, ווי ניט איז זי אַרומגעוואַשן און איינגעדעקט די נאַקעטקייט אירע. נאָר אויפהייבן זי איז זי ניט בכח. עטעלע ברענט! די אויגן אירע — גלעזערנע אויגן! קוקן און זעען ניט גאָרניט!..

— ליימענער גולם! וואָס שטייסטו? מען דאַרף זי אַריבערטראָגן צו אונדז אַהיים.

נעמט ער עטעלען אויף די הענט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פילט ער

זי אַזוי נאָענט צו זיך. ער ליגט זי אַוועק ביי דער מאַמען אויף דער סאָפקע. קוקט ווי די מאַמע דעקט זי אײַן. קוקט ווי בײדע, די מאַמע און פּערעלע, בייטן איר די קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ. און אין שטעטל שיסט מען שוין ווידער. ס'איז שוין שפּעט ביי נאַכט. קיין מינדסטן שײַן אין קיין פענצטער. דורך דער אָפענער טיר הערט ער נאָר עטעלעס שווערן אָטעם.

— גאָט אין הימל! ס'איז דאָך ניט קיין חלום!..

דער אַלטער מיטראָפאַן האָט ניט געלאָזט נחמנען גיין זוכן אַ דאָקטער. ער האָט גאַנץ פרי געבראַכט דעם אַלטן סאַבאַליעווסקין. קיין אַנדערע דאָק־טוירים האָט ער ניט געטראָפן. דעם דאָקטער האָבן זיי נאָך דעם אָפּגעוואַרט אין הויף. אויף זייער שטומער פראַגע האָט ער געענטפערט ברוגזלעך:

— אַ געזונט מיידל. זאָל מען זי לאָזן צו רו. ניט מיט איר איינער איז עס געשען.

און אין שטעטל האָבן זיך אומגעקערט די זשאַנדאַרמען. מענטשן זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די קעלערס, אַראָפּגעקראָכן פון די ביידעמער. מען האָט נאָך אַלץ גערעדט שעפּטשענדיק. מען האָט צונויפגעקליבן די הרוגים. געפירט זיי מיט מעכל־יאַסיעס קאַטיוגע אויפן בית־עולם.

אין איינעם מיט אַנדערע איז נחמן געגאַנגען גראָבן קברים. מען האָט אויסגעגראָבן צוויי ברייטע גריבער, איינעם פאַר מענער און איינעם פאַר פרויען. די מתים האָט מען אויסגעלייגט האַרט איינעם לעבן דעם אַנדערן. עמעצער האָט אָפּגעזוכט דעם אַלטן דײַן. ביי דעם דײַן האָבן געציטערט די הענט און ס'האָט געציטערט דאָס קול. ער האָט אָפּגעזאָגט וואָס מען דאַרף, די קברים האָט מען פאַרשיט און יעדער איז שווייגנדיק אַוועק צו זיך אַהיים.

נחמנען האָט מען אַרויסגעטראָגן וואַסער, האָט ער אַרומגעוואַשן די הענט.

צו עטעלען האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזט. און צו די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל האָט ער זיך ניט צוגערירט. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, געקוקט פון דאָרט אויף דעם בית־עולם און ניט געקענט, פון ווייטן, געפינען דאָס אָרט פון די פריש פאַרשיטע קברים. דערפילט אין זיך אַ תהום מיט ליידיקייט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין קיך, זיך אַ וואַלגער געטון אויפן האַרטן טאַפּטשאַן און איינגעשלאָפן ווי אַ דערהרגעטער.

ער האָט ניט געהערט די געדיכטע שיסעריי וואָס האָט זיך אָנגעהויבן

פאַר נאַכט צו, לעבן דעם בית־עולם. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט ביי נאַכט. עמעצער האָט געשקראַבעט די דרויסנדיקע טיר. ביז ער האָט זיך גערירט האָט שוין די מאַמע אויפגעמאַכט, און מער אַריינגעשלעפּט אויף זיך ווי אַריינגעפירט, שמואליקן, מעכל קירזשנערס זעכצן־יאָריקן זון. שמואליק, אין איין אונטערוועש, אַן אויסגערייטעטער אין בלוט און אין ליים, האָט נאָכגעשלעפּט דעם רעכטן פוס.

ביי דער שפּעטער לבנה־שיין האָט מען אים אַרומגעוואַשן. ווי ניט איז איבערגעבונדן דעם פוס, איבערגעטון אים אין נחמנס אַ פּאָרל וועש, אַרויפּ־געצויגן אויף אים נחמנס אַ פּאָר אַלטע הויזן. ער האָט אויסגעטרונקען אַ קוואָרט וואַסער, נאָר רעדן ווי עס באַדאַרף צו זיין האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט.

...געכאַפּט האָט מען אים נאָך נעכטן גאַנץ פרי, ווי נאָר די רומענער זיינען אַריין. מען האָט אים, מיט אַ סך אַנדערע, געבראַכט אין דער געוועזענער פּרימאַריע און אויסגעשטעלט זיי אַלע מיט דעם פּנים צו דער וואַנט. זיינען זיי געשטאַנען. אויף ביינאַכט האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער. זיינען זיי געלעגן. אין דער פרי האָט מען זיי אַרויסגעטריבן אין אַ גרויסן הויף. „אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. אַ טייל פון אונדז האָט מען אָפּגעלאָזט אַהיים. די געבליבענע האָט מען געטריבן באַרג־אַרויף צום בית־עולם. דאָרט האָט מען געהייסן גראָבן אַ גרויסן גרוב. און ווען זיי האָבן געענדיקט גראָבן האָט מען זיי אויסגעשטעלט צו צען אין אַ שורה און דער ערשטער שורה האָט מען געהייסן זיך אויסטון. און ווער עס האָט זיך ניט געוואָלט אויסטון האָט מען אים געשלאָגן מיט די פּריקלאַדן און געטאַפּטשעט מיט די פיס. און אַרום זיינען געשטאַנען גזלנים מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן. און מען האָט צוגעפירט די ערשטע שורה צום גרוב און די מערדערס האָבן אָנגעהויבן שיסן. די מענטשן זיינען געפאַלן און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער גוואַלד; מענטשן האָבן געריסן אויף זיך די קליידער, אויסגעריסן זיך די האָר פונעם קאָפּ, און געשריגן, געשריגן מיט ניט קיין מענטשלעכע קולות... און ס'איז דאָרט געווען זייערער אַן אָפיציר, איז ער געגאַנגען לענג־אויס דעם גרוב און געשאָסן אין די אומ־געפאַלענע וואָס האָבן נאָך געלעבט. און מענטשן האָבן געפּרוווט אַנטלויפן,

האָט מען זיי געפּאַקט און געשלאָגן מיט די פּריקלאַדן און יעדן באַזונדער צוגעפירט צום גרוב און דערשאָסן. און דער אָפיציר האָט מיט די אויסגע־פּוצטע שטיוול זיי אַראָפּגעשטופּט אין גרוב אַריין. און מען האָט געפירט אַ שורה נאָך אַ שורה. און עס האָט שוין ניט געקלעקט קיין כּוח צו שרייען און ווען ס׳איז געקומען אונדזער ריי איז דער גרוב שוין געווען כּמעט פול. און אַ סך פון די געפּאַלענע האָבן זיך נאָך געטריפּעט... און עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ און איך האָב ניט געהערט דאָס שיסן. און איך בין אומגעפאַלן אין גרוב אַריין. און ווען איך בין געקומען צו זיך איז געווען פינצטער און כ׳האָב ניט געוווּסט ווו איך בין אויף דער וועלט. און אויף מיר זיינען געלעגן נאָך וואַרעמע טויטע... כ׳האָב געפּרווּט רירן מיט די הענט און מיט די פיס און בין אַרויסגעקראָכן פון דעם גרוב און דאָ האָב איך דערפילט אַז דער פוס דינט מיר ניט. בין איך געקראָכן באַרג־אַראָפּ ביז איך בין דערקראָכן צו אייך...״

עס האָט געטאָגט און מען האָט ווידער געמוזט זוכן אַ דאָקטער.

— כ׳וועל גיין — האָט נחמן געזאָגט און לאַנג געזוכט דאָס היטל, גלייך ער וואָלט גאָר קיין מאָל ניט האָבן געגאַנגען אין גאַס אָן אַ היטל.

— וווּהין וועסטו גיין!? פאַר טאָג! ווו וועסטו איצט קריגן אַ דאָקטער? דער ערשטער פּאַטרול... קען דאָך דיך!.. — די מאַמע האָט געשוויגן.

מען האָט דערציילט: די טעג האָט זיך אין שטעטל אומגעקערט דער יונגער דאָקטער הערשל טאָפּאָלאַר. וועט נחמן זיך גנבענען צו אים מיט די ליקן.

ביי די טאָפּאָלאַרס איילט מען זיך ניט עפענען די טיר. דער אַפּטייקער נחום טאָפּאָלאַר ווייזט מיט די אויגן אויף די אויסגעזוצטע וויטרינעס. מיינט דערמיט צו זאָגן: אין אַזאַ צייט קומט מען!..

נאָר הערשל שטייט שוין אין דער טיר. מיט הערשלען האָבן זיי אַ מאָל געלערנט אין איינעם. נעכטן פאַר נאַכט האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. ער איז, קען מען זאָגן, אַרויס פון די נעגל פונעם טויט! נאָר אויב נחמן איז געקומען אין אַזאַ צייט, איז דאָך ניט גלאַט אַזוי.

נעכטן פאַר נאַכט האָט מען, לעבן בית־עולם, אויסגעשאָסן די וואָס מ׳האָט זיי ניט אַרויסגעלאָזט — פון וואַנען ער ווייסט דאָס? פון איינעם וואָס מען

האָט אים געשאָסן און ניט דערשאָסן. דער איינער איז פאַרוואונדיקט און מען מוז האָבן אַ דאָקטער.

דער אַלטער אַפּטייקער וויל דער זון זאָל כאַטש אויסטרינקען אַ גלעזל טיי.

— הערשל וועט זיך באַלד אומקערן.

ביי שמואליקן זיינען דורכגעשאָסן נאָר די גראָבע פליישן. דער ביין איז גאַנץ. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אויב ניט טאַנצן, נאָר גיין וועט ער אַקוראַט.

וועט די מאַמע לויפן צו מעכל קירזשנער אַנזאָגן די בשורה אַז שמואליק לעבט און איז ביי זיי.

צו עטעלען לאָזט מען נחמנען ניט אַריין. עטעלע רעדט פון היץ. זי רייסט זיך אויפצושטיין. פּלוצעם זאָגט זי רויק און שטיל:

„נחמן, — זאָגט זי, — דו ביסט רויט ווי אַ חתן וואָס מען האָט אים אויפגערופן צו מפטיר". און ווידער רייסט זי זיך אויפשטיין. זי דאַרף אומבאַדינגט גיין, זי דאַרף זיך עוואַקויִרן!..

ביי דער טיר שטייט מען אַ ווײַלע. הערשל דערציילט:

...דער אָפיציר וואָס האָט אים אַרויסגעלאָזט איז געווען שיכּור.

„מיט די זשידאָנעס, — האָט ער געזאָגט, — איז קאַפּוט! די דייטשן מאַכן עס פּשוט. טשיק! און פאַרטיק. מיר, די רומענער, זיינען אַ קולטורעל פאָלק. ווי נאָר מיר וועלן ענדיקן מיט די באָלשעוויקעס, גיבן מיר אייך מיט דער קני אין הינטער־חלק, און מאַרש — קיין סיביר!"

געקומען צו לויפן מעכל קירזשנער מיטן ווייב. מעכל — אַ ייִד אַ גבֿר! פאַר די צוויי טעג איז ער ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. הערט ער און הערט ווי זיין ציפּע האַלט אין איין דאַנקען גאָט:

— וואָרעם אַז גאָט וויל! זעט מען דאָך, מאַכט ער פון טויט לעבעדיק!

האַלט מעכל ניט אויס און צעשרייט זיך אויף זיין ציפּען:

— שווייַג! יידענע! ווי אַזוי עפנט זיך דיר דאָס מויל?! אַכציק נפשות האָט מען געמאַכט פון לעבעדיק טויט! וועמענס שטיקל אַרבעט איז עס? זיינס! גאָטעניוס! אויפגעגעייט אַן איין פּאַסטריגע!..

ער נעמט שמואליקן אויף דער פלייצע און גייט אַוועק אַן אַ זיי־געזונט.

און עס ענדיקט זיך דער טאָג און עס הייבט זיך אָן נאָך אַ נאַכט.

די מאַמע זיצט לעבן עטעלען און בייט איר די קאַלטע קאָמפּרעסן.

— מאַמע! — בעט זיך נחמן — לייג זיך צו, מאַמע! רו זיך אַ ביסל אָפּ. כ׳וועל עס מאַכן ניט ערגער פון דיר.

— נאַרעלע! — ענטפערט זי אים — ווער קען דען שלאָפן?..

עפּעס דאַרף ער, נחמן, באַזיניקן, דערטראַכטן, נאָר אין קאָפּ איז ליידיק. עס פּלאָנטערן זיך דאָרט נאָר שטיקלעך געהערטע און געלייענטע פּראַזעס. פון קינדווייז אָן האָט מען מיט אים געקנעלט: „יש דין ויש דיָן״! זאָל זיין, ניט דער דין און ניט דער דיָן פונעם חומש. נאָר ערגעץ מוז זי דאָך זיין, די מאָס פון גערעכטיקייט. ווייל אויב ניט, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן?.. „כי באו מים עד נפש״ — דערמאָנט ער זיך נאָך אַ פּסוק. עפּעס צו אָפט קריכן זיי אים אין קאָפּ אַריין! די אַלטע פּסוקים! מען דאַרף שלאָפן! שלאָפן דאַרף מען!..

טעטעלע פּילט זיך שוין אַ סך בעסער. רעדן רעדט זי נאָר מיט דער מאַמען. אויב לעבן איר זיצט עמעצער אַן אַנדערער, שווייגט זי. זי קען שווייגן גאַנצע מעת־לעתן.

— אַז מען שטאַרבט ניט, לעבט מען. און אַז מען לעבט — זאָגט פּערעלע — וויל מען עסן.

זי איז געגאַנגען צו זיך אַהיים און צוריקגעקומען אַ פּאַרוויינטע. זי האָט געטראָפן אַ פּוסטע שטוב. הוילע ווענט, אַפילו אַ טייל פון די טירן און פענצטער האָט מען אַרויסגעריסן. און דאָך אַזוי וויל זי אַהיים. די הינטערשטע צוויי צימערן מיט דער קיך זיינען כמעט גאַנץ. דאָס לעבן, — זאָגט זי, — וועט זיך מיט דער צייט איינאָרדענען. אָט האָבן זיך אומגעקערט די זשאַב־דאַרמען און, דאַנקען גאָט! מען טשעפּעט ניט קיינעם.

נחמן קלייבט זיך אין ערגעץ ניט. אים איז דאָ אויך גענוג ביטער.

— וואָס זשע? ער וואַרט אפשר די „רויטע״ זיינע זאָלן זיך אומקערן?

— יאָ, ער וואַרט טאַקע די רויטע זאָלן צוריקקומען.

— וויפיק צרות האָבן זיי אָנגעבראַכט אויף דער וועלט?! דעם טאַטן, די מאַמען און די ברידער האָבן זיי פאַרשיקט ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. דעם נאַרישן עולם האָבן זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. ווי נאָר דער דייטש האָט געגעבן איין שאָס, זיינען זיי זיך צעלאָפן ווי די מיַז און די נקמה לאָזט מען אויס אויף די יידישע קעפּ!

די הענט האָט נחמן פאַררוקט טיף אין די קעשענעס. אויף וועמען זאָל ער אויסלאָזן זיין כּעס? אויף חיים פוקס׳ טעכטערל? אויף וועמען שרייען? אויף זיין אייגן טראַגעדיק ווייב?!.. נחמנס ירושה־שטיבל — מיט איין פוס שטייט עס אין שטעטל, מיטן צווייטן — אין דאָרף. די נייעסן קומען אָן אַהער שפּעט. אין שטעטל האָט זיך „מיט מזל״ אומגעקערט דער געוועזענער שעף דע פּאָסט. די סיגוראַנצאַ איז שוין צוויי מאָל געווען ביי משה־לייב קושניר אין דער פּוסטער שטוב. מען זוכט יאָסלען.

נאָך אַ גליק וואָס די מאַמע האָט באַצייטנס צונויפגענומען עטעלעס איבערגעבליבענע קליידלעך. עטעלע איז שוין כּמעט געזונט. נאָר די מאַמע לאָזט זי ניט מאַכן קיין שפּאַן אין דרויסן.

דאָס שטעטל איז איבערגעפּולט מיט פּליטים. פון די „גוטע״ בשורות גייט אַ גרויל איבערן לײַב, און כּאָטש טרייבער די ערד! אין שטעטל איז ניט צו קריגן קיין שום ראַדיאָ־אַפּאַראַט. כּאָטש עק זיך! כּאָטש צי זיך אויס! קיינער ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אויפן פראָנט. רומענישע בלעטער זיינען שוין דווקא יאָ דאָ. נאָר ווער גלייבט זיי דען? לויט זייערע נייעסן שטייט שוין אַנטאָנעסקו הינטער אָדעס. דער דייטש זאָל שוין האָבן פאַרכאַפּט מינסק און ווילנע און לעמבערג. דער דייטש רייסט זיך קיין מאָסקווע. דייטשישע טאַנקען זיינען שוין הינטער קיִעוו. — אַז אָך און וויי צו די יאָרן.

3

דעם באַפעל, אַלע ייִדן זאָלן מאָרגן גאַנץ פרי זיך צונויפזאַמלען אויף דער הויפּטגאַס, האָט מען אין די הינטערגעסלעך איבערגעגעבן פון שטוב צו שטוב. יעדער איינער מעג נעמען מיט זיך אַזוי פיל וויפל ער וועט קענען טראָגן. די טירן ניט פאַרשליסן, אַלצדינג לאָזן אויפן פּלאַץ.

ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן, האָבן סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמען גענומען טרייבן פון די הייזער.

האָט מען זיך צוגעזעצט אויף איין מינוט. די מאַמע האָט בגנבה אויס־געווישט אַ לעצטע טרער — „אַ מענטש, — האָט זי געזאָגט, — איז שטאַרקער פון אײַזן״.

איז זי שוין הינטער די פּלייצעס, די היים, ווו מען האָט געפּאַקט און געמאָזלט, ביכער געלייענט און חלומות געשפּינט... בעסער וועט ער זיך האַלטן נענטער צו דער מאַמען. ער וועט זי נעמען אונטערן אָרעם — מאַ־מעניו! מאַמע!..

די הויפּטגאַס איז פאַרפּלייצט מיט מענטשן. אַלע וואַרטן. קיינער ווייסט ניט וואָס עס וועט זיין. וווהין קלייבט מען זיך זיי טרייבן. ביי יעדן אין האַרצן טליעט נאָך אַ פונק פון האָפענונג. ס'איז נאָך דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל.

מעכל־יאָסיעס האָט אויפגעזעצט אויף זיין קאַטיוגע די געליימטע מאַמע זיינע און גרשון דעם טויבן, אַ זקן אין די אַכציקער. שכנים האָבן צוגעזעצט נאָך אַ קראַנקן און נאָך אַ קינד. מעכלס דאַרע שקאַפּע זעט מען שוין באַלד ניט אַרויס.

עס זיינען אָנגעפאָרן רייטערס און מען האָט גענומען טרייבן. דער עולם האָט געמיינט מען וועט זיי טרייבן צו דער באַן. ערשט מען האָט פאַרקערעוועט אויף גאָר אַן אַנדער וועג.

שלענגלט זיך מיטן שטויביקן פעלדוועג אַ לאַנגע מענטשנקייט — טויזנ־טער נפשות. רייטערס אויף נידעריקע פערדלעך פאָרן לענג־אויס דער קייט, שמייסן מיט לאַנגע נאַגייקעס געבויגענע פּלייצעס. דער שטויב פרעסט די לונגען. דער שווייס עסט די אויגן. פון די געשרייען ברענט אין מח. און איבער אַלעמען, אַ פרעמדע שרפנדיקע זון.

דער עולם האָט זיך אויסגעמישט. יעדער שפּאַנט מיט זיינע שווערע פּעק, מיט זיינע פינצטערע מחשבות, מיט זיינע לעצטע כּוחות.

די זון שטייט שוין גאַנץ נידעריק, נאָר קיין באַפעל אויף אָפּרוען איז נאָך אַלץ ניטאָ. די ווייניקע פורן האָבן ניט געקענט אויפנעמען אַלע וואָס קענען ניט גיין צו פוס. עלטערע און שוואַכע מענטשן בלייבן ליגן ביים ראַנד פון וועג. וואָס וועט זיין מיט זיי?.. נאָך זונפאַרגאַנג האָט מען די עדה פאַרטריבן אויף אַ פייכטע לאָנקע און דערלויבט אָפּרוען זיך. פאַר טאָג האָט מען דעם עולם ווידער אויפגעהויבן מיט נאַגייקעס. מען האָט דערציילט: אין אָנהייב וועג זיינען פאַרויס געגאַנגען דער רב מיט ביידע דיָנים. מען האָט געטראָגן ספרי־תורה. אויפן אַנדערן טאָג האָט שוין קיינער ניט געוווּסט ווו זיי זיינען. מען איז געגאַנגען. אַן אַנדער מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ניט

ווייט פון אַ דאָרף. מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטון — זוכן שפּייז. נחמנען האָט אָפּגעגליקט. ער האָט אויסגעביטן אַ גיי רעקל אויף צוויי לאָבנס ברויט.

די עדה איז געבליבן נעכטיקן אויף אַ נאַקעטן פעלד. ביי נאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ רעגן. ריטשקעס וואַסער זיינען גערונען פון אַלע זייטן. זיצן האָט מען ניט געקענט, איז מען געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. מען האָט זיך באַדעקט מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען.

דער אינדערפרי איז געווען ווי די נאַכט, קאַלט און פּיטש נאַס. עס האָט נאָך אַלץ געזיפּט זיך אַ דריוונע קאַלט רעגנדל. מען איז געגאַנגען, — געשלעפּט די פודיקע פיס פון דער געדיכטער בלאָטע. מענטשן זיינען געפאַלן און ניט געקענט מער אויפשטיין. איז מען זיי אַרומגעגאַנגען. געשטאָרבענע פּיצלעך קינדער האָבן טאַטעס געטראָגן אויף די הענט כּדי ביי נאַכט באַגראָבן ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ פרעמדן פעלד.

די נאַסע פּעקלעך אויף נחמנס רוקן וועגן פודן. נאָך אים, מיט די לעצטע כּוחות שפּאַנט די מאַמע. אויסגערייעט אין בלאָטע שלעפּט זיך פּערעלע, די מאַמע פון זיין קומענדיקן קינד. אַלע אומגליקן צו להכעיס שפּאַנט, אויף הוילער עקשנות, עטעלע קושניר.

פאַר נאַכט האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין אַ פאַרלאָזט שטעטל. אָפּענע אויסגעראַבעוועטע שטיבער, אָן טירן, מיט אויסגעזעצטע פענצטער. נאָר דאָך — אַ דאַך איבערן קאָפּ. מענטשן האָבן זיך אָנגעשטופּט, אין יעדן שטיבל, ווי הערינג אין אַ פעסל. מענטשן זיינען אַוועקגעפאַלן ווי טויטע אויפן דיל. און דאָ האָט זיך עטעלע אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון אַלעמען. שפּאַנענדיק איבער הענט און פיס האָט זי געבראַכט פון ערגעץ אַ ברעם טרוקן האָלץ, זיך דערקלויבן צום אויוון, צעלייגט אַ פייער אויפן פּריפּעטשיק און אויפגעשטעלט זידן אָקערעפּ. אויף איר קוקנדיק האָבן אויך אַנדערע זיך אַ ריר געטון. מען האָט פאַרשטעקט די פענצטער־לעכער, איינגעהייצט די כרובעס. אויסגעטון און אויסגעדרייט די קליידער. פאַר טאָג האָט מען קיינעם ניט געוועקט און ניט געטריבן.

ס׳איז אויפגעגאַנגען די זון. מענטשן האָבן זיך אַרומגעטריקנט, אַרומגערייניקט און אַ לאָז געטון זיך זוכן עסן. נאָר די וואַך, אַ פאַרשטאַרקטע מיט

יונגע שקאָצים פון די אַרומיקע דערפער, האָט קיינעם פון דעם שטעטל ניט אַרויסגעלאָזט.

אויב וואָלגערן זיך אויפן דיל הייסט ווינען, ווינען זיי מיט אַ שכן פון דער היים. מיט שיקעלע גרינזייד.

שיקעלע — אַ געוועזענער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט. דאָס ברייטבייניקע פנים זיינס — גוט ווי די וועלט! אַלע יאָרן האָט ער געדוויהעט שווערע זעק ווייץ און קוקורודזע, איינגעקויפט תבואה פאַר די פוקסלעך וועגן. גאָט האָט אים געבענטשט מיט געראָטענע מיידלעך, קיין עין־הרע, פיר טעכטערלעך. די מאַמע זייערע, די שטילע איטע, האָט זיי אויסגעלערנט האָקלען, האָט מען צוגעהאָלפן אין דער פרנסה. מען האָט ווי ביט איז אָנגעשטופט די קישקע.

מיט שיקעלע גרינזייד האָט נחמן, אָנהייב נאַכטס, זיך אַרויסגעגנבעט פונעם שטעטל און אָנגעגראָבן אין דער פינצטער צוויי זעקלעך יונגע קאַר־טאָפל אויף אַ פרעמדן גאָרטן. — „שטראָף מיך גאָט, האָט געזאָגט רב שיע, אויב איך וואָלט געגלייבט, ווען מען זאָגט מיר, אַז אויף דער עלטער וועל איך ווערן אַ גנב".

אין שטעטל האָט מען זיך אומגעקערט פאַר טאָג. מען האָט אָפּגעקאָכט אַ פולן עמער קאַרטאָפל. מען האָט אויפגעוועקט די איבעריקע שכנים און מען האָט געפראַוועט אַ שותפותדיקע סעודה.

— אַז גאָט וועט העלפן, — האָט געזאָגט דער שכן שייקע איידלמאַן, — מיר וועלן דערלעבן בשלום די נאַכט, גיי איך, ברידער, מיט אייך.

גאָט האָט אָבער ניט געטראַכט פון העלפן.

אין דער פרי האָט מען אַלעמען אַרויסגעטריבן פון די הייזער. אויס־געשטעלט די מענער באַזונדער, און אַ רומענישער אָפיציר האָט רײַטנדיק, מיטן שפיץ פון זיין קורצן האַראַפּניקל אָנגעוויזן: „אָט דער, און דער, און יענער מיט דער קויטיקער באָרד, און אָט דער מיט די וואָנצעס". מען האָט אָפּגעקליבן אַ צוויי הונדערט מענער, יונג און אַלט, אויסגעשטעלט זיי צו דריי אין אַ שורה און געגומען טרײַבן. די נאָכלויפנדיקע ווייבער האָבן סאָלדאַטן געיאָגט צוריק. דאָס אָפיצירל איז אָנגעפאָרן אויף זיי מיט דעם פערד.

— צוריק, ווייבער! — האָט ער געשריגן, — מאַרש צוריק! אייערע מאַשקעס גייען אַרבעטן! פאַרשטאַנען!..

נאָך דער קאָלאָנע זיינען נאָכגעפאָרן צוויי ליידיקע רעסאָרנע פורגאָנען און איינס אַ פויעריש פורל מיט עטלעכע צענדליק רידלען און לאָפּעטעס.

נחמנען האָט מען אָפּגעקליבן איינעם פון די לעצטע און געגאַנגען איז ער אין דער לעצטער שורה מיט ביידע זיינע שכנים, מיט שיקעלע גרינזייד און שייַקע איידלמאַן.

דער פעלדוועג פירט צווישן אָפּגעשניטענע ווייצפעלדער, שטייענדיקע זונרויזן און קוקורודזע, באַרג־אַרויף צו דעם נאָענטן וואַלד. מען שפּאַנט ניט־געאיילט, הינטער זיי סקריפּעט דאָס פורל מיט די רידלען. די וואַך, אַ צענדליק רומענישע סאָלדאַטן האָבן כּמעט אַלע זיך אויפגעזעצט אויף די רעסאָרנע פורגאָנען. דער אָפיציר איז, ווייזט אויס, אַוועקגעפאָרן פאָרויס.

באַלד האָט זיי אָנגעיאָגט אַ קליינינקער אויטאָמאָביל. אַ דייטשישער אָפיציר האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און עפּעס אַ האַווקע געטון צו דער וואַך. די סאָלדאַטן זיינען אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען מיט כּעס אונטער־טרייַבן די קאָלאָנע. די פורגאָנעס, מיט דעם פויערישן פורל האָבן אַוועק־געשמיסן פאָרויס אין וואַלד אַריין. אין גיכן איז אָנגעפאָרן אַן אָפענע לאַסט־מאַשין מיט דייטשן. פריילעכע, אָפּגעברענטע דייטשישע סאָלדאַטן מיט הויך פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט שפּאָגל נייע אויטאָמאַטן אויף די צעכראַסטעטע העלדזער. די לאַסטמאַשין איז אַוועקגעפאָרן אין וואַלד אַריין און נחמן האָט דערפילט אַ ציטעריניש אין די פיס:

וואָס פאַר אַן אַרבעט וואַרט אויף זיי אין וואַלד? צוויי הונדערט אַרבעטס־מענטשן און אין גאַנצן צוויי, דריי צענדליק רידלען! ווייט פון שאָסיי, ווייט פונעם פראָנט, און צוליב וואָס זיינען דאָ די דייטשן?..

די אויגן האָבן פון זיך אַליין אויפגענומען דעם שייַנענדיקן אַרום, דעם בלייך־בלויען הימל, דעם גרינעם וואַלד. וואָס מיט יעדן שפּאַן קומט ער נענטער און נענטער. די אויגן האָבן ניט געוואָלט מיט דעם אַלעמען זיך געזעגענען. עס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ קלעם וואָס האָט גאָר קיין נאָמען ניט...

— אַנטלויפן! וויל ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט, אַנטלויפן! — שעפּטשעט ער צו די שכנים זיינע — באַלד הייבט זיך אָן אַ קוקורודזע־פעלד. דאָס פעלד ציט זיך רעכטס, באַרג־אַראָפּ אין יאַר אַריין און דאָרט הייבט זיך אָן דער וואַלד. זייער שורה איז די לעצטע. הינטער זיי — סך־הכּל, איין סאָלדאַט.

— כ׳וועל זיך ביי אים מאָנען... — שעפּטשעט שיקעלע — ווי נאָר ער וועט צולויפן, דאַרף מען לייגן די האַנט אויפן „שיסער״, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר, שייע?!

שייקע קוקט אויף זיי ווי אויף חסר־דעה. דאָס לעבן איז זיי נימאס געוואָרן?!..

שיקעלע גייט אַרויס פון דער שורה. ער ווייזט דעם סאָלדאַט, אַז ער דאַרף אַראָפּלאָזן די הויזן. דער סאָלדאַט האָט אַ נעם געטון דעם קאַראַבין אויף צו דערלאַנגען דעם אַלטן. דער אַלטער איז צוריק אַריין אין דער קאָלאָנע, דער סאָלדאַט נאָך אים. איצט איז די רעכטע צייט. נחמן שטרעקט אויס דעם פוס. דער סאָלדאַט פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט. אַ גוטן פאַרפאָר אים צווישן די אויגן, אַ ריס דעם קאַראַבין. און שוין זיינען זיי צווישן דער קוקורודזע. דער סאָלדאַט, פאַר אומגעריכטקייט, האָט אַפילו פאַרגעסן צו שרייען. מען לויפט באַרג־אַראָפּ. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. נחמן שלעפּט נאָך אַלץ מיט זיך דעם אַרויסגעריסענעם קאַראַבין. ניט טראַכטנדיק וואַרפט ער אים אַוועק ווי אַן אומריינע זאַך. עס הייבט זיך אָן אַ יונג וועלדל. געדיכטע קוסטעס באַהאַלטן זיי. אין יאַר רינט אַ שמאָלע ריטשקע. זיי זיינען נאָר אין צווייען. שייקע איידלמאַן איז מיט זיי ניט געלאָפן.

מען דערמאָנט זיך: נאָך דעם אַנטלויפן האָט מען דאָרט אויסגעשאָסן ניט מער ווי אַ פּאָר מאָל. אַ פּנים אויף אָנצושרעקן די איבערגעבליבענע. די וואָך איז צו קנאַפּ אויף צו לאָזן זיך זוכן צוויי אַנטלאָפענע יידן. פון דעסטוועגן, אויב די דייטשן וועלן זיך אומקערן... טוט מען זיך אויס באָרוועס און מען גייט אַ שטיק וועג מיט דער ריטשקע.

נחמן איז זיכער: קיינער וועט זיי ניט זוכן. אַ דאגה אַ גרויסע — צוויי יידן! דער סאָלדאַט איז נאָכגעלאָפן ביז ער האָט געפונען זיין קאַראַבין.

אין וואַלד איז שטיל. מען הערט, דאַכט זיך, ווי עס אָטעמען די ביימער.

וואָס זשע טוט מען ווייטער? צום אַלעם ערשטן דאַרף מען זיך דערוויסן, וואָס עס וועט געשען מיט דער קאָלאָנע. אויב גיין מיטן וואַלד, באַרג־אַרויף, וועט מען אַרויסקומען צו דעם וועג מיט וועלכן מען האָט געטריבן די קאָלאָנע. בלייבן אין וואַלד איינער אַליין וויל שיקעלע גרינגזייד ניט. גנבעט מען זיך ביידע צוזאַמען.

דער ערשטער זאַלפּ טרעפט זיי ווי אַ דונער. זיי פאַלן אַנידער ווי אונטער־געשניטענע. דער אָפּקלאַנג אין וואַלד איז אַזוי שטאַרק, אַז עס דאַכט זיך — מען שיסט אין זיי. ביי שיקעלען ציטערט די אונטערשטע ליפּ. נחמנען האָט באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס. די שיסעריי חזרט זיך איבער מיט גרויס פּינקט־לעכקייט; אַ זאַלפּ און דערנאָך אַן אָפּטע שיסעריי. און דאָ ווערט מיט אַ מאָל שטיל. אין גאַנצן שטיל. שטיל, וואָס שטיל הייסט! מען הערט ווי פליגן זשומען. עס פעלט נאָר אויס לופט צום אָטעמען.

זיי ליגן אין די קוסטעס, ניט ווייט פונעם וואַלדוועג. צו ערשט פאָרט צוריק דער קליינער אויטאָמאָביל. נאָך אים די לאַסטמאַשין. אַ פולע מאַשין מיט פריילעכע דייטשן. נחמנען דאַכט זיך, ער זעט פון ווייטן די גאָלדענע הערעלעך אויף זייערע געזונטע אָפּגעברענטע הענט. עס פאָרן בײדע רעסאָרנע פורגאָנען אָנגעלאָדענע מיט קליידער, וועש און שוכוואַרג. אויפן פורל זיצן שווייגנדיק שיכּורע רומענישע סאָלדאַטן. און ווידער איז שטיל. גלייך ווי דאָ איז גאָרניט געשען. דער וואַלד שמעקט מיט איבערגעפּרייעטע בלעטער. דער טאָג פאַרגייט. ביי נחמנען האָט עמעצער אויפגעדרייט אַלע קרענטלעך אין קאָפּ. עס איז פון דאָרטן אַרויסגערונען ביזן לעצטן טראָפּן געדאַנק.

ווער ווייס וואָס עס איז פאַר דעם טאָג געשען מיט די אייגענע? — צוריק אין שטעטל! צו די זייניקע! צו דער עדה!..

צום שטעטל דערקלייבט מען זיך ביי נאַכט. מען האָט פון דעסטוועגן ניט פאַרגעסן אָנרייסן אַ ביסל יונגע קוקורודזע. אַזוי איז זי שוין די וועלט: אַז מען לעבט וויל מען עסן.

אין שטעטל איז שטיל. נאָר קיינער שלאָפט ניט. דערציילן זיי אַז פון דער קאָלאָנע זיינען זיי אַנטלאָפן נאָך אויפן וועג. וואָס מיט די איבעריקע איז געשען ווייסן זיי ניט.

פאַר טאָג וועקט מען די עדה. עס הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל נע ונד. מען טרייבט צוליב טרייבן. צוליב אומברענגען וואָס מער.

הונגער, דאָרשט, רעגנס און קעלטן, ווי קען מען דאָס פאַרגעסן?..

אויסגעפּלאַסטערט זייט איר מיט מתים, בעסאַראַבער בלאָטיקע פעלד־וועגן! וועגן וואָס ציִען זיך באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. קרעניצעס פון וואַנען מען לאָזט ניט טרינקען. חרובע, פאַרמיסטיקטע שטעטלעך, ווו מענטשן וואַל־

גערן זיך ווי בהמות! — „היינו כצאן בלי רועה, — זאָגט שיקעלע, — אַ טשערעדע רינדער וואָס מען טרייבט צו דער שחיטה!"

אין אַ צווייטן שטעטל האָט מען זיי געלאָזט רוען אַריבער אַ וואָך צייט. נאָר אין איין נאַכט האָט מען אויפגעהויבן אַ גאַנצע גאַס מענטשן, אָוועקגעפירט זיי אין באַגעטן וואַלד. קיינער פון זיי האָט זיך ניט אומגעקערט.

צווישן די אומגעבראַכטע זיינען געווען מעכל קירזשנערס ווייב און זיין בן־יחיד שמואליק. מעכל האָט זיך גראַד יענע נאַכט אַרויסגעגנבעט פונעם שטעטל אויף צו קריגן אַ ביסל עסנוואַרג. ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ האַלבן זאַק קאַרטאָפל און קרויט. נאָר ס'איז שוין ניט געווען ווער עס זאָל דאָס עסן. ער האָט דעם האַלבן זאַק אַריינגעטראָגן שייקע איידעלמאַנס אַלמנה. שיקעלע גרינזייד איז אים נאָכגעגאַנגען, נאָכגעקראָכן נאָך אים אויפן בוידעם און אים אָפּגעשניטן פונעם שטריק אויף וועלכן מעכל האָט זיך אויפגעהאַנגען.

— וויניק — האָט ער אים געזאָגט — וואָס מען פטרט אונדז די־וועלט, ווילסטו נאָך פטרן דיין חלק יענע־וועלט!

מעכל האָט נאָר אַ מידן מאַך געטון מיט דער האַנט. פון דעסטוועגן האָט ער פון דעמאָלט אָן זיך געהאַלטן לעבן זיי.

4

אין דעם שטעטל האָט פּערעלע אָפּגעזוכט צווישן די ווייבער איינע וואָס טויג זיך אויס אין אַזעלכע זאַכן. ווען נחמן האָט זיך אומגעקערט פאַר טאָג מיט אַ ביסל עסנוואַרג, האָט ער זי געטראָפן אַ בלייכע. עס האָבן אין איר געברענט נאָר די קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן.

— נחמן, — האָט זי אים געפרעגט, — אין אַזאַ צייט מעג מען האָבן קינדער? — נחמן, — האָט זי אים געבעטן, — ביי מיר אין קעשענע ליגט אַ קליין שפּיגעלע, גיב עס מיר אַהער.

מיט אַ שפּיץ פונעם קאַמפּרעס האָט זי אַרומגעווישט דאָס אויסגעמוטשעטע פּנים, באַלעקט די פאַרטריקנטע ליפּן, געפּרווט אַ שמייכל טון. נחמן האָט געגלעט אירע אויסגעדאַרטע פינגער און געווען איז זי אים נאָענט און טייער, די מאַמע פון זיין ניט־געבוירענעם קינד.

אַ גליק וואָס מען איז אין דעם שטעטל געשטאַנען אַ וואָך צייט. פּערעלע איז געקומען צו זיך. אין אַ מאַראָסיענדיקן, פריי־האַרבסטיקן טאָג האָט מען זיי אַריבערגעטריבן דעם דניעסטער, אַריינגעטריבן אין אַ האַלב־חרובן שטעטל און אַ סוף. מען האָט זיי געבראַכט קיין טראַנסניסטריע. אויף דעם חרובן מאַרק האָט אַ שעף דע פּאָסט זיי געמאָלדן: פון היינט אָן און ווייטער איז אייער וווינאָרט דאָ, און ווער עס וויל עסן, דער זאָל גיין גראָבן צוקער־בוריקעס. איז מען געגאַנגען, גרויס און קליין, גראָבן בוריקעס. עס האָט זיך געזיפּט אַ דריוונע רעגנדל. ס'איז שוין געווען טונקל ווען די פּאָליציייען, אָרטיקע מאָלדאַוואַנעס, האָבן געהייסן צונויפטראָגן די קוישן. מען האָט דער־לויבט יעדן איינעם נעמען צו עטלעכע בוריקעס און געהייסן גיין אַהיים. פאַר טאָג האָבן די זעלבע פּאָליציייען געקלאַפּט אין די צעבראָכענע טירן און גערופן צו דער אַרבעט.

אין שטיבל, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט, האָבן נחמן, שיקעלע גרינזייד און מעכל קירזשנער געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט; פאַרריכט די צעבראָכענע טיר, פאַרלאַטעט די פענצטער, געמייסטערט און אויסגעמייסטערט פון פלויט־ברעטער נאַרעס פאַר אַלעמען. אָפּגעטיילט יעדן זיין ווינקל. די ווייבער האָבן געשאָבן, געוואַשן די נאַרעס און דעם דיל. געפּרוווט מאַכן אַ שטיקל היים.

אַרבעט מען דערוויל ביי די בוריקעס. אַ סך מענטשן זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט, ניט נאָר זיי קענען ניט אַרבעטן — זיי קענען אַפילו ניט גיין.

פון עטלעכן דערוויסט מען זיך, אַז זיי האָבן שוין אין שטעטל אַ קהילה מיט אַ פאָרזיצער. די קהילה האָט אויסגעטיילט אַ באַזונדערע דירה פאַר אַ בית־חולים. נאָר קיין דאָקטוירים זיינען ניטאָ. ס'איז דאָ נאָר אָן איין און איינציקע קראַנקן־שוועסטער. אַן אָרטיק יידיש מיידל. וועט עטלעכע זיין די צווייטע. וווינען וועלן זיי טאַקע ביי דעם בית־חולים.

אין שטעטל בושעוועט דער טיף. מענטשן שטאַרבן ווי פליגן.

דער מאַמע מינדל זאָגט עטלעכע צו: — ווו נאָר אַ פרייע מינוט, וועט זי צו זיי אַריינקומען, נאָר וווינען מיט זיי קען זי ניט. זי האָט צו טון מיט טיפוס־קראַנקע.

און אין דרויסן רעגנט און רעגנט. פון דער אַרבעט קומט מען נאַס און אויסגעמאַטערט. מען כאַפּט קוים אַ שלאָף, דאַרף מען שוין אויפשטיין.

אין עק שטעטל האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטיקל מאַרק. פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער בייטן עסנוואַרג אויף קליידער, שוועבעלעך, נאָדלען, טאַביק.

פערעלע גייט מער ניט גראָבן קיין בוריקעס. אַז מען האָט, זאָגט זי, אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, ווערט מען אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן. קומט נחמן אויף דער נאַכט און טרעפט אַ שטיק ברויט און אַ שטיקל חזיר־פעטס — פערעלעס פאַרדינסטן.

די אַרבעט ביי די בוריקעס האַלט ביי ענדיקן זיך. עס וועט אויסקומען לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע, נאָר אַז מען האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, זעצט פערעלע אַוועק מעכל קירזשנער אויפשטעלן פון איר קאַראַקולענעם מאַנטל פּויערישע קוטשמעס. פאַר דער אַרבעט צאָלט זי אים מיט ברויט. זעט אָבער מעכל קירזשנער ניט צו נייען. זינט די רוצחים האָבן אומגעבראַכט זיין שמואליקן און זיין ציפען, זעט ער ניט אַריינצוציִען אַ פאָדעם אין דער נאָדל. וועט אים די שוויגער לייִען אירע ברילן. אָפּקאָכן אַ טאָפּ בוריקעס קען מען, נישקשה, אָן ברילן אויך. פאַר דער אַרבעט ברענגט פערעלע מעכ־לען צוויי לאַבנס ברויט און אַ גרויס שטיק ברינדזע. וויפל פערעלע פאַרדינט ביי די קוטשמעס, פרעגט זי קיינער ניט.

קויפט פערעלע פאַר אַ שיבוש, ביי קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע מענטשן פוטערנע מאַנטלען, קאַראַקולענע קאָלנערס. מעכל קירזשנער גייט שוין ניט גראָבן קיין בוריקעס. פערעלע האָט ערגעץ געקריגן אַ לאָמפּ און קעראָסין. קען ער שוין אַרבעטן ביי טאָג און ביי נאַכט. אַז מען האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס !.. נחמן האָט ניט קיין קאָפּ אויף די פּלייצעס.

אַרום און אַרום בושעוועט דער טויט. מענטשן גייען אויס ווי ליכט. די לעבעדיקע איז ניטאָ מיט וואָס צו היילן. די טויטע איז ניטאָ ווער עס זאָל באַגראָבן. באַלד וועלן אַ קלאַפּ טון די גרויסע פרעסט, און הייצן איז ניטאָ מיט וואָס. אַלערליי קעמערלעך און פּלויטן האָט מען שוין לאַנג צעשלעפּט.

באַרג־אַראָפּ, אַרויס דעם שטעטל שטייט אַ חרובע, אָפּגעברענטע מיל. די מיל האָט מען אויפגעריסן. און אפשר איז אויף איר געפאַלן אַ באָמבע. איינע אַן אומגעוואַלגערטע וואַנט איז געפאַלן דאָרט ווו לויט נחמנס חשבון האָבן געדאַרפט ליגן שטיינקוילן. דערגראָבן זיך צו די שטיינקוילן מיט די

הוילע הענט קען מען ניט. מען דאַרף אַ לאָם און אַ לאָפּעטע, און עס איז אַן אַרבעט אויף ניט איין נאַכט. גראָבט מען אין צווייען, נחמן און שיקעלע גרינזייד. און מען געפינט אַ היפשן זאַפּאַס קוילן. מען קריגט אַפּילו אַ גרויסע טאַטשקע. פירן זיי אָן אַ קעלער מיט קוילן. איז מען מיט הייצונג אויפן ווינטער באַוואָרנט. פירט מען נאָך אַ גאַנצן זונטיק קוילן פאַרן בית־חולים. פאַרשטייט פערעלע: אַ ביסל לטובת הכלל, און אַ ביסל פאַר עטעלעס וועגן. נאָר אַז מען נעמט פירן קוילן אומזיסט, פאַר קראַנקע און שוואַכע שכנים, דאָס קען פערעלע ניט פאַרשטיין. זי קען נאָך פאַרשטיין איר נחמנען, ער איז פון אַלע יאָרן אַ ביסעלע... דאָ גיט זי אַ דריי מיט אַ פינגער ביים שלייף. נאָר רֶב יהושע! וואָס האָט קיין עין־הרע פאַר וועמען צו זאָרגן, זאָל האָרעווען אומזיסט, פאַר „אייזיק רֶב יעקעלעס" וועגן, דאָס לייגט זיך איר ניט אויפן זינען!..

עס האָבן אַ ברי געטון די ערשטע פרעסט. ווער עס האָט כּוח גנבעט זיך ביי נאַכט אַרויס אין די אַרומיקע דערפער, אויסבייטן די לעצטע שמאַטעס. בעלי־מלאָכות זוכן אַרבעט. ווער עס פּרוּווט האַנדלען מיט וואָס עס לאָזט זיך, ווער עס גייט סתם בעטלען. ווער עס האָט ניט קיין כּוח צו גיין, לייגט זיך אַוועק און שטאַרבט.

זיינען אין די דערפער דאָ בייזע הינט און נאָך בייזערע זשאַנדאַרמען. נאָר ערגער פון אַלעמען זיינען די אָרטיקע פּאָליצייען. כאַפּט מען אַ ייִדן, שלאָגט מען אים מַכּות־רצח, און ער בענטשט נאָך גומל וואָס ער איז געבליבן לעבן.

גייט שיקעלע גרינזייד אין אַ וויַיטן דאָרף. האַנדלען האָט ער ניט מיט וואָס, און בעטלען קען ער ניט. זוכט ער אָפּ אַ בעל־הבתיש הויז. טוט אַ שמעק צו דער קאַמער און פילט אַ ריח פון שאָף, איז עס דאָס וואָס ער זוכט. פאַר הינט האָט ער קיין מורא ניט. — „גאָטעניו! — טראַכט ער, — העלף מיר, רבונו־של־עולם!". קלאַפּט ער אָן. עפנט אים די טיר אַ יונגע פויערטע — בלוט און מילך! לאָזט זי אים אַריין אין שטוב. פאַרמאַכט די טיר און צום אַלעם ערשטן ברענגט זי אים אַ קוואָרט מילך און אַ רייפטל קאָרנברויט. די מילך טרינקט ער אויס, דאָס ברויט באַהאַלט ער אין בוזעם און ווענדט זיך צו דער בעל־הביתטע בזה הלשון:

— טייערע בעל־הביתטע! מיין ווייב און מיינע קינדער גייען אויס פון הונגער אין שטעטל. דאָס ווייב מיינס און מיינע טעכטער זיינען גרויסע האָקלערינס. זיי האָבן גאָלדענע הענט! זיי קענען דיר, פון שאָפּענער וואָל, אויסאַרבעטן וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט: אַ קליידל און אַ קאַפּטל און אַ שאַל און זאָקן און הענטשקעס, אַזוי ווי מען טראָגט אין די גרויסע שטעט. בעט איך דיך, זאָלסט אויף אונדז רחמנות האָבן און געטרויען אונדז דיין וואָל. מיר וועלן דיר אויסאַרבעטן וואָס דיין ווילן וועט זיין און ווען כ׳וועל דיר, מיט גאָטס הילף, אָפּברענגען די פּאַרטיקע אַרבעט, וועסטו אונדז באַלוינען, מיט עסנוואַרג, אַזוי ווי דיין גוט האַרץ וועט דיר אונטערזאָגן.

קוקט די פרוי אויף אים מיט גרויסע אויגן — משוגע געוואָרן דער ייִד! ניט אַנדערש.

— און ווער איך בין, — פרעגט זי — ווייסטו? — און ווער מיין ברודער איז, האָסטו געהערט?

שטייט רֶב שיִע און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. דערווייל הערט ער — מען קלאַפּט אין דער טיר. כאַפּט אים די פויערטע ביי די אַקסלען, שטופּט אים אַריין אין איר פינצטערן שלאָפצימער און באַהאַלט אים הינטער אַ פאָרהאַנג.

— שטיי שטיל! זאָגט זי, — מיין ברודער איז דער עלטסטער פּאָליציי אין דאָרף. דאָס קלאַפּט ער מיט זיינע חברים.

ווערן ביי שיקעלע גרינזייד אָפּגענומען הענט און פיס. דערווייל עפנט די בעל־הביתטע די טיר. און עס שטעלן זיך אַריין עטלעכע פּריילעכע פּאָליצייען. מען זעצט זיך אַוועק אַרום דעם טיש. מען נעמט אַרויס אַ בוטל סאַמאָגאָן. די בעל־הביתטע ברענגט צובייסעכץ און עס הייבט זיך אָן אַ שׂימחה.

שיקעלע האָט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט ווידוי. ער וואָלט געפרווט אַרויס דורכן פענצטער, זענען זיי פאַרמאַכט מיט לאָדנס. און ווידער דאָס זעלבע; אויב די יְפֵת־תּואר וואָלט געוועזן מיט זיי יד־אחת, וואָלט זי אים ניט געוועזן באַהאַלטן, ניט געגעבן אים ברויט און מילך.

שטייט ער אַ שעה און נאָך אַ שעה. די הענער האָבן שוין אָפּגעקרייט האַלבע נאַכט. הערט ער — די געסט געזעגענען זיך און גייען אַוועק. די בעל־

הביתטע פאַרמאַכט נאָך זיי די טיר. וואַרט ער זי זאָל אַריינקומען און אים אָפּלאָזן בשלום. נאָר עס געדויערט נאָך אַ צייט ביז זי קומט אַריין מיט צוויי גרויסע פולע טאָרבעס, איינע מיט געפּאַרבטער וואָל און די צווייטע...

— נאַט, קינדערלעך — קוקט אַליין וואָס אין דער צווייטער איז דאָ: ברויט און חזיר־פּעטס און אייער... — „דאָס, — זאָגט זי, — איז דיר, ייִד, אַן אַוואַנס. וועסט אָפּברענגען די אַרבעט ווען מיר זיך צערעכענען״.

— האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט אין הימל!

— טאַטע, — זאָגט די עלטסטע טאָכטער, טייבעלע, — לייג זיך צו, טאַטע, רו זיך אָפּ...

זי דערזאָגט ניט, נאָר אַלע זעען: רב יהושע איז, פאַר דער איינער נאַכט, אין גאַנצן ווייס געוואָרן.

נחמן ווייסט: אויף דער וועלט זיינען נאָך דאָ אַ סך, זייער אַ סך לייטישע, האַרציקע מענטשן נאָר ניט זיי האָבן די דעה, ניט ביי זיי איז די מאַכט.

נחמן לערנט זיך קירזשנערײַ. מעכל ניט נאָר ער זעט שוואַך, די לעצטע צייט ציטערן ביי אים שטאַרק די הענט. העלפט אים נחמן ביי דער אַרבעט. געראָטענע זיינען ביי נחמנען די הענט. צו אַלץ טויגן זיי. מעכל קען זיך גאָר פון אים ניט אָנלויבן. און אַז ביי נחמנען זיינען פאַרנומען די הענט, ווערט אים לייכטער אויפן האַרצן. דאָס פּנים זיינס פאַרלירט די מרה־שחורה. קוקט די מאַמע מינדל און טראַכט: אַ דאַנק דיר רבונו־של־עולם כאָטש דערפאַר!..

ס׳איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שניי. עס האָבן אַ ברען געטון די עכטע פרעסט. מען האָט געהאָפט, מיט די פרעסט וועט אפשר שוואַכער ווערן דער טיפוס. ס׳הייבט זיך ניט אָן! די ערד איז ווי אַ שטיין. די מתים לייגט מען צונויף אין שטאַבעלן, הינטער דעם בית־עולם, מען פאַרשיט זיי מיט שניי. זיי וועלן אַזוי לאַנג ליגן ביזן פרילינג. קיינער וועט זיי ניט טשעפּען. קיין הינט זיינען אין שטעטל ניטאָ. מען האָט זיי אויפגעגעסן.

עטעלע איז געקומען — געבראַכט אַ נייעס: מיט אַ נייער פּאַרטיע ייִדן האָט מען געבראַכט הערשל טאַפּאַלאַר. קיין מעדיקאַמענטן זיינען ניטאָ. וועט כאָטש זיין אַ דאָקטער.

נחמן וועט שוין גיין זען זיך מיט אים.

עטעלע איילט זיך. זי האָט ניט ליב צו רעדן מיט נחמנען ווען עס געפינט זיך דערביי זיין ווייב.

...אַלעמענס געשיכטעס זיינען שווידערלעך ענלעך. ווען מען האָט געשאָסן און ווער עס איז אַליין אומגעקומען. אומגעקומען זיינען אויך הערשלס פאָטער און מוטער. שוין האַרט הינטערן שטעטל איז אומגעקומען לייבוש ווײַנער דער יוריסט. ער האָט זיך אָװעקגעזעצט אויפן שניי און ניט געקענט און ניט געוואָלט אויפשטיין. פיניטאָ, האָט ער געזאָגט, פיניטאָ לאַ קאָמעדיאַ! עפּעס, זאָגט הערשל, האָט זיך אין אונדז איינגעבראָכן. מענטשן האָבן פאַר־לוירן דעם ווילן צו לעבן.

נחמן דאַרף גוט אַ טראַכט טון. דעם ווילן צו לעבן האָט ער ניט פאַרלוירן, נאָר אַזוי ווייטער לעבן קען ער ניט.

אַ נאַכט פול מיט גוטע בשורות: די עלטערע קראַנקן־שוועסטער, מאַניע בוביס, האָט זיך אומגעקערט. מען האָט זי אַרויסגערופן שטעלן באַנקעס דעם פּרעטאָרס מוטער. איז געקומען דער פּרעטאָר, פינצטערער פון פינצטער, גענומען דערציילן דער מוטער אויף פראַנצייזיש, געוווּן זיכער: די ייִדישקע, וואָס ווישט די באַנקעס, פאַרשטייט קיין וואָרט ניט. דער דייטש האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה הינטער מאָסקווע.

— אַט האָסטו דיר „פיניטאָ לאַ קאָמעדיאַ״!

פאַר פרייד צעקושט זיך עטעלע מיט יעדן איינעם. דאָס קושעניש טוט איר באַלד באַנג, ווייל נחמנען איז דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין פּנים. ער שטייט ווי פאַריטשמעליעט.

דעם ערשטן וועקט נחמן אויף מעכל קירזשנער און זאָגט אים אָן די בשׂורה. אַרום דעם איינציקן לאָמפּ זאַמלען זיך צונויף גרויס און קליין. מען הילט זיך ווער אין אַן אַלטן מאַנטל, ווער אין אַ שאַל. מען קרעכצט.

— מאָסקווע! סע איז אַזוי ווייט!

— ביז די זון וועט אויפגיין, וועט די ראָסע די אויגן צעפרעסן!..

מיט דער נייער פאַרטיע ייִדן האָט מען געבראַכט אויך פערעלעס פעטער, שמואל פוקס מיט דעם ווייב. ביז ניט לאַנג האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין טשערנאָוויץ. פערעלע זיצט ביי זיי גאַנצע טעג. אָט ווער עס האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס! דער פעטער שמואל איז שוין אַ גאַנצער קאַכלעפל אין דער

קהילה, אַ סברה, ער וועט אין גיכן האָבן דאָרט מער דעה פונעם פּאָרזיצער. דעם פרעטאָרס מוטער, אַ פריצה פון לעבן באַטאַשאַן, קען ער נאָך פון דער היים. פּערעלע האָט שוין ניט איין מאָל גערופן נחמנען ער זאָל זיך מיט איר דורכגיין צום פעטער. נחמן קען באַשטיין ; אויב די „משפחה" דאַרף אים, זאָלן זיי קומען צו אים.

בייזע ווינטן קערן די חרובע געסלעך, פּאַרשיטן מיט גריַפּלדיקן שניי דעם יידישן אומגליק, בלאָזן אויס ווי אַ לעצטן טראָפּן וואַרעמקייט. נאָר פון איין חורבה צו דער אַנדערער שפּאַנט אַ ניי וואָרט : פּאַרטיזאַנערס !

— נו יאָ, פּאַרטיזאַנערס. זיי ליגן אים גוט אין די זייטן, דעם דייטש !..

אין מיטן דעם געוועזענעם מאַרק, אויף אַ גיך צונויפגעקלאַפּטער תליה, הענגען צוויי מענטשן : אַ פויער פון אַ יאָר פופציק, אַ ליסע קאָפּ, די לאַנגע פאַרשטאַרצטע פיס — באָרוועס. און אַ יידיש בחורל. אַ שמאָלע קינדערישע פּלייצע, אַן אויסגעדייווערט קערפּערל. דער ווינט שויבערט זיינע לאַנג ניט־געשוירענע האָר. מישט זיי איבער מיט גריַפּעלעך האַרטן שניי. אונטער דער תליה — אַן אויפשריפט : באַנדיטן.

מענטשן מיַידן אויס דעם פּלאַץ. מענטשן קוקן אַוועק. וועט נחמן נאָך איין מאָל דורכגיין האַרט לעבן די געהאָנגענע. במחשבה פרעגט ער זיי — ווי אַזוי ? אין האַרצן בעט ער : — וויַיזט אַ וועג ! פּערעלע דערציילט : אין דער קהילה האָט מען צרות. עס פעלט ניט מער, יידן זאָלן שטופּן זייער קראַנקן קאָפּ אין פייער אַריין. דאָס בחורל, — זאָגט זי, — ער איז דאָך אַ היגער, אַ קאָמסאָמאָליעץ !

וועט נחמן געפינען עמעצן פון די היגע וואָס האָבן דאָס בחורל געקענט. ער הייבט זיך אויף. ער גייט צו עטעלען. עטעלע וווינט מיט דער אָרטיקער קראַנקן־שוועסטער, מיט מאַניע בוביס. יענע האָט געמוזט קענען דעם גע־האָנגענעם.

דאָס ענגע צימערל, ביי מאַניע בוביס, איז איבערפולט. דאָ קומט זיך צונויף די אָרטיקע אינטעליגענץ. מען בעט אים זיצן. עטעלע איז ניטאָ אין דער היים. זי וועט אין גיכן קומען. אַ יונגער־מאַן מיט אַ ברייטן, ווי פון גרויען ליים אויסגעקנאָטענעם פנים, איז נעכטן ביי נאַכט אַריבער די גרענעץ פון דער דייטשישער זייט. ער פאַרגעסט צו טרינקען פון דעם טעפּעלע אָקרעפּ

וואָס ער האַלט אין די הענט. ער איז פאַרכאַפּט פון זיין אייגענעם סיפּור־המעשׂה.

...אַ סך שטעטלעך האָבן זיי באַלד געמאַכט „יודען־ריין". קיינער האָט ניט געצווייפלט, אַז אונדזערע טעג זיינען געציילטע. דערווייל האָט מען אונדז, די געבליבענע, נאָך אַלץ געטריבן אַלע טאָג צו דער באַן, אַרבעטן. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויף דער רומענישער זייט טשעפּעט מען ניט דערווייל די ייִדן.

אַנדערע האָבן נאָך עלטערן, אַ פרוי, קינדער... איך האָב שוין „ברוך־השם" קיינעם ניט. האָב איך געפּרוּווט דאָס מזל; פאַר נאַכט האָב איך זיך באַהאַלטן צווישן די חורבות. איך האָב געוווּסט ווו עס שטייט דער צוג וואָס גייט ביי נאַכט קיין מאָהילעוו. ווי נאָר עס איז גוט פינצטער געוואָרן, האָב איך זיך אַרויפגעגנבעט אויפן טענדער און פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל צווישן די קוילן. מאַלט איך דאָס וואָרטן וואָס איך האָב געוואָרט ביז די בריגאַדע איז געקומען. דאָס לעבן הענגט דאָך אויף אַ האָר. ווער ווייסט אים דעם הייצער? ער וועט דערזען אַ ייִדן, און וועט אויפהייבן אַ טומל...

די בריגאַדע האָט זיך ניט געאײַלט. זיי זיינען געשטאַנען, געשמועסט, און אין מיר האָט דאָס בלוט געגליווערט אין די אָדערן. אין קעשענע האָב איך אָנגעגרייט מיין לעצט ביסל פאַרמעגן, צוויי גאָלדענע פינפערלעך. וועל איך זיי געבן דעם הייצער און וועל בעטן: פיר מיך נאָר אַריבער די גרענעץ, צו די רומענער! ראַטעווע אַ מענטשן!

כ'האָב געהערט ווי זיי גייען אַרום דער מאַשין, ווי זיי קלאַפּן מיט די שליסל. עפּעס ווישן זיי אַרום. ערגעץ שמירן זיי אָן. די מאַשין סאָפּעט שוין צו ביסלעך. סוף־כל־סוף קריכט דער הייצער אַרויף און נעמט וואַרפן קוילן אין דער טאָפּקע. די קוילן נעמט ער האַרט ביי דער וואַנט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרטן אויסגעגראָבן אַ גרוב. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער אַרבעט, זאָגט ער צו מיר גאַנץ שטיל: — קריך אַהער! און ווי נאָר איך קאַרטשע זיך צונויף ביי דער וואַנט, נעמט ער מיך פאַרשיטן מיט קוילן.

— פעאָדאָר! — שרייט מען צו אים פונעם לאָקאָמאָטיוו. — וואָס קראַצסטו זיך אַזוי לאַנג?!..

— באַלד — ענטפערט פעאָדאָר — און שיט מיך אַרום, אַ לאָפּעטע נאָך אַ לאָפּעטע.

איר וועט מיר גלייבן, ווי נאָר דער צוג האָט געריִרט, בין איך אײַנגעשלאָפן. ווי לאַנג איך בין געשלאָפן ווייס איך ניט. איך פיל עמעצער טאָרעט מיך. בין איך אויפגעשפּרונגען. איבער מיר האָבן זיך אָנגעבויגן צוויי פּנימער.

— צייט, — האָט געזאָגט איינער פון זיי — מיר וועלן אַ ביסל טאָרמאָזירן און דו שפּרינג אַראָפּ. ניט ווייט פון דאַנען איז דאָ אַ שטעטל מיט אַ ייִדישער געטאָ — און ער ווייזט מיר מיט דער האַנט אין וועלכער זייט איך דאַרף גיין.

דער צוג שלעפּט זיך לאַנגזאַם צווישן פאַרשנייטע פעלדער. ס'איז שוין נאָענט צו טאָג. נעם איך זיך צו דער קעשענע און שטופּ אים אין האַנט אַריין מיינע גאָלדענע פינפערלעך, באַטראַכט ער זיי און לייגט זיי מיר צוריק אין קעשענע. נעמט אַרויס פון אַ שמאָל בלעכן קעסטעלע אַ רייפטל ברויט און שטופּט עס מיר אין בוזעם אַריין.

— ווייסט, — פרעגט ער, — וואָס עס וואָלטן געטון די דייטשן ווען זיי געפינען דיך?

— כ'ווייס, — זאָג איך, — זיי וואָלטן אונדז אַלעמען דערשאָסן.

— אויב אַזוי, צוליב וואָס שטופּסטו מיר דיינע מטבעות?!..

בין איך בשלום אַראָפּגעשפּרונגען, בשלום אָנגעקומען און ווייס אַפילו ניט ווער עס האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. איינער, אַ פּעאָדאָר! גלאַט פּעאָדאָר!..

עטעלע איז נאָך ניטאָ. אין ענגן שטיבל שמועסט מען שוין פון עסן. איינער רעכנט אויס וואָס ער וואָלט איצט געגעסן. אַ צווייטער דערמאָנט וואָס פאַר אַ געשמאַקע מאכלים ער האָט אַ מאָל געגעסן. אויב אַזוי האָט שוין דאָ נחמן ניט וואָס צו טון. אפשר אַרויסרופן מאַניע בוביס און זי גלייך פרעגן, ווי אַזוי מען קען זיך דערקלויבן צו די חברים פון יענעם אויפגעהאַנגענעם בחורל? אַ גרויסער ספק, צי די מאַניע ווייסט עפּעס. און אויב אַפילו זי ווייסט יאָ, וועט זי עס אים טאַקע דאָ אויפן אָרט אַרויסלייגן ווי אויף אַ טעלערל, באַשר, ביי זיך אין די אויגן איז ער אַ באַגלייבטער מענטש?!.. דאַכט זיך, אַ מאָל האָט ער געהאַט אַ לויטערן קאָפּ. געקענט דערטראַכטן אַ געדאַנק פון אַלע זייטן. ביי טאָג און ביי נאַכט פרעגט ער זיך: — וואָס טוסטו? נחמן! — וואָס דאַרף טון אַ ייִד, אַ מענטש, אין זיין לאַגע? ראַטשקעווען זיך אויף

אַלע פיר פאַר דעם טויט? גייען קוטשמעס, פאַרריכטן פּעלצלעך? צי אפשר גאָר האַנדלען אויפן מאַרק?..

אַנומלטן האָט הערשל געזאָגט: אין אַ יאָר צען, צוואַנציק אַרום, ווען מען וועט שוין האָבן צעקלאַפּט היטלערן, וועלן געלערנטע מענטשן פון אַלע עקן וועלט אַראָפּקומען אין אונדזערע געגנטן און פירן אויסגראַבונגען. זוכן אַ שפור פון אַ ייִדן. און אפשר וועלן זיי ניט קומען און ניט זוכן — אַ וויכטיקע זאַך — ייִדן!

אויב מען וועט אים אַ מאָל פרעגן: — הערשל, וואָס האָסטו געטון אין יענע פינצטערע צייטן? וועט ער ענטפערן: — כ׳האָב געהיילט קראַנקע. כ׳האָב געראַטעוועט פון טיפוס, איינעם פון צען. איז ער דערנאָך געשטאָרבן פון הונגער.

— וואָס זשע דאַרף טון אַ מענטש וואָס איז געזונט און שטאַרק און קען ניט, און וויל ניט מער אַזוי לעבן?..

און דאָ איז הערשל טאָפּאָלאַר אַליין קראַנק געוואָרן. אַלעמען האָט גע־היילט דער דאָקטער. ווער זשע זאָל אים היילן? די נשמה קוים וואָס זי האַלט זיך אין אים. האָט ער אָפּגעברענט, דער דאָקטער. געשטאָרבן הערשל טאָפּאָלאַר!

נחמן און אַנדערע האָבן געדאָלבעט די פאַרפרוירענע ערד און געגראָבן אַ קבר, ווייל הערשל האָט פאַרדינט מען זאָל אים מקבר זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין. און ווייל ס׳איז באו מים עד נפש! — זאָלן די הענט האַרעווען, וועלן די אויגן פאַרשפּאָרן צו וויינען.

אויפן קבר האָט מען אָנגעהויפט אַ בערגל פאַרפרוירענע גרודעס ערד. עטלעכע מיט מאַניען האָבן זיך גוט אָנגעוויינט און זיינען אַוועק צו זייערע קראַנקע.

און אין דער היים איז אין דער צייט געשטאָרבן די מאַמע. אומגליק קומט קיין מאָל ניט אַליין. נחמן האָט געוווסט — די מאַמע האָט אַ שוואַך האַרץ. כאָטש זינט ער געדענקט האָט זי זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט. אַלע זיינען אַוועק אויף דעם דאָקטערס לויה און אַז מען האָט זיך אומגעקערט איז די מאַמע שוין געווען טויט.

נחמן — וויינען קען ער ניט. האָט ער גענומען דעם זעלבן לאָם און די זעלבע לאָפּעטע און איז אַוועק גראָבן נאָך אַ קבר לעבן הערשלס.

און ווען מען האָט, אין דער פרי, אַן איינגעוויקלטע אין דער אַלטער קאָלדרע, אַראָפּגעלאָזט די מאַמע אין קבר אַריין, האָט נחמן ניט געהערט פּערעלעס געשרייען, ניט געזען עטעלעס טרערן. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיך.

שכנים האָבן אַהיים געפירט די פאַרחלשטע פּערעלען. עטעלען האָט מען קוים אָפּגעריסן פון דעם קבר. אַלע זיינען אַהיים געגאַנגען. נאָר ער איינער איז געבליבן צווישןביידע קברים. איז ער אַזוי לאַנג געזעסן אויפן צעטראָטענעם שניי, ביז ער האָט דערפילט — ס'איז אים קאַלט. דערזען — ס'איז שוין באַלד ווידער נאַכט, איז ער אויפגעשטאַנען:

— מאַמע! — האָט ער געזאָגט — ס'וועט זיי ניט זיין געשענקט!

אין זייער ווינקל האָט פּערעלע אָנגעצונדן אַ יאָרצייטליכט.

5

מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען דער פרילינג. ערשט ניט לאַנג האָט נאָך געסמאַליעט דער פראָסט. אין געציילטע וואָכן האָבן וואַרעמע דרום־ווינטן צעשמאָלצן די שנייען. עס זיינען אָפּגעלאָפן די וואַסערן. די זון האָט אַ טריקן געטון די בלאָטעס. עס האָבן זיך אויפגעכאַפּט און צעגרינט די גראָזן. זוניקע טעג האָבן אַרויסגעטריבן די לעבן־געבליבענע פון אַלע פייכטע לעכער. מען האָט אָפּגעיום־טובט אַ פּסח אָן מצות. פונעם פראָנט קיין שום נייעס.

נחמן האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן פון דער היים, ש'ער ניט אויף גאַנצע נעכט. מאָלט איך, פּערעלע איז געווען אַ בעלן אָפּזיצן, קיינער זאָל זי ניט זען, ביז נאָך האַלבער נאַכט, ניט ווייט פונעם קראַנקן־שטיבל. נאָר אַפילו קיין זכר פון נחמנען איז דאָרט ניט געווען.

דער פעטער שמואל האָט איר נאָך ווינטער געזאָגט:

— שפּיי אַ קלעק! פּערעלע. וואָס איז ער דיר? אַ מאַן? אַ חתן? קיין חופּה האָסטו מיט אים ניט געשטעלט. אין זייער „זאָגס" ביסטו מיט אים ניט פאַרשריבן. צו וואָס טויג ער דיר?! דער שלעפּער! ס'איז דאָך אַ לייטיש געלעכטער! ווי אין חומש שטייט: לֶמֶך מיט די צוויי ווייבער!..

וואָס אין חומש שטייט, ווייסט פּערעלע ניט. נאָר ווי טיף נחמן איז איר איינגעבאַקן אין האַרצן, ווייסט נאָר זי אַליין. ער איז גאָר די לעצטע צייט שענער געוואָרן. נאָך מער זיך צעוואַקסן אין די אַקסלען. פֿון זיינעם אַ קוק ווערט איר וואַרעם אין יעדן אֵבר. דער אומגליק איז וואָס ער האָט אויפֿגעהערט קוקן. ער גייט אַרום ווי אין עולם־התוהו. אָט איז ער ווידער געקומען שוין נאָך האַלבער נאַכט. שלינגט די קאַלטע וועטשערע און שווייגט — ווו איז ער געווען?..

גיי דערצייל פּערעלען ווו ער איז געווען. ער איז געווען ביי די צעוואַלעטע אַקאַפּעס, ניט ווייט פֿון דער אָפּגעברענטער מיל. ער האָפֿט: אויב גוט זוכן, קען מען דאָרט געפֿינען געווער. ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם קאַראַבין, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן ביי אַ מערדער פֿון די הענט און אים נאָך דעם אָוועקגעוואָרפֿן, גלוסט זיך אים אַליין זיך אויספּאַטשן! פֿון יענער צייט, פֿון יענעם נחמנען, טיילט אים אָפּ אַ שאָק מיט יאָרן!.. וואָלט ער כאָטש געפֿונען אַ פּאַרזשאַווערטע ביקס. אַ פּאַרזשאַווערטע ביקס קען מען אויסרייניקן, אָנשמירן און זי וועט ווידער זיין אַ ביקס. נאָר ווו נעמט מען צו דער ביקס פּאַטראָנען? און אַז ער וועט שוין קריגן אַ ביקס מיט עטלעכע פּאַטראָנען? וואָס זשע וועט ער ווייטער טון? וואָס ווייטער טון ווייסט ער ניט. נאָר עס ברענט אין אים דער עקשן. זוכט ער און גראָבט גאַנצע נעכט און געפֿינט ניט גאָרניט. אָדער מען האָט זיך דאָ כּלל ניט געשלאָגן, אָדער מען האָט שוין דאָ געזוכט פֿאַר אים.

איצט איז אים איינגעפֿאַלן אַ נייער געדאַנק. מען דאַרף אַ גראָב טון ביי דעם סאַמע צעוואַלעטן וואַכשטיבל וואָס ביי דער מיל. דאָס וואַכשטיבל איז האַלב פֿאַרשאָטן. נאָר ווו אַ וואַכשטיבל, האָט געמוזט זיין אַ וואַך. און ווו אַ וואַך — מוז זיין געווער.

פֿאַר נאַכט. געקומען אַ זעלטענער גאַסט — עטעלע. זי פֿאַרהאַלט זיך אַ ביסל ביי די גרינזיידס. פֿרעגט ווי עס לעבט זיך מעכל קירזשנער. זי אַנטלט זיך ניט אַריינקומען. נחמן האָט זי די טעג ווידער געזוכט. חוץ דעם האָט אירער אַ באַקאַנטער געפֿונען, אין אַ צעוואַלגערטן קעלער, אַן אוצר מיט ייִדישע ביכער. זי ווייסט אַז נחמן האָט ליב צו לייענען, האָט זי אים געבראַכט בערגעלסאָנס „מידת־הדין". נחמן קען זיך פֿון דעם ביכל ניט אָפּרייסן. ער

הערט יאָ און הערט ניט ווי זיין ווייב רעדט אויס עטעלען פאַר וואָס זי קומט צו זיי אַזוי זעלטן. עטעלע קלייבט זיך שוין אַהיים.

— אפשר, — זאָגט זי — וואָלטן מיר זיך דורכגעגאַנגען אַ ביסל אויף דער פרייער לופט. אין דרויסן איז אַ מחיה.

פערעלע וואָלט אַוודאי געגאַנגען, נאָר זי פילט זיך ניט גוט. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען אויפן יאַריד. טוט איר ווי דער קאָפּ.

מער פעלט איר ניט, פערעלען, זיי זאָלן איצט אַרויסגיין אַלע דריי שפּאַצירן; לָמֶך מיט ביידע זיינע ווייבער!.. אַ נידעריקייט פון אַ מויד! כלור־מרשט געבראַכט אַ ביכל און רופט אַרויס דיין מאַן שפּאַצירן און דער לָמֶך גייט איר נאָך. אַז אַך און ווי צו אַזאַ לעבן!..

נחמן, אין פאַרנאַכטיקן דרויסן דערזעט ער עטעלען פון דאָס ניי. מָלא שטאָלט! עס שמעקט פון איר מיט פרילינג! עטעלע דערציילט: דאָס קראַנקנ־שטיבל איז האַלב ליידיק. פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער ברענגען אַרבעט. אַרבעטן זיי צו ביסלעך שניידעריי. זי היבט אויף איינע פון אירע שוואַרצע ברעמען, די לאַכנדיקע גרויע אויגן פרעגן נאָך פאַר די ליפּן:

— וואָס זשע האָט ער איר צו זאָגן, נחמן?..

— עטעלע געדענקט אַוודאי דעם בחור, דעם פּאַרטיזאַן, וואָס מען האָט אים ווינטער אויפגעהאַנגען. וויל נחמן, זי זאָל זיך דערוויסן, דורך מאַניע בוביס, און אפשר דורך אַנדערע, אין שטעטל מוזן זיין מענטשן וואָס האָבן דעם בחור געקענט, מענטשן וואָס גייען אויף זיין וועג. ער דאַרף אומבאַדינגט מיט עמעצן פון אָט די מענטשן זיך דורכשמועסן.

אָט האָסטו דיר אַ גייעס! נחמן!.. זי האָט זיך דאָך אין אים מיָאש געווען. געטראַכט: אַ האַרעווענדיקער בעל־הביתל. אַ מאַן פון אַ יונג ווייבל, אַ כוואַט, וואָס האַנדלט אין מאַרק... געוואָלט פאַרגעסן און ניט געקענט. וואָס טוט זיך עס ביי אים אין האַרצן? וואָס זוכט ער? וואָס וויל ער פון די פּאַרטיזאַנערס?

איבער דעם נידעריק צוגעפּלעטשטן שטעטעלע הענגט אַ הויכער טונקל־בלויער הימל און עס אָטעמט זיך אַזוי גרינג! זי מוז, שוין, די רגע אַוועקגיין! זי קען אים ניט זאָגן, זי טאָר אים ניט דערציילן, אַז זי און מאַניע בוביס זיינען שוין אַ צייט מיטגלידער פון אַן אונטערערדלער־גרופּע...

עטעלע זאָגט:

— כ׳וועל נאָכפרעגן.

אַז מען זוכט, געפינט מען. אונטער דער צעוואַלגערטער וואַנט האָט נחמן סוף־סוף זיך דערגראַבן צו אַ צעבראָכענעם שרייבטיש. פון אונטערן טיש האָט ער אַרויסגעשלעפּט צוויי פולע קעסטלעך פּאַטראָנען און אַ קעסטעלע האַנטגראַנאַטן. מער, זעט אויס, איז דאָרט גאָרניט דאָ. אין איינעם פון די צעקוועטשטע טישקעסטעלעך האָט ער געטראָפן אַ פאַרזשאַווערטן נאַגאַן אָן פּאַטראָנען.

פון דעם געדאַנק אַז עמעצער האָט געקענט אים נאָכשפּירן און דאָס גאַנצע גוטס וועט אַריינפאַלן צו די זשאַנדאַרמען, באַשלאָגט אים אַ שווייס. מען דאַרף דאָס אַלץ גוט באַהאַלטן. מען דאַרף עס באַוואָרענען, סע זאָל ניט פאַרנעצט ווערן. און וואָס גיכער צו וויסן טון ווו מען דאַרף. זיי מוזן דאָך זיין ערגעץ, די פּאַרטיזאַנערס! דעם נאַגאַן נעמט ער מיט זיך. מען דאַרף אים רייניקן און רייניקן.

עס טאָגט. ער וועט זיך נאָר אַראָפּכאַפּן אַהיים עפּעס איבערקייען און וועט גיין אויפזוכן עטעלען. עפּעס פירט זי אים, די לעצטע צייט, ביי דער נאָז. צוגעזאָגט צונויפפירן אים מיט די „לײַט", און מען הערט ניט און מען זעט ניט.

און אין דער היים וואַרט אויף נחמנען אַ סורפּריז. דאָס ווינקל זייערס איז ווי נאָך אַ פּאָגראָם. נאָך נעכטן אויף דער נאַכט האָט פּערעלע פאַרנומען אירע זאַכן און איז אַוועק צום פעטער. „זאָגט אים, — האָט זי איבערגעגעבן דורך דער מומע איטען, — זאָגט, אַז צוויי ווייבער, ביי היינטיקע צייטן, איז צו אַ גרויסער ראַסקאָש! זאָל ער זיך האַלטן מיט זיין עטעלען! זאָל ער ניט גיין און זי ניט זוכן, און ניט בעטן! ס׳וועט אים ניט העלפן. זי וועט זיך סיי ווי סיי ניט אומקערן!" פּערעלע האָט פאַרנומען אַפילו דעם לאָמפּ — „כ׳האָב אים געקויפט, — האָט זי געזאָגט, — פאַר מיין געלט".

מילא. אים איז דער קאָפּ ניט דערביי. ער וואָלט עפּעס געגעסן. נאָר אין שטוב איז גאָרניט דאָ.

— מומע איטע! — בעט ער, — אפשר קריג איך ביי אייך אַ פּאָר געקאָכטע קאַרטאָפל.

טייבעלע גרינזייד ברענגט אים אַ פּאָר קאַלטע געקאָכטע קאַרטאָפל,

אוןביידע, זי מיט דער מאַמען, גאַפּן מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט ער עסט:

— ביי דעם מענטשן איז אַנטלאָפן דאָס ווייב! ער זאָל זיך עס כאָטש אַ קאַפּעלע נעמען צום האַרצן! זעט נאָר ווי ער האָט איין זינען די אכילה!..

אויסשלאָפן וועט ער זיך שפּעטער. ער מוז שוין אַפּזוכן עטעלען. ער וויל נאָר עטעלע זאָל נאָך ניט וויסן אַז דאָס ווייב האָט אים אַוועקגעוואָרפן.

עטעלע איז זייער באַזאָרגט. די לעצטע טעג האָט זיך צו זיי צוגעטשעפּעט אַ פּאָליציי — אַ זאַנודע. מען האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט ווי ער שטייט ביי נאַכט אונטער זייערע פענצטער. ער טשעפּעט קיינעם ניט, נאָר ער לאָזט פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ.

אַט שטייט ער שוין ווידער אַקעגן און קוקט כּלומרשט ווי פייגעלעך פליִען. דאָס וואָס זי האָט נחמנען צוגעזאָגט, האָט זי שוין דווקא יאָ אויסגעשפּילט: זאָל נחמן וואַרטן, פאַר נאַכט, אין דרויסן, ביי זייער שטוב, וועט מען צו אים צוקומען און מען וועט אים פרעגן: „איר פאַרריכט טכוירענע טוליפּעס?" זאָל ער ענטפערן: „איך זעץ אויף זיי אַרויף וועלפישע קאָלנערס". און זאָל ער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען, ווייל דער הונט, דער פּאָליציי, לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ.

אַ פּאָליציי, קײַ און שפּײַ!.. אונטער דעם פאַרריסענעם נעזל אַ שוואַרץ פּאַסיקל געשוירענע וואָנצעלעך. אַ נעבעכל אויף קורצע פיסעלעך. נאָר די שטיוול זיינע, אויסגעפּוצטע מיט אַ גלאַנץ. נחמן וועט פון דעסטוועגן אויפלייגן אַ שטיק וועג און אַהיים גיין מיט אַ צווייט געסל. מישטיינס געזאָגט, די געסלעך! אַ חורבה לעבן אַ חורבה, פאַרוואָקסן מיט בוריאַנעס!

פאַר נאַכט. נחמן זיצט אין דרויסן אויף אַ שטיין און וואַרט. אויפן גראָז ניט ווייט זיצן די מומע איטע מיט די עלטערע מיידלעך. זעען זיי: עס גייט אַ פרעמד מיידל. גייט און קוקט זיך אַרום, גלייך זי וואָלט עמעצן געזוכט. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן נחמנען. עפּעס רעדן זיי צווישן זיך, און נחמן הייבט זיך אויף און גייט מיט דעם מיידל שפּאַצירן. כאַפּט די מומע איטע אַ קוק אויף איר דערוואַקסענער טאָכטער און ביידע שאָקלען זיי מיט די קעפּ.

— מען קלעפּט צו דעם נחמנען, ווי פליגן צו האָניק!..

אויף אַלעמען האָט זיך נחמן געריכט, נאָר אַז ס'וועט צו אים קומען אַ דאָר ייִדיש מיידעלע מיט מאָגערע שוואַרצע צעפּעלעך, דערויף האָט ער זיך

ניט געריכט. פאַר איבערראַשונג האָט ער שיר ניט פאַרגעסן די „וועלפישע קאַלנערס". דאָס מיידעלע האָט אַ שמייכל געטון, מער מיט די אויגן ווי מיט דעם געטאָקטן מײַלעכל. — „קומט, — האָט זי געזאָגט, — מירן זיך דורכ־שפּאַצירן. די שכנים אייערע לאָזן פון אייך קיין אויג ניט אַראָפּ".

— וואָס פאַר אַ וויכטיקע נייעס האָט איר איבערצוגעבן פאַר די חברים פונעם וואַלד?

נחמן קווענקלט זיך. — ער דאַרף מיט זיי אַרומריידן איינעם אַ וויכטיקן ענין.

— צי קען ער ניט איבערגעבן אין קורצן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך? דער חבר דאַרף פאַרשטיין אַז קומען אַהער, פונעם וואַלד, איז ווייט ניט קיין פשוטע זאַך. אויב די חברים געטרויען איר, מעג ער אויך געטרויען זיין ענין.

דערציילט נחמן וואָס פאַר אַ סחורה עס ליגט ביי אים באַהאַלטן. דאָס מיידל פאַרטראַכט זיך. — „צי האָט ער דאָס געפינס גוט באַהאַלטן?" — פרעגט זי. „ווייל אויב עמעצער האָט באַמערקט די פריש צעגראָבענע ערד, קען ער ניט נאָר געפינען די פּאַטראָנען, נאָר אויך צוגרייטן אַ זאַסאַדע אויף צו כאַפּן די וואָס וועלן נאָך זיי קומען".

נחמן מיינט אַז אַלעס איז אין אָרדענונג.

— זאָל דער חבר מער דערווייל אַהין ניט גיין. קומענדיקן דאָנערשטיק וועט מען שיקן נאָך די קעסטלעך.

— פריִער קען מען ניט?

— פריִער וועט זיך ניט אײַנגעבן. זאָל דער חבר דאָנערשטיק אָנהייב אָוונט זיך אַראָפּכאַפּן אַהין אומבאַמערקט. אויב אַלעס וועט זיין אין אָרדענונג זאָל ער וואַרטן, העכער אַ ביסל, אויפן באַרג לעבן דעם אַלטן אַקאַציע־בוים. מען וועט אים אָפּגעבן „אַ גרוס פון דער מומע אַניוטע". זאָל ער ענטפערן: „זי האָט זיך איבערגעפאַרבט די האָר".

און איצט זאָל דער חבר גיין אַהיים. זיי קענען זיך ניט. אויב מען וועט אים דאַרפן, וועט מען אים געפינען.

נחמן וויל וויסן: — וואָס הערט זיך עפּעס אויפן פראָנט?

— פונעם פראָנט זיינען דערווייל קיין גוטע נייעסן ניטאָ.

פונעם פראָנט קומען אָן ביטערע, זייער ביטערע ידיעות! דער דייטש

ריַסט זיך צו דער וואָלגאַ. דער דייטש איז ניט ווייט פונעם קאַווקאַז. רומע־נישע בלעטער באַרימען זיך: רומענישע פערד טרינקען וואַסער פונעם דאָן. ווי נאָר זיי וועלן דערגרייכן די וואָלגאַ, איז אַ סוף צום „באָלשעוויק״! — דאָס מאָל וועט זיי ניט העלפן דער רוסישער ווינטער!

און ווי נאָר די געשעפטן ביי דעם דייטש גייען בעסער, ווערט די לאַגע אין שטעטל אַלץ ערגער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ביינאַכטיקע אָבלאַוועס. מען כאַפּט יונגע־לייט און מען שיקט זיי אויף אַרבעט צו די דייטשן. די פּאָליציי ווילדעוועט וואָס אַ טאָג אַלץ מער. וויי צו דעם יידן וואָס מען כאַפּט אים אין דאָרף.

געקומען עטעלע, דורכפאַרנדיקע דייטשן, דערציילט זי, האָבן ניט ווייט פונעם שטעטל געכאַפּט זיאַמע שוסטער מיט זיין זון. די דייטשן האָבן זיי געבונדן און אָנגערייצט אויף זיי זייערע הינט. זיאַמען האָבן די הינט צעביסן אויף טויט. שלמהן, דעם זון זיינעם, האָבן פּויערים געבראַכט אין שטעטל. הינט אין דער פרי איז שלמה אויסגעגאַנגען ביי איר אויף די הענט...

עטעלע קוקט אים ניט אין די אויגן. זי גראָבט מיטן שפּיץ שוך אַ גריבל אין דער ערד.

— ביז נעכטן האָט זי ניט געוווּסט אַז פערעלע איז פון אים אַוועקגע־גאַנגען. אויב נחמן וויל, וועט זי צוגיין און איבעררעדן מיט פערעלען.

נחמן וויל ניט.

אויב אַזוי מוז עטעלע שוין לויפן צוריק. זאָל ער די טעג נעכטיקן אין פעלד. ס׳איז ניטאָ קיין נאַכט אָן אָבלאַוועס. זי לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום. זי האָט פאַרגעסן אים איבערגעבן: דער סעקרעטאַר פון דער קהילה וויל זיך מיט אים באַגעגענען. — ר׳איז ניט קיין שלעכטער בחור. מיט וואָס ער קען, העלפט ער.

שמואל פוקס האָט אויפגעמאַכט אַ קליינע בעקעריי. ער באַקט ברויט פאַר דער פּרעטורע און פאַר די זשאַנדאַרמען. עס אַרבעטן ביי אים איציק דער רויטער מיט ביידע זין. אין דער בעקעריי איז פערעלע דער גאַנצער רעדל־פירער. זי טיילט אַרויס דאָס ברויט. — אַ ווייבעלע האָט נחמן אָנגעווירן! — אַ שמאַלצגרוב!..

— דו קוק זיך צו צו אים, — זאָגט די מאַמע איטע צו איר טייבלען,

— ער געפינט זיך ניט קיין אָרט! בעסער וואָלט ער שוין געגאַנגען זי איבערבעטן.

טייבעלען האָט עמעצער שוין דערציילט פון דער ליבע וואָס איז אַ מאָל געווען צווישן נחמנען און עטעלע קושניר. דער זומער איז אין רעכטן ברען. טייבעלע שלאָפט שלעכט ביי נאַכט. עפּעס איז אויף איר אַזאַ נאַגעניש... זי ווייסט ניט פון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען.

ניומע, איציק דעם רויטנס קלענערער זון, איז אין גאַנצן אויף נחמנס זייט. —„פערעלע, זאָגט ער, ס׳איז שוין יענער שלאַק!"

ביי משה שוואַרץ, דעם קהילה־סעקרעטאַר, קוקן פון אונטער די גראָבע אויגנגלעזער אַ פּאָר שעמעוודיקע, שולדיקע אויגן. ער פאַרשטייט — אַרבעטן אין דער קהילה, הייסט אין אַ גרויסער מאָס העלפן די רומענער. נאָר איבער־געבן די קהילה אין די הענט פון אַזוינע ייִדן ווי שמואל פוקס איז דען בעסער ?.. נאָר ניט דאָס איז ער אויסן. אין שטעטל זיינען דאָ קליינע קינדער, שולקינדער. זיי דרייען זיך אום שליגג און שלאַנג. זיי לערנען ניט. זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי אַפילו ניט קענען לייענען און שרייבן.

— משה שוואַרץ איז באַוואַרנט דאָס מען וועט זיי לאָזן אויסוואַקסן ?

מעכל קירזשנער זאָגט: מיר זיינען געגליכן צו הינער וואָס מען האָט פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג. ווו נאָר מיר קענען שטעקן מיר אַרויס די גערגעלעך און פּיקן. מאַכט זיך ביי די בעל־הבתּים אַ שׂימחה — קוילעט מען, היינט די הינער, מאָרגן יענע. סוף־כּל־סוף וועט מען מיט אונדז אַלעמען אָפּשלאָגן כּפּרות. — וואָס זשע וויל משה שוואַרץ, אויפעפענען אַ תּלמוד־תּורה ? אָדער אַ שקאָלע פּרימאַרע ?..

משה שוואַרץ וויל, אַז אַזוינע ענטוזיאַסטן ווי ער און נחמן זאָלן לערנען מיט קליינע קינדער־גרופּעס לייענען, שרייבן, רעכענען. נאָר דער עיקר דער־ציילן די קינדער וועגן דעם גרויסן עבר פון אונדזער פאָלק. קיינער ווייסט ניט ווי לאַנג עס וועט זיך ציִען דער פינצטערער אומגליק. וויפל עס וועלן נאָך פאַלן קרבנות. נאָר עמעצער, גלייבט ער, וועט בלייבן לעבן. זאָלן די לעבן־געבליבענע ניט פאַרגעסן ווער זיי זיינען. אויב רעדן מיט דער שפּראַך פון מעכל קירזשנערס מָשָל, דאַרף מען אויפברעכן די שטייג און אַרויסלאָזן די הינער, און ניט דערציילן זיי פון וואָס פאַר אַ גרויסן ייִחוס זיי קומען

אַרויס. משה שוואַרץ האָט ניט ליב קיין פוסטע פראַזעס. מען דאַרף טון דאָס וואָס מען קען. אַ סך האָט אויפגעטון דאָס בחורל, דער פּאַרטיזאַן, וועמען מען האָט ווינטער אויפגעהאָנגען ?!..

נחמן זאָגט: ניין! לערנען מיט קליינע קינדער קען ער ניט. ער ווייסט ניט ווי אַזוי מען קוקט זיי אין די אויגן. נחמן מיינט: דער גרעסטער יחוס, דער גרעסטער שטאָלץ פון אַ מענטשן, איז שוין דאָס אַליין וואָס ער איז אַ מענטש. ווי אַזוי זשע קען אַ שטאָלצער מענטש! אַ ייִד! זיך לאָזן קוילען ווי אַ הון?! נאָר דער עצם געדאַנק איז אַ ריכטיקער. זאָל יעדער טון וואָס ער קען. אויב אַזוי וועט משה שוואַרץ מוזן זוכן אַנדערע לערערס.

6

ווי לאַנג די צייט קריכט?

סוף־כל־סוף איז ער אָנגעקומען דער דאַנערשטיק. נחמן האָט שוין אַרומגענישטערט די חורבה פון אַלע זייטן. קיינער איז דאָ ניט געווען און קיינער איז ניטאָ. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַן אָרט צווישן די אַלטע אָקאָפּעס, אַזוי אַז ער זעט איינצייטיק דאָס טייכל אונטן, דעם פעלדוועג און דעם וועג צוריק אין שטעטל. קיין ברעקל כמאַרעלע אויפן הויכן הימל. ווייט, אויף יענער זייט פון דעם אויסגעזילבערטן טייכל, שוואַרצט דער וואַלד. עס בלאָזט אַ לייכט ווינטעלע. ניט עס בלאָזט, נאָר עס גלעט דאָס צעהיצטע פּנים.

ביז די לבנה וועט ניט פאַרגיין וועלן זיי מן־הסתם ניט קומען. ס'איז נאָך לאַנג צו וואַרטן. קען ער נאָך אַ מאָל אַ טראַכט טון. ווייל ווערן אַ פּאַרטיזאַן איז דאָך ניט קיין שפּילעכל. ער קען דאָך ניט קוקן ווי מען קוילעט אַן עוף, ווי אַזוי וועט זיך אים אויפהייבן די האַנט אומצוברענגען אַ מענטשן?.. און אויב יענער סאָלדאַט איז גאָרניט קיין פאַשיסט? אפשר טוט ער דאָס אַלץ פאַר מורא?.. נחמן קאָן ניט פאַרגעסן: אַ מאַשין מיט פריילעכע דייטשן. די זון באַשיינט די גאָלדענע הערעלעך אויף זייערע אָפּגעברענטע, געזונטע מערדערישע הענט! און נאָך און נאָך געדענקט ער... ר'וועט קענען!

ערגעץ ווייט קרייען הענער. די לבנה איז פאַרגאַנגען. ס'איז פייכט און

קיל. אויפן וועג סקריפּעט אַ וואָגן, אַלץ נעענטער און נעענטער. אַ מענטש לאָזט זיך באַרג־אַרויף צו אים. נחמן הייבט זיך אויף.

— אַ גרוס דיר פון דער מומע אַניוטאַ.

— זי האָט זיך איבערגעפאַרבט די האָר.

קיין נאַרישערן פּאַראָל איז שווער צוצוטראַכטן. מען שטרעקט אים אויס אַ פעסטע, מאַזאָליעדיקע האַנט. אַ ביסל אַ הייזעריקלעך קול בעט מען זאָל זיך צואײַלן.

די קעסטלעך האָט מען שוין אַרויסגענומען. זיי ליגן שוין אונטער דעם פרישן היי אין וואָגן. באַלד וועלן זיי אָוועקפאָרן און נחמן האָט נאָך גאָרניט געזאָגט. די זעלבע וואַרעמע האַנט געזעגנט זיך. נחמן פאַרהאַלט זי אין זײַנער.

— נעמט — זאָגט ער — נעמט אונדז מיט מיט אײַך.

— ווער זײַנען עס די „אונדז״? — פרעגט דער געקומענער און קוקט זיך אַרום.

נחמן וואָלט געמעגט שווערן: פריִער האָט ער דערפון ניט געטראַכט. און אפשר יאָ געטראַכט, נאָר ניט געוואָלט זיך אין דעם מודה זײַן פאַר זיך אַליין.

— ס׳הייסט, חוץ מיר, נאָך אַ מיידל פון דעם שטעטל. אַ קראַנקן־שוועסטער.

נחמנען דאַכט זיך — דער גאַסט שמייכלט.

— גוט, — זאָגט ער, — מירן אַ שמועס טון.

מען זעצט זיך אַוועק. דער געקומענער לייגט פאַר פאַררייכערן. נחמן רייכערט ניט. דער געקומענער פרעגט:

— אַ פאַרטייער?

— ניין.

— אַ קאָמסאָמאָליעץ?

— אויך ניט. גלאַט אַ מענטש. אַ געוועזענער לערער.

— געוועזן אויפן פראָנט? ווו געדינט?

— געדינט צוריק מיט יאָרן, אין דער רומענישער אַרמיי. אויפן פראָנט ניט געווען.

— און דאָס מיידל?

— יאָ, דאָס מיידל! זי איז אַ קאָמסאָמאָלקע. דער ברודער אירער איז

אויפן פראַנט. אַ געוועזענער פאַדפאַלשטשיק. די עלטערן אירע האָבן די רומענער אומגעבראַכט.

— ווי קומט איר צו געפינען די פּאַטראָנען?

— כ'האָב געזוכט געווער.

— צוליב וואָס?

— אַלץ צוליב דעם. כ'האָב ניט געוואָלט קומען מיט די ליידיקע הענט.

— אַזוי!.. דער חבר וועט מוזן צוואַרטן אַ ביסל. אין אַ וואָך צוויי אַרום וועט מען אים צו וויסן טון, ווען און ווי אַזוי צו קומען. און דאָס מיידל זאָל ער אומבאַדינגט מיטנעמען. קאַמסאַמאָלקעס, קראַנקן־שוועסטער זיינען נייטיק.

פון יענער נאַכט אָן קוקט נחמן אויף אַלעמען מיט די אויגן פון אַ גאַסט. ער וואַרט. ער האָט שוין אויסגעלופטערט דאָס ווינטערדיקע פעלצל, אָנגעשמירט מיט פעטס די סאָלדאַטישע באָקאַנטשעס, וואָס פערעלע האָט פאַר זיינט וועגן אויסגעביטן סוף ווינטער. אויספּאַרלאַטעט די קליידער און דאָס וועש. די גרעסטע שוועריקייט איז געבליבן: איבעררעדן מיט עטעלען. ווי אַזוי זאָגט מען עטעלען, אַז אָן איר איז די וועלט קיין וועלט ניט. און דאָס לעבן קיין לעבן ניט!

דורכפאָרנדיקע אָפיצירן האָבן דעם פרעטאָר געמאַכט אַ באַמערקונג: דאָס שטעטל איז פאַרוואָרלאָזט, אומריין, פאַרוואַקסן מיט בוריאַנעס און די זשידאָנעס זיצן ליידיק! וואָרעמען די פופיקעס אָקעגן דער זון! טרייבט מען גרויס און קליין מאַכן אָרדענונג.

ביי נאַכט איז ווידער אַן אַבלאַווע. די דייטשן נייטיקן זיך אין אַרבעטס־הענט. דאָס מאָל האָט מען, צווישן אַנדערע, פאַרנומען איציק דעם רויטנס עלטערן זון, אַברהמען. איציק איז אַוועקגעלאָפן צו זיין נייעם בעל־הבית, צו שמואל פוקס. שמואל פוקס האָט געענטפערט: אויף אויסצוקויפן אַ מענטשן דאַרף מען גאָלד. און קיין גאָלד האָט ער ניט.

פאַר טאָג, ווען מען קערט זיך אום פון די פעלדער ווו מען נעכטיקט, און שיקעלע גרינבויד דערזעט זיינע טעכטער, שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן. נאָר אויסרעדן קען ער ניט. ער האַלט אין מיטן דאַווענען. פון טאָג צו טאָג ווערט ער אַלץ מער גאָטפאַרכטיק. ער האַלט אין איין זאָגן תהילים. מעכל קירזשנער, פאַרקערט, האָט אין גאַנצן אויפגעהערט דאַווענען. — צו

מיינע גליקן, זאָגט ער, דאַרף איך דעם רבונו־של־עולם אויף טיסאַטשע נײַנציק כּפּרות.

נחמן קוקט אויף מעכלס ציטערנדיקע הענט און עס פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ. שווער וועט זיין דעם אַלטן אָן אים.

געקומען טעטעלע. זי שײַנט: „כ'האָב, — זאָגט זי, — כ'האָב צו דיר אַ גרוס פון דער מומע אַניוטען. מען דאַנקט דיר פאַר דער מתּנה. זיי האָבן מיט איר געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה. די מומע אַניוטע רופט דיך און דיין מיידל צו גאַסט"... נחמן, — זאָגט זי, — ביסט פּשוט אַ שטיק גאָלד! אַרויסגיין דאַרף מען מאָרגן אויף דער נאַכט. מען וועט אויף אונדז וואַרטן אויף דער פאַרלאָזטער אַרבוזאַריע, וואָס אויף יענער זייט טייכל, ביים וואַלד.

ביי נחמנען גליט דאָס האַרץ. אים דאַכט זיך, אַקוראַט איצט קען מיט זיי געשען עפּעס שלעכטס. — זאָל טעטעלע בלייבן דאָ. זאָל זי ניט צוריקגיין צום קראַנקן־שטיבל. ער האָט עפּעס אַ שלעכטן פאַרגעפיל. די גרינע אויגן טעטעלעס האָבן זיך ברייט צעעפנט. די חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן זיינען אויסגערינען אין איין פראַגע:

— נחמן, — זאָגט זי, — אויב די נשמה איז דיר שוין אַריין אין די פּיאַטעס, וואָס זשע וועט זיין שפּעטער? מיר קלייבן זיך ניט אויף קיין קריאת־שמע ליייענען!..

זי איז אַוודאי גערעכט.

נחמן איז שוין געווען אויפן בית־עולם. געשטאַנען און געקוקט אויף די נידעריקע, מיט יונגן גראָז באַוואַקסענע בערגלעך. ווי נאָר עס איז נאַכט געוואָרן האָבן זיך אין שטיבל צונויפגענומען אַלע אײַנוווינערס. ער האָט קיינעם גאָרניט געזאָגט און קיינער האָט אים גאָרניט געפרעגט. טייבעלע גרינזייד האָט געזען ווי נחמן רייניקט און שמירט אַ נאַגאַן. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען דאָ קיינעם ניט אַריינלייגן.

— גאָט זאָל דיך שומר ומציל זיין! — ווינטשט אים שיקעלע גרינזייד און די מומע איטע ווישט בגנבה אַ טרער.

— ווען כ'בין יינגער מיט אַ שבת, — זאָגט דער אַלטער מעכל — וואָלט איך דען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט?..

נחמן וויל זיך שוין וואָס גיכער זען מיט טעטעלען אין פרייען פעלד.

נאָר ווען ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און מאַכט אַ שפּאַן אין דער ביינאַכטיקער פינצטערניש, דערפילט ער אַז אָפּגעריסן האָט ער זיך פון אייגענע, אין האַרצן איינגעבאַקענע מענטשן. און ווער ווייסט צי זיי וועלן זיך ווען עס איז נאָך באַגעגענען.

ער גייט מיט דעם געסל ווו יעדער שטיין איז אים באַקאַנט. נאָר דאָס האַרץ איז אומרויִק. ס'איז ווי די מאַמע פלעגט זאָגן: אויפן גנב ברענט דאָס היטל.

מען שפּאַנט שוין אין צווייען. נאָר אויפן האַרצן ווערט אים ניט רויִקער. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער אַ נעם געטון עטעלען ביי דער האַנט און געלאָזט זיך לויפן.

אָט זיינען שוין די לעצטע צעוואָלגערטע שטיבלעך. נאָך אַ שפּאַן און זיי זיינען שוין אין פעלד.

דעם געקלאַנג פון אַ ביקסנשלאָס דערהערט ער איינצייטיק מיטן באַפעל:

— שטיי!.. די הענט אויפהייבן!..

לויפן איז שוין שפּעט. מען וועט נאָכשיסן און מען קען טרעפן אין עטעלען. און אַזאַ שוואַכקייט נעמט אים אַרום, ייאוש! די פיס האַלטן אים קוים. מיט אַ לעצטער אָנשטרענגונג מאַכט ער אַ שפּאַן פאָרויס און פאַר־שטעלט עטעלען.

— אַריינגעפאַלן דאָס פייגעלע!..

עמעצער גייט זיי אַרום מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאַראַבין. ס'איז דער פּאָליציי וואָס האָט די גאַנצע צייט נאָכגעשפּירט עטעלען. ער איז, דאַכט זיך, איינער אַליין.

— אָפּלייגן די פּעקלעך! — קאָמאַנדעוועט ער. — וווהין גייט מען עס אַזוי שפּעט ביי נאַכט?..

אין פּנים שײַנט זיי אַ שוואַכער שײַן פון אַ כמעט אויסגעברענטער באַ־טאַרייקע. די באַטאַרייקע הענגט אויף דעם צעשפּיליעטן רעקל פונעם פּאָ־ליציי. ער פּרוּווט מיט אַ פוס די אָפּגעלייגטע פּעקלעך.

— אַ, אַ! — זאָגט ער, צו די פּאַרטיזאַנערס.

מיט אַ רחמנות־קול, מיט אַ קול וואָס די מאַמע זיינע פלעגט אַ מאָל זאָגן סליחות, בעט זיך נחמן:

— דאַמנולע פּאַליציסט! מיר גייען אין דאָרף אַריין. מיר האָבן ניט וואָס צו עסן!

— פאַרמאַך דאָס מויל, מאַשקאַ! איך וויס גוט וווּהין איר גייט! איר גייט אין וואַלד אַריין!

די אויפגעהויבענע הענט האָט נחמן אַראָפּגעלאָזט. ער טענהט ווייטער מיט דעם זעלבן קול:

— דאַמנולע פּאַליציסט! וואָס ווערסטו האָבן דערפון וואָס דו האָסט אונדז פאַרהאַלטן? דיר וועט בעסער זיין אויב די זשאַנדאַרמען וועלן אונדז אָפּשלאָגן די לונגען?.. נעם דיר בעסער פון אונדזערע זאַכן וואָס דיין האַרץ גלוסט און אונדז לאָז אָפּ אַהיים. — נעם, כ'לעבן! ווערסטו האָבן אַ נוץ. — נעם! אַ גוט ניי פּעלצל, אַ פיינע שטאָף אויף אַ רעקל...

מיט אַ ווינקל אויג האָט נחמן שוין לאַנג אויסגעמאָסטן דעם וועג צו דעם פּאָליציייס צעכראַסטעטן האַלדז. שלעכט איז, וואָס יענער האַלט דעם פינגער אויפן צינגל פונעם קאַראַבין. ווי גיך מען זאָל זיך אויף אים ניט אַ וואַרף טון, וועט ער נאָך אַלץ האָבן גענוג צייט אויף איין מאָל אויסשיסן.

— עע! ניין, — זאָגט דער פּאַליציי — ער גייט אַרום נחמנען און קוקט זיך איבן אין עטעלעס פּנים. ער ווייסט אַליין ניט וואָס צו טון. געוואַרט האָט ער נאָר אויף דער קראַסאַוויצע. גערעכנט כאַפּן זי איינע אַליין אַרויס דער שטאָט.

אָט די דאָרע יידישקע! זי חלומט זיך אים יעדע נאַכט. און אַלע נאַכט האָט ער פּאַליוצ'ע. ניט אַנדערש, זי האָט אים אַ כּישוף אָנגעטון! און דאָ האָט זיך צוגעטשעפּעט אָט דער לאַנגער זשידאַן! — נעכאַי וואָלט אים דער רוח גענומען! דעם זשידאַן וועט ער אָפּלאָזן, גייט ער צום טייוול!

— דו! מאַשקאַ! נעם דיינע פאַרשטונקענע שמאַטעס און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. מאַרש צוריק! און דאָס פייגעלע וועט בלייבן דאָ, מיט מיר.

נחמנען בליצט אויף פאַר די אויגן: אַ זוניקער פאַרנאַכט. אויף דער נידעריקער שוועל, מיט אַ פאַרריסענער באָרד, ליגט אַ טויטער משה־לייב קושניר. און די מאַמע מינדל, מיט צעשפּרייטע הענט, לאָזט אים ניט אַריין אין עטעלעס שלאָפצימער...

— ברענג, — זאָגט זי אים, — ברענג אָן עמער וואַסער... אַלע! אַלע

וואַסערן פון דער גרויסער וועלט! וועלן קיין מאָל ניט פּאַרוואַשן, קיין מאָל ניט פאַרלעשן אין אים יענעם פאַרנאַכט!

דער באַנדיט וועט אויסשיסן? — זאָל ער! נחמן וועט נאָך אַ פּרווו טון דאָס לעצטע מיטל. ער גיט אַ ריס דעם אונטערשלאַק פון זיין צעשפּיליעטן רעקל. עס פאַלט אַרויס פון דאָרט אַ פלאַטשיק פּעקעלע איינגעניית אין ווייסער לייוונט. ער הייבט עס אויף און שטרעקט עס אויס דעם פּאָליציי.

— נאַ! — בעט ער ביי אים — אויב די קליידער אונדזערע טויגן דיר ניט, טאַ נעם דאָס פּעקעלע, און לאָז ביידע אָפּ.

— וואָס האָסטו דאָרטן?

— נאַ! נעם! באַטראַכט אַליין. שטופּט אים נחמן דאָס פּעקעלע גליך אין די הענט אַריין.

אין מיכאַילאָ סטאַסיוק קעמפן צווישן זיך גיריקייט און חשד. אין דעם פּעקעלע ביי דעם זשידאָן מוז זיין אַ היפּשע סומע געלט. אפשר אַפילו דייטשישע מאַרקן. דאָס געלט וועט צו נוץ קומען און די יידישקע וועט ניט אַנטלויפן. ער הענגט אויף דעם קאַראַבין אויפן אַקסל און שטרעקט אויס די האַנט צו דעם פּעקעלע. דערויף האָט נחמן געוואַרט.

דעם גאַנצן כוח, די גאַנצע שינאה, אַלץ וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אין האַרצן האָט ער אַריינגעלייגט אין זיינע הענט, אין זיינע פינגער. די פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין דעם פּאָליציים אָפענעם האַלדז — ניט צום אָפּרייסן.

ווי פון ווייטנס דערגייט צו אים עטעלעס קול:

— ר'איז שוין פאַרטיק... — זאָגט זי. זי העלפט אים באַפרייען די פינגער פון דעם דערוואָרגענעם האַלדז. אַליין קען ער די פינגער ניט אויפמאַכן.

זי לעשט אויס די באַטערייקע און הערט זיך איין. אַרום און אַרום איז שטיל.

נחמן נעמט אַראָפּ דעם קאַראַבין. מאַכט אויף דעם שלאָס און ציילט איבער די פּאַטראָנען. ניט מער ווי פינף שטיק. ער האָט שוין איין מאָל געהאַלטן אַזאַ קאַראַבין אין די הענט און האָט אים אַוועקגעוואָרפן ווי אַן אומריינע זאַך. זינט זיי זיינען דאָ, איז, דאַכט זיך, דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע אייביקייט. די וועלט זיך וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. נאָר אויב מען וועט דעם דערוואָרגע־

נעם געפינען אַזוי נאָענט פונעם שטעטל, וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט די ייִדן. מען מוז דעם פגר אָוועקטראָגן צום טייכל און אים דערטרינקען. אויב עטעלע וועט נעמען די פּעקלעך וועט ער אים, ווי סע ניט איז, דערטראָגן. אַוודאי וועט זי נעמען בײדע פּעקלעך און זאָל ער איר געבן דעם קאַראַבין, וועט אים זיין לייכטער צו טראָגן.

די הענט ביי עטעלען ציטערן נאָך. זי האָט געהערט נחמנס רחמנות־קול און געטראַכט ניט אַזוי פיל פון דער סכּנה וואָס לויערט אויף זיי, ווי וועגן נחמנען אַליין. אַזאַ ווייבעדיקן האָט זי אים ניט געוואָלט און ניט געדאַרפט. און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם חזיר! זי האָט פאַר־שפּעטיקט אים צו העלפן.

נחמן הייבט אויף דאָס ווייסע פּעקעלע און לייגט עס אַריין צו זיך אין קעשענע.

— וואָס איז אין דעם פּעקעלע? געלט?..

— ווו קומט צו אים געלט? דאָס האָט די מאַמע, נאָך אין דער היים, אים איינגענייט דעם פּאַספּאָרט און זיין מיליטער־ביכל.

ניט ווייט פונעם בריקל איז דער טייך געגוג טיף. ביי דעם פגר אין די קעשענעס האָט נחמן געפונען עפּעס פּאַפּירן און נאָך פינף פּאַטראָנען. די פּאַטראָנען וועלן צו נוץ קומען און די פּאַפּירן וועט ער נאָך צייט האָבן איבערצוקוקן.

ער שלעפּט אַראָפּ פונעם פגר די אויסגעפּוצטע שטיוול. זיי וועלן זיין גוט פאַר עטעלען. אירע שיך אָטעמען קוים.

— וואָס רעדסטו, נחמן! זיי זיינען נאָך וואַרעם!

וועט ער זיי דערוויל צובינדן צו זיין פּעקל. מען דאַרף זיך איילן, עס וועט באַלד טאָגן.

דעם פגר האָט מען שוין דערטרונקען. מען איז שוין אַריבער דאָס בריקל. דער וועג פירט צווישן תּבואה־פעלדער. אין גיכן וועט די זון אויפגיין. די זון, זי מוז דאָך אַ מאָל אויפגיין! נחמן שפּאַנט פּאַרויס. עטעלע איז גרייט נאָכגיין אים ביזן סאַמע עק וועלט.

...און אַ גאַנץ לעבן

דער מאַן איז אויפן פראָנט. דער פראָנט איז הינטער דעם שטעטל. מען דאַרף זיך עוואַקויִרן. קיינער ווייסט ניט וווּהין און אויף וויפל צייט.

די אויף טויט דערשראָקענע טאַטע־מאַמע בלייבן אין דער היים. וווּהין וועלן עלטערע לייט לויפן? מיט דער שוועגערין, מיט עטעלען האָט זי אָפּגערעדט, טרעפן זיך פאַר נאַכט ביי דעם שטאָטראַט. דאָרט וועט זיך צונויפ־זאַמלען די לעצטע גרופּע וואָס עוואַקויִרט זיך. עטעלע וועט קומען אַהין גלייך פונעם שפּיטאָל. האָט זי געוואָרט אויף עטעלען ביז דער לעצטער מינוט. עטעלע איז ניט געקומען.

אַזוי ווי בלעטער אין האַרבסטיקן בלעטערפאַל, האָבן זיך פון איר אָפּגעע־ריסן און פאַרשוווּנדן אַלע נאָענטע, אַלע טייערע מענטשן. זי איז געבליבן איינע אַליין.

רויטאַרמייִשע טיילן טרעטן אָפּ. די בריק איבערן דניעסטער האָט מען שוין צוויי מאָל באָמבאַרדירט. זיי, די בעסאַראַבער עוואַקויִרטע, לאָזט מען דערוויַל ניט אַריבער. דער גאַנצער ברעג איז באַלייגט מיט יידן און מיט פעקלעך.

סוף־כּל־סוף מאַכט מען אויף די אַלטע גרענעץ. דער מענטשנשטראָם שפּאַרט אָן אויפהער. די קליינע באַן־סטאַנציע איז שוואַרץ פון מענטשן. מען פאָרט אויף פּלאַטפאָרמעס, אויף טרעפּ, אויף דעכער. הונגעריק, שלעפעריק און טויט מיד.

ניט ווייט פון פערוואָמײַסק באָמבירט מען דעם עשאַלאָן. עטלעכע הינטערשטע וואַגאָנען ברענען. מענטשן לויפן און פאַלן. זי לויפט מיט אַלע. זי איז מער איבערראַשט ווי דערשראָקן. די שרעק קומט שפּעטער, ווען זי דער־זעט דערהרגעטע פון דער נאָענט: אויפן זאַמד, ביי דער ליניע, ליגט אַ מענטש אָן אַ קאָפּ. דאָס בלוט קאַפּעט נאָך פון זיין אויפגעריסענעם האַלדז. בלוט! אַ טונקעלער פלעק אויפן געלן זאַמד. און נאָענט אַ טויט מיידעלע, אַ קליין

מיידעלע מיט אַ ווייס פאַרריסן נעזל און האַרט פאַרפלאַכטענע, דיניקע צעפּעלעך.

ניין! זי איז ניט שטיין געבליבן. זי האָט זיך ניט געוואָרפן העלפן. זי איז געוואָן געפלעפּט. די פאַרוואונדעטע האָט מען צונויפגעטראָגן. די ברענענדיקע וואָגאָנען האָט מען אָפּגעטשעפּעט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ דערשראָקענעם פּיף און געריסט פונעם פּלאַץ. מען איז געפאָרן ווייטער אין דער נאַכט.

אויפן איבערפולטן, פאַרמיסטיקטן דניעפּראָפּעטראָווסקער וואָקזאַל האָט עמעצער אַוועקגעגנבעט ביי איר דאָס רענצעלע, איז זי געבליבן נאָר ביי די קליידער וואָס אויף זיך. אָן געלט, אַ פרעמדע צווישן פרעמדע. דער עוואַקו־אַציע־שטראָם האָט זי געטראָגן.

אין דעם צוג האָט זיך געניטיקט דער פּראָגנט. האָט מען זיי אין אַ שפּעטן ביינאַכט אויסגעלאָדן. זי און אַנדערע עוואַקוירטע האָט אַן אַלטע לאַסטמאַשין געטרייסלט איבער גרוביקע פעלדוועגן. זי און אַנדערע האָט מען ערגעץ געבראַכט. אַריינגעלאָזט זיי אין אַ ליידיקן שייער און באַלייגט שלאָפן אויף אויסגעשפּרייטן שטרוי.

און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, גאַנץ פרי, און אַריבערשפּאַנענדיק איבער די נאָך שלאָפנדיקע איז זי אַרויס אין דרויסן, האָט זי די וועלט ניט דערקענט. — וואָס מלחמה? ווער מלחמה? ניטאָ קיין מלחמה! די זון וואַ־רעמט. היגער שפּאַצירן. אַ קודלאַטע הינטל ראַסטעט זיך. בראשיתדיקע פאַרמלחמהדיקע שטילקייט.

מען האָט זיי געבראַכט אין אַ קאָלכאָז אויף צפון־קאַווקאַז. גוטע צוואַנציק קילאָמעטער פון דער באַן. זי וווינט ביי אַן אַלטער קאָלכאָזניצע. אַרבעט מיט אַלעמען גלייך אין פעלד. שפּעטער, ווען איבער דעם פולן בויך איז איר געוואָרן שווער די אַרבעט, האָט מען זי איבערגעפירט אין דער קאַנטאָרע.

ווי אַן ערלעכער ייִד צום דאַווענען, אַזוי האָט זי קיין מאָל ניט פאַר־שפּעטיקט צו דעם שוואַרצן ראַדיאָ־טעלערל, צו דעם הויכשפּרעכער וואָס האָט געהאַנגען אין מיטן דאָרפספּלאַץ. זי האָט זיך געוואָרפן אויף די פאַר־שפּעטיקטע צייטונגען, זיך איינגעגעסן אין יעדער שורה און איבעוויניק אין איר איז געהאַנגען איין שוויגנדיקער געשריי: — יאָסל!.. דעם געדאַנק

אַז דער מאַן אירער האָט געקענט אומקומען, אָדער אַ פֿאַרוווּנדיקטער אַרײַנ־פֿאַלן אין פּלען, האָט זי צו זיך ניט צוגעלאָזט. דער אָנלאָד פֿון צרות איז אַזוי אויך געווען גענוג גרויס.

דער זומער איז אַוועק. דער נאַסער האַרבסט איז איבערגעגאַנגען אין אַ קאַפּריזנע ווינטער, אַ ווינטער מיט פֿרעסט וואָס לאָזן נאָך, מיט שנייען וואָס צעגייען זיך און רינען אין ברייטע קויטיקע ריטשקעס.

די זומערשיך אירע זײַנען זיך צעפֿאַלן. דער לײַכטער זומערמאַנטל וואַרעמט ניט. דער בויך וואַקסט, אין דעם אײַנציקן קליידל קען זי שוין ניט אַרײַן. אַ וואַטענע פּופּאַיקע און אַ פּאָר טשוניעס האָט זי געקראָגן פֿונעם קאָלכאָז. אויף די פֿיס האָט זי זיך אופֿגעניײט לאַנגע זאָקן באַנייטע מיט שטי־קער פֿון אַן אַלטער סאָלדאַטישער פֿלאַשטש־פּאַלאַטקע.

דעם זון האָט זי, אין שווערע ווייען, געבוירן אָנהייב דעצעמבער.

אַ בלוי נפֿשל! אַ פֿאַרזעעניש! קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים; דאָס נעזל צעפּלעטשט, די אייגעלעך פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. דאָס העלדזועלע — דין, די הענטעלעך — דאַר. די פֿיסעלעך — קרום. און דער געוויין זײַנער, מיט אַ קוויטשיקל, לעכערט די אויערן! רײַסט דאָס האַרץ!.. עוואַקוירטע ווײַבער שאָקלען מיט די קעפּ: — אין אַזאַ צײַט! אַ פּיצל קינד?!.. זי האָט דאָס קינד ניט ליב געהאַט. נאָר וואָס אָפּטער דאָס פּיצעלע איז צוגעפֿאַלן מיט זײַנע נאַסע ליפּעלעך צו איר ברוסט, אַלץ ליבער און טײַערער איז עס איר געוואָרן. ס׳האָט אויפֿגעהערט הייסן „דאָס קינד״. ס׳איז געוואָרן שימעלע, איר שימעלע!

פֿון טאָג צו טאָג ווערט ער שענער. דאָס נעזל האָט זיך אויסגעגלײַכט, די בעקעלעך האָבן זיך צעבליט. די ליפּעלעך אָנגעבלאָזענע ווי ביי דעם זיידן אַברהם. ניטאָ מער קיין דאַרע הענטעלעך! ניטאָ — קיין קרומע פֿיסע־לעך. עס וואַקסט אַ בחור מיט ביינער. שווער, ווי אַ קלעצל.

וואָס עפּעס האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן שימעלע? קיין שמעונס זײַנען אין זייער משפּחה ניטאָ. דער געדאַנק, אַז מען דאַרף, קען זײַן, דעם זון אַ נאָמען געבן נאָך זײַן טאַטן, האָט ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטון אין האַרצן. עמעצער פֿון די קימפּעטאָרינס האָט איר אונטערגעזאָגט דעם נאָמען סעמיאָן.

— זאָל זײַן סעמיאָן! שימעלע! אַבי ניט יאָסל!..

פון אָנגעפּאַרענע עוואַקויִרטע, פון די ציטונגען האָט זי שוין געוווּסט וואָס דער דייטש טוט מיט די ייִדן. דאָך האָט אין האַרצן נאָך געטליִעט אַ פונק פון האָפענונג. די רומענער, האָט זי געטראַכט, זיינען ניט קיין דייטשן. על־טערע, אומשולדיקע מענטשן וועלן זיי ניט טשעפּען... זי האָט שוין געוווּסט: די מאָביליזירטע בעסאַראַבער סאָלדאַטן האָט מען נאָך פאַר אַ יאָרן אַראָפּ־גענומען פונעם פראָנט און אָפּגעשיקט אַרבעטן אין הינטערלאַנד. מען האָט איר געראָטן זוכן דעם מאַן דורך באַגורוסלאַן. דאָרט מוז זיין באַוווּסט זיין אַדרעס. האָט זי געשריבן און געשריבן און קיין ענטפער ניט באַקומען. אויף אַן ענטפער, אין די אומשטענדן, איז ניט געווען וואָס צו וואַרטן. ווו איז זי? — ווו איז באַגורוסלאַן? און ווו איז דער דייטש? דער דייטש רייסט זיך פאָרויס. דער דייטש אָטעמט שוין ווידער אין רוקן. מען מוז ווידער אַ מאָל לויפן. דאָס מאָל מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט.

דער קאָלכאָז האָט זי באַזאָרגט מיט אַ ביסל עסנוואַרג אויפן וועג. מען האָט זי אָפּגעפירט צו דער באַן. ס'האָט זיי אָפּגעגליקט, מען האָט זיי ניט באָמבירט. אַן אַלטע, סקריפּענדיקע שיף האָט זיי אַריבערגעפירט דעם קאַספּישן ים. געלאַטעטע וואַגאָנען האָבן זיי געבראַכט קיין צפון־קאַזאַכסטאַן. אין דער שטאָט, ווו מ'האָט זיי אָפּגעזעצט, האָבן אויסגעפעלט לערערס. האָט זי באַקומען אַרבעט אין אַ רוסישער מיטלשול. איז זי געוואָרן אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק אין די פינפטע־זיבעטע קלאַסן. שימעלען האָט זי איינגע־אָרדנט אין יאַסליִע.

זיי האָבן זיך צוגעוווינט, געמוזט זיך צוגעוווינען, צו די קאַזאַכישע פרעסט און בוראַנעס, צו די קאַזאַכישע היצן, צו די הונגער־פּאַיקעס, צו דעם וויניקן נאַסן ברויט און צו די געפרוירענע קאַרטאָפל. שימעלע איז געוואַקסן און אין אים איז געווען איר איינציקע טרייסט.

זי רעדט צו אים ווי צו אַ גרויסן. זי לייענט אים די בריוו וואָס זי האָלט אין איין שרייבן קיין באַגורוסלאַן. ערשט ניט לאַנג האָט זיך ביי אים געוויזן דאָס ערשטע ציינדעלע. היינט האָט ער שוין אַ גאַנצע שורה פּערל־ציינדעלעך. ער קוקט מיט זיינע קינדערישע ברויִנע אייגעלעך, דעם טאַטנס, יאָסלס אויגן, קוקט ערנסט, גלייך ווי ער וואָלט ווירקלעך עפּעס פאַרשטאַנען. זי זינגט אים אַלטע ייִדישע פאָלקסלידער. ווי קומען צו איר ייִדישע פאָלקסלידער? די

מאַמע האָט איר פאַרגעלייענט פּושקינען און נעקראַסאָוון. מאַריאַ, די דינסט האָט געזונגען מאָלדאַווישע דאַינעס. ייִדישע לידער האָט זי פון יאָסלען. די ליבע צום „מאַמע־לשון" שטאַמט פון אים.

אַרבעט זי שווער. לערנט דערצו הינטעראויגיק אין אָרטיקן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. לערנט מיט די שילערס און לייענט אַליין און קאָכט און וואַשט און לויפט אין די אַטשערעדן. — ווען רוט זי? — ווו נעמט זי צייט? וואָס ווייניקער צייט זי האָט — אַלץ בעסער. עס בלייבט איר ווייניקער צייט אויף טראַכטן און בענקען.

עס גייט אַ שרעקלעכע מלחמה. פרויען, קינדער, אַרבעטן צו עלף שעה אַ טאָג. אין די לאַנגע אָטשערעדן פרירן זקנים. און פון באָגורוסלאַן — אין און דער זעלבער ענטפער: ביי אונדז איז קיין יאָסל קושניר ניט געמאָלדן. זיין אַדרעס איז אונדז ניט באַקאַנט.

איינער, אַ בלעכער פון זייער שטעטל, האָט איר געזאָגט אַז ער האָט יאָסלען געזען אין גאַנצן איין טאָג פאַר דעם ווי מען האָט זיי אַלעמען אַראָפּ־גענומען פונעם פראָנט. ער מוז זיין ערגעץ אין הינטערלאַנד. נאָר ווו? ווהין און וועמען שרייבט מען נאָך? ווי אַזוי דערוויסט מען זיך?..

אין צימער ביי זיי איז, פאַרשטייט זיך, קאַלט. פון אין דער פרי ניט געהייצט. זי האָט נאָר וואָס אַהיים געבראַכט שימעלען. אים זיצט זיך ניט. ער וויל העלפן דער מאַמען איינהייצן די „בורזשויקע", אַ מין אייזערן איי־וועלע וואָס וואַרעמט זיך גיך אָן און קילט זיך זייער גיך אויס. דאָס האָט איר געהאָלפן אויפשטעלן דער שכן, איליאַריאָן מיכאַילאָוויטש, אַ פּענסיאָנער, אַ געוועזענער פאַרטיזאַן פונעם בירגערקריג.

באַלד וועט זיין הייסע טיי. די קאַרטאָפל קאָכן זיך שוין. עס פרייעט זיך קרויט. ערשט איצט טוט זי אויס שימעלען דעם מאַנטל. זיי שפּילן זיך אַ ביסל. ער עסט און פלאַפּלט, נאָר גיך שלאָפט ער איין אויף אירע הענט. שטייט זי איבער זיין בעטל און האַלט זיך אײַן מיט אַלע כּוחות ניט אויסקושן אים יעדן אבר, אַ שלאָפנדיקן. עס וואַרטן נאָך אויף איר די שילערס העפטן און אירע אייגענע לערנהעפטן און לאַנגע שלאָפלאָזע שעהען.

אין שול איז מען פון איר צופרידן. די שילערס האָבן זי ליב. אַלע זיינען זיי מלחמה־קינדער, געבויגענע פון נויט. זעלטן ווען, זונטיק, קומט אַ טייל

פון זיי צו גאַסט, מערסטנס די מיידעלעך. זי נעמט זיי אויף מיט געבאַקענע קאַרטאָפל. זעלטן ווען — מיט טיי. קיין צוקער איז ניטאָ. זי דערציילט זיי אָדער לייענט זיי עפּעס פאָר. זיי שפּילן זיך מיט שימעלעך. צייט איז ביי איר מיט גאָלד גליך, נאָר זי איז גערן זייער קומען. מיט זיי פילט זי זיך ווייניקער עלנט.

חוץ פראָכאָר פעאָדאָראָוויטשן, דעם אַלטן דירעקטאָר, זיינען ביי זיי אין שול קיין מענער ניט פאַראַן. דער פראָנט האָט איינגעשלונגען יעדן ווער עס קען נאָר האַלטן אַ ביקס אין די הענט.

די חברטעס, די לערערינס, קומען צו איר אַ ביסעלע צו אָפּט. זיי האָבן ליב לאַנג און נודנע באַריידן איינע די אַנדערע. זי מוז זיי לאַדן. מען קען זיי דאָך ניט אַרויסטרייבן. זיי זיינען אַליין עלנט און ס'איז ניט זייער שולד וואָס די וועלט זייערע איז אַזוי באַגרענעצט.

...מען שלאָגט דעם דייטש. מען טרייבט אים צוריק. דער פראָנט האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די גרענעץ אויפן פּרוט. די היים איז שוין באַפרייט.

שוין אָנגעפרעגט און באַקומען פון דאָרט די פינצטערע בשורות: טאַטע־מאַמע זיינען אומגעקומען אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע. קיינער ווייסט ניט אין וועלכן גרוב זיי זיינען באַגראָבן. דאָס שטעטל איז חרוב ונחרב. פון זייער שטוב איז ניט געבליבן קיין זכר. דעם שווער און די שוויגער האָבן רומענישע סאָלדאַטן דערשאָסן ווי נאָר זיי האָבן פאַרכאַפּט דאָס שטעטל. עטעלען, די שוועגערין, האָט מען געזען אין לאַגער. פון דאָרט איז זי מיט נחמן ברונשטיין, דעם לערער, אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנערס. מען זאָגט אַז זיי האָבן חתונה געהאַט און ביידע זיינען זיי ערגעץ אויפן פראָנט. פון יאָסלען — קיין צייכן! קיין וואָרט!.. וואָלט ער געווען ערגעץ אין הינטערלאַנד, וואָלט ער דאָך געוויס געשריבן אַהיים, ער וואָלט זיך נאָכגעפרעגט אויף טאַטע־מאַמע, אויף דער שוועסטער, אויף איר, זיין ווייב. — מיט סימאַ מאַרקאָווגאַ, מיט דער לערערין פון היסטאָריע, האָט זי זיך שיער ניט צעקריגט. סימאַ מאַרקאָווגאַ האָט געזאָגט ניט מער און ניט ווייניקער:

— היינטיקע מענער! — האָט זי געזאָגט, — ער האָט זיך מן־הסתם אָפּגעזוכט אַ יונגע בופעטשיצע און לעבט מיט איר אַ גוטן טאָג. סע גייט זיי טאַקע אין לעבן צו געפינען די פאַרמלחמהדיקע ווייבער!

אַ סוף צו דער מלחמה! זי האָט זיך געענדיקט. מיר האָבן דערלעבט דעם פולן זיג. לערערינס, שילערס, גלאַט מענטשן האָבן אויף איין טאָג זיך דערפילט ווי אייגענע שוועסטער און ברידער. מען קושט זיך אויף די גאַסן, מען טאַנצט און מען וויינט.

איז זי אַהיים געקומען. אַן אויסזיכטסלאָזער עלנט האָט זי צוגעדריקט ביז צו דער ערד. עס האָבן זיך געלאָשן די לעצטע פונקען פון איר האָפענונג.

— מאַמעלע, — האָט שימעלע געזאָגט, — מאַמאַטשקאַ! מען דאַרף ניט וויינען. — מיט זיינע אויסגעשמירטע הענטעלעך האָט ער איר אויסגעווישט די אויגן און דער ראַדיאָ האָט געגרילצט מיט פּאַטריאָטישע לידער.

דעם פּאַראַד פון נצחון האָבן זיי געהערט ביי דעם שכן. דער פּאַראַד האָט זיך געענדיקט, און דאָס לעבן האָט זיך וויי‌ניק וואָס געענדערט. די זעלבע קאַרטל־סיסטעם, די זעלבע לאַנגע אָטשערעדן. דערפער אויסגעליידיקטע פון מענער. אַ מאַרק פול מיט שיכורע, האַנדלענדיקע און בעטלענדיקע אינוואַלידן.

שימעלע גייט שוין אין ערשטן קלאַס. שימעלע גרויסט זיך מיט זיינע דערפאָלגן. ער קען שוין לייענען. די מאַמע האָט אויך מיט וואָס צו גרויסן זיך. זי האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען אין אינסטיטוט. פון היינט אָן ווייטער איז זי אַ לערערין מיט הויכער בילדונג. אַ באַליבטע לערערין אין די הויכע קלאַסן. די פאַרדינסטן זיינען גרעסער און דאָס לעבן איז גרינגער און זי האָט מער פרייע צייט. דערציילט זי שימעלען אַלע יידישע לעגענדעס און מעשהלעך וואָס זי האָט קינדוויַז געהערט פון איר טאַטן. די אַמאָליקע מעשהלעך זיינען מלא־חן. זיי זיינען איר נענטער ווי די רוסישע קינדער־מעשהלעך וואָס זי לייענט אים פאָר.

זי האָט געקראָגן ביי יידישע באַקאַנטע אַן אַלט, פאַרמלחמהדיק לערנביכל פון יידיש. לערנט זי שימעלען לייענען און שרייבן יידיש. רעדט מיט אים אין דער היים אויף יידיש. זי וויל ער זאָל קענען די שפּראַך פון זיין טאַטן. דעם לשון פון זיינע זיידעס און באָבעס וואָס ער וועט זיי קיין מאָל ניט זען. סימאַ מאַרקאָווּנאַ האָט זי געוואָרנט, אַז אַזאַ לערנען וועט שטערן דעם קינד צו קענען גרונטלעך רוסיש. האָט זי דערפאַר קיין מורא ניט. דער קליינער

האָט אַ זעלטענע תּפֿיסה און אים געפֿעלט דאָס לערנען ביי דער מאַמען. די מאַמע לערנט דאָך מיט אַלע גרויסע יינגלעך.

און עס פֿליסן גרויע יאָרן. טראַנספּאָרט איז אויסגעראָנען די האָפֿענונג. געבליבן נאָר דער זכּרון. נעכט מיט חלומות.

...זי איז אַלט אַ יאָר זיבעצן און איז פֿאַרליבט. דעם הויכן, דעם שוואַרץ־חנעוודיקן בחור באַגעגנט זי אין דער תּרבות־ביבליאָטעק. ער באַגלייט זי אַהיים. דאַכט זיך, דער בחור האָט ברוינע אויגן, נאָר אַז מען קוקט זיך אין זיי אַײַן, זיינען זיי שוואַרצער פֿון שוואַרץ און עס שײַנט אין זיי אַ שטיל פֿייערל וואָס ציט און גלעט און וואַרעמט איינציייטיק. דער בחור האָט פֿרישע, רויטע ליפּן און אַ מילדן שמייכל. דעם באַזונדערן, וואַרעמען טעמבר פֿון זיין קול הערט זי די גאַנצע צייט. זי געדענקט יעדער וואָרט זיינס, אַפֿילו דאָס סאַמע געוויינלעכסטע...

אַ באַנאַלע געשיכטע; אַ גביריש טעכטערל. אַ געראָטענע, אַ געבילדעטע, אַ שיינע, האָט זיך פֿאַרליבט אין אַן אָרעמען שניידערס אַ זון. דערזען די וועלט מיט זיינע אַסקעטישע אויגן. אַוועק מיט אים אויף זיינע געפּערלעכע וועגן.

וואַרט זי אויף אים צוויי יאָר — וויפֿל ער זיצט אין דער רומענישער תּפֿיסה, פֿאַר קאָמוניזם. בענקט זי און וואַרט. אַזאַ איז איר גורל. אַזוי איז איר באַשערט. ווייל אַפֿילו ווען די סאָוועטישע אַרמיי באַפֿרייט בעסאַראַביע און אַלע חברים אָטעמען פֿריי אָפּ, איז ער ווידער אַ מאָל ניטאָ אין דער היים. ער איז מאָביליזירט אין אַ רומענישן אַרבעטס־באַטאַליאָן. און ווידער גייען איר אויס די אויגן וואַרטנדיק.

קומט ער און עס ווערט ליכטיק אין יעדן ווינקעלע! קומט ער, און די וועלט צעשיינט זיך מיט טויזנט שײַנען. דינגט מען אַ דירה און מען צע־שרייבט זיך אין „זאַגס". אַ קליין צימערל, ווייל דעם טאַטנס גרויסע גבירישע שטוב האָט מען שוין נאַציאָנאַליזירט. אַרבעט מען אַלס לערערס און די צייט פֿליט און מען באַמערקט ניט ווי גליקלעך מען איז, ווייל וואָס איז אַזוינס גליק? צוויי יונגע קערפּערס ברענען אין איין פֿלאַם. צוויי יונגע מענטשן פֿאַרשטייען זיך אויפֿן ווונק. מען איז גליקלעך פֿון אַ געדאַנק וואָס מען טראַכט אין צווייען. פֿון ווייטע חלומות וואָס וואַרטן ערשט מען זאָל זיי פֿאַרווירקלעכן. קומט די מלחמה און רײַסט אים אַרויס און ער איז ניטאָ. און אַלץ אויף

וואָס מען האָט געהאַפּט פאַרשווינדט מיטן ווינט. בלייבט נאָר דער אָנדענק פון יענע ווינציקע גליקלעכע טעג. קען זי זיי נאָר דערמאָנען. טראַכטן, חלומען, און ווידערלעבן יעדן צוריר פון זיין האַנט, יעדן גלעט, יעדן קוש, יעדער וואָרט זיינס אָן אַרויסגעלייענטס פון זיינע אויגן...

טראַכט זי: ערגער? וואָס קען זיין נאָך ערגער?..

און היגטער אירע פּלייצעס שטייט און אָטעמט אין איר נאַקן אַ נייער אומגליק.

דעם 12טן דעצעמבער 1949 האָט מען זי אַרויסגערופן פון אַ לעקציע אין 9טן קלאַס. מען האָט זי געבעטן דרינגענדיק אַריינגיין צום דירעקטאָר.

— מען פאָדערט, — האָט איר דער דירעקטאָר געזאָגט — איר זאָלט זיך גלייך מעלדן אין דער ענקאַוועדע. מען האָט שוין צוויי מאָל געקלונגען.

איר ערשטער און איינציקער געדאַנק: אַ ידיעה פון יאָסלען! נאָר פאַר וואָס דורך דער ענקאַוועדע?.. לויפט זי מער ווי זי גייט. יעדע סטרונע אין איר איז אָנגעצויגן צום פּלאַצן.

עס נעמט זי אויף אַ באַאַמטער אין ציוויל, עפּעס אַ קורצפּיסיקער פּעמפּיק.

— זיצט, — בעט ער זי, — איר זייט בעלאַ אַבראַמאָווגאַ קושניר?

— איך.

— איר אַרבעט זינט 1942 אַלס לערערין אין דער צווייטער מיטלשול?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אין מויל איז איר טרוקן. זי קען ניט ענטפערן.

— אייער מאַן... ווי רופט מען אייער מאַן?..

זי איז אויפגעשפּרונגען. יעדער אָבער אין איר שרייט: וווּ?.. ווּ איז ער?!!..

— זיצט! — באַפוילט מען איר. — זיצט! אין דעם צימער, — זאָגט דער פּעמפּיק — אין דעם צימער, האָב נאָר איך דאָס רעכט צו פרעגן. אַלע אַנדערע מוזן ענטפערן.

ער זעצט זי אַוועק. ער ברענגט איר אַ גלאָז וואַסער. זי קען ניט טרינקען. די ציין קלינגען אויפן גלאָז.

— ווי זשע רופט מען אים, דעם מאַן אייערן?

אויב ער זאָגט: „רופט מען אים", הייסט עס אַז ער לעבט! יאָסל לעבט!.. מיט גרויס שווערקייט קוועטשט זי אַרויס דעם ענטפער.

— יאָסיף מאָיסעיעוויטש קושניר.

— און ניט יאָסל משה לייבאָוויטש? — זאָגט דער מנוול און אַ שמייכעלע צערינט זיך אויף זיין חזירישן פּרצוף.

— אַכט יאָר! — שרייט פון איר דער ווייטיק. — אַכט יאָר זוך איך אים איבערן גאַנצן לאַנד!

— מיר ווייסן, — ענטפערט ער — באַלד דריי יאָר ווי מיר זוכן אייך.

— קורץ גערעדט, — בייט ער דעם טאָן. — דיין מאַן, דיין יאָסל משה לייבאָוויטש איז אַ פאַררעטער! אַ שונא פונעם פאָלק! ער איז פאַרמישפּט אויף צען יאָר און...

— ס'ניט אמת! ס'קען ניט זיין!.. שרייט זי פון די לעצטע כוחות.

— ס'קאָן יאָ זיין. און עס איז! און ענדיק מיט דער היסטעריע! אַלס פרוי פון אַ פאַררעטער, — זאָגט ער, — האָסטו ניט קיין רעכט צו וווינען אין אונדזער שטאָט. און נאָך זיין אַ לערערין! אַ דערציערין פון דער יוגנט! דיר ווערט געגעבן אַכט און פערציק שעה. פאַרנעם דיינע שמאַטעס, נעם דיין זון און טראָג זיך אָפּ צו אַל די שוואַרצע יאָר! אַהין וווהין מען שיקט דיך. צוויי מאָל אין דער וואָך זאָלסטו זיך דאָרטן מעלדן אין דער מיליציע.

ווער עס האָט ביי איר צוגענומען דעם פּאַספּאָרט און אַרויסגעגעבן איר דעם פאַרשריפט וווהין זיך צו מעלדן, ווי אַזוי זי איז פון דאָרט אַרויס, דאָס געדענקט זי ניט. זי איז געקומען צו זיך ערשט אין קאַבינעט ביי דעם שול־דירעקטאָר.

פראָכאָר פעאָדאָראָוויטש האָט אויף איר געוואַרט. ער האָט שוין אַלץ געוווסט. „אין דעם ווייטן ראַיאָן, וווהין מען שיקט אייך, — האָט ער געזאָגט, — אַרבעט צופעליק מיינער אַ געוועזענער שילער. ער איז אַ דירעקטאָר פון אַ זיבן־יאָריקער שול. ווענדט זיך צו אים אין מיין נאָמען".

אויף די לערערינס, די חברטעס, האָט געציטערט די הויט. זיי האָבן שפּעט אין אָוונט, איינציקווייז זיך אַריינגעכאַפּט געזעגענען. געהאָלפן האָבן איר די שכנים.

אין צווײ טעג אַרום איז זי שוין געווען אין דעם האַלב־שטעטל, האַלב־דאָרף וווּהין מען האָט זי אַרויסגעשיקט. ביי אַן אַלטער איינזאַמער קאַזאַכקע האָט זי געדונגען אַ ווינקל און איז אַוועק צו דעם דירעקטאָר פון דער זיבן־יאָריקער שול.

אַ הויכער, זייער אַ מאָגערער און זייער אַ קורצזיכטיקער יונגער־מאַן, האָט ער זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. צו די דאָקומענטן אירע האָט ער זיך אַפילו ניט צוגערירט.

— פּראַכאָר פּעאָדאָראָוויטש, — האָט ער געזאָגט, — קען איך זייער גוט. ער איז מײַן געוועזענער לערער. אײַך קען איך ניט. איר זוכט אַרבעט, און איך דאַרף אַן אויפּראַמערין אין שול. די אַרבעט איז ניט קיין לײַכטע און דער געהאַלט איז אַ קליינער. נאָר איר באַקומט אַן אומזיסטיקע דירה ביי דער שול און אומזיסטיקע באַהייצונג. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען און מעג פאַר אײַך טון.

איז זי געוואָרן אַן אויפּראַמעריק. אַ ברירה האָט זי געהאַט?..

דער סקעלעטאַרטיקער דירעקטאָר האָט איר דערנאָך געהאָלפן קריגן אַ פּאָר פּריוואַטע שעהען מיט אָפּגעשטאַנענע שילערס. איינער פון זיי איז געווען דער זון פון דעם אָרטיקן מיליציע־שעף. האָט זי שוין פאַרשפּאָרט צוויי מאָל אין דער וואָך זיך מעלדן.

יענע יאָרן! זי וועט זיי קיין מאָל ניט פאַרגעסן. ניט אין די מאַטעריעלע שוועריקייטן איז איר געגאַנגען. צו מאַטעריעלע שוועריקייטן איז זי שוין געווען געוווינט. זי האָט געוווּסט, דער מאַן, יאָסל, לעבט, נאָר זי ווייסט ניט ווו ער איז פאַרמישפּט אויף צען יאָר, נאָר זי ווייסט ניט ווען און פאַר וואָס. ער געפינט זיך ערגעץ אין אַ לאַגער אַן רעכט אויף איבערשרייבן זיך. דער ענקאַווּעדיסט האָט געזאָגט: „באַלד דריי יאָר ווי מיר זוכן אײַך״. קומט אויס אַז אַרעסטירט האָט מען יאָסלען און אפשר געמישפּט אין זעקס און פערציקסטן יאָר. פריִער ווי אין 1956סטן וועט מען אים ניט באַפרייען. סיידן עפּעס אַ נס, אַן אַמנעסטיע!..

שימעלע פרעגט ניט גאָרניט. נאָר די אויגן זיינע, די פאַרשנדיקע יִידישע אויגן זיינע פאָלגן איר נאָך.

מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמע פאַרבן, אין וואָס פאַר אַן אָרעאָל פון רוים

האָט זי אים געשילדערט זיין טאַטן, דעם קעמפער, דעם סאָלדאַט, דעם פּאַרטיידיקער פונעם פאָטערלאַנד!.. „שימעלע, — האָט זי אים געזאָגט, — ס׳איז מיט אונדז געשען אַ גרויסער אומגליק. אויפן טאַטן, אויף אונדזערן, האָבן שלעכטע מענטשן אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז ער איז אַ פאַררעטער, און מען האָט אים פאַרמישפּט אויף צען יאָר לאַגערן, אָן רעכט צו שרייבן און באַקומען בריוו. דער טאַטע אונדזערער איז אַבסאָלוט אומשולדיק. נאָר העלפן קענען מיר אים ניט. אונדז האָט מען דערפאַר אַרויסגעשיקט. ס׳וועט קומען די צייט, דער טאַטע וועט זיך באַפרייען, וועלן מיר אומבאַדינגט באַוויזן זיין אומשולד. דערווייל מוזן מיר ליידן.

— מאַמע, — האָט שימעלע געעצהט — לאָמיר, מאַמע, אָנשרייבן דעם חבר סטאַלין. ער וועט אונדז פאַרשטיין, ער וועט הייסן אויספאָרשן פון דאָס ניי.

וואָס האָט זי אים געקענט ענטפערן? ער האָט דערזען טרערן אין אירע אויגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. מער האָט ער דערפון ניט גערעדט. ס׳איז נאָר פאַרשוווּנדן פון זיין יונג, באַוועגלעך פּנימל יעדער זכר פון אַ שמייכל.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות אין שול. קינדער האָבן אים באַ־ליידיקט. גערופן אים פאַרקויפטע זשידאָווסקע פעל! פאַררעטערישע מאָרדע! און גלאַט זשיד — פאַררעטער! אַ פּאָר מאָל איז ער געקומען אַן אויסגע־שמירטער און אַ צעדראַפּעטער. נאָר קיין איין מאָל ניט אויף קיינעם ניט געקלאָגט זיך. דער דירעקטאָר האָט זיך געמוזט אַריינמישן. ער האָט דער־קלערט אין קלאַס, אַז קינדער זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד פון די עלטערן. — טאַקע?

די עלטערע פּיאָנערן האָבן געפאָדערט שימעלע זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם טאַטן. האָט ער שווייגנדיק אויסגעטון און אַוועקגעלייגט פאַר זיי דעם פּיאָ־נערישן האַלדזבאַנד.

מען האָט געמוזט לעבן, האָט מען געלעבט.

און ניט דאָס אויפשטיין פאַר טאָג, ניט דאָס אָנטראָגן די שווערע ברעמעס האָלץ, ניט דאָס הייצן אַכט גרויסע אויוונס, ניט דאָס וואַשן די פאַראומרייניקטע קאָרידאָרן, די מיט אייז באַדעקטע טרעפּ, איז פאַר איר ניט געווען צו שווער. אַדרבא, אין דער שווערער אַרבעט האָט זי געפילט אַ דערלייכטערונג. ווי

באַריש עס זאָל ניט געווען זיין, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אויף אַזאַ אופן נעמט זי כאָטש אַ קליינעם אַנטייל אין זיינעליידן.

ער! דער נאָענטסטער מענטש אירער, לייזט אומזיסט. ער! דער ביזן לעצטן קעמערל פון זיין מוח אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, איז היינט אַ באַשפּיגענער פאַררעטער! איינער אַליין אין אַזאַ פיינטלעכן אַרום! אָט דאָס האָט זי געברענט ווי אַ פייער! אויפשטייענדיק און לייגנדיק זיך, האָט זי געפרעגט: — ווי אַזוי האָט עס געקענט קומען דערצו?..

זי האָט זיך דערמאָנט זייערן אַן אַמאָליקן שמועס ווען צו זיי זיינען דערגאַנגען די ידיעות וועגן די באַוווסטע מאָסקווער פּראָצעסן. יאָסלען האָט זי דעמאָלט געפרעגט, צי גלייבט ער אין דעם וואָס די איזוועסטיאַ שרייבט. צי קענען אַזוינע באַרימטע רעוואָלוציאָנערן ווערן שפּיאָנען?

— ניין! — האָט יאָסל געענטפערט. — ניין, ביילעניו, אין דעם גלייב איך ניט.

— נו?..

— כ׳ווייס ניט, — האָט ער שטיל פאַרגעזעצט, — אַמביציע און שלעכט פאַרשטאַנענער גלויבן האָבן אין פאַרשיידענע צייטן פאַרפירט ניט ווייניק סוביעקטיוו הערלעכע טוערס. נאָך דעם איז שוין שפּעט חרטה צו האָבן. באַצאָלן מיט דעם אייגענעם לעבן איז שוין מעגלעך ניט גענוג, ווייל די פאַרפירטע אָנהענגערס פאַרוואַנדלען זיי אין העלדן און זעצן פאָר זייער ניט־ריכטיקן וועג. דאָ קען די רעוואָלוציע פאָדערן פון אַ מענטשן ער זאָל מקריב זיין דעם אייגענעם הערלעכן נאָמען. איז מען זיך מודה אין דער רוח ווייסט וואָס!.. דאָס זיינען, ביילעניו, ניט מער ווי מיינע זעלבסט־נאַרערייען. אַ פּרווו צו דערקלערן דאָס ניט־דערקלערלעכע. דער אמת, קען זיין איז גאָר אַ גרויזאַמער. נאָר אין נאָמען פון אייניקייט מוזן מיר אָנגעמען דאָס וואָס מען זאָגט אונדז.

קיין שום ספּעקולאַטיווע היסטאָרישע פאַרגלייכן האָבן ניט געהאָלפן. ס׳איז געבליבן אַ ניט־פאַרהיילטע וווּנד, אַ פינצטערער גרוב וועלכן זיי זיינען אַרומגעגאַנגען מיט שוויגן. נאָך אַלעמען זיינען זיי געווען ניט מער ווי קליינ־שטעטלדיקע ענטוזיאַסטן. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט זייערע — ביז לעכערלעך קליין. דער וויסן זייערער — באַגרענעצטער פון באַגרענעצט.

זיי האָבן געגלייבט. איצט איז געקומען די צייט — פילן דעם ביטערן אמת אויף די אייגענעביינער. וואָלט זי כאָטש געקענט אַ קוק טון אים אין די אויגן, זאָגן אים: — איך גלייב דיר. איך בין מיט דיר. נאָר אַלע אירע ווענדונגען, אַלע ביטעס, מען זאָל איר כאָטש זאָגן ווו ער געפינט זיך, מען זאָל איר דערלויבן אַ באַזוך, אַלץ איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

און מערקווערדיק ווי מיט דער צייט, פון אַ צופעליק געהערטן וואָרט, פון אַ דערציילטער אָדער געלייענטער קלייניקייט, האָבן זיך ביי איר אָנגע־קליבן הויפנס פאַקטן וועגן די גרויליקייטן וואָס קומען פאָר אין לאַנד. קיינער האָט איר גאָרניט דערציילט. נאָר זי האָט שוין געוווסט צענדליקער געשיכטעס פון אומזיסט איינגעזעצטע, פאַרשיקטע, פאַרפייניקטע און אומ־שולדיק אומגעבראַכטע מענטשן. זי האָט די פאַקטן געטריבן פון זיך. ס'איז איר געווען שרעקלעך. זי האָט זיך אַליין געמוסרט: — „שעם זיך, בעלאַ אַבראַמאָווגאַ! דיין פערזענלעכער אומגליק פאַרשטעלט דיר די אויגן! דו האָסט אויפגעהערט צו זען גוטס. דאָס גבירישע טעכטערל רעדט פון דיר אַרויס!.. נאָר ס'האָט גאָרניט געהאָלפן.

מענטשן האָבן געזאָגט: — פּאָליטישע אַרעסטירטע לאָזן זיי בכלל ניט אַרויס. ווי נאָר אַזאַ איינער זיצט אָפּ זיינס, זוכט מען אים צו אַ נייע באַשול־דיקונג און מען גיט אים אַ נייעם „סראָק". מען לייגט אים צו אַ נייעם צענדליק יאָרן.

זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט גלייבן.

שווער, אומגעהייער שווער זיינען זיי געווען יענע נאָכמלחמה־יאָרן, די לעצטע סטאַלין־יאָרן.

...שכנות קענען זיך פון איר ניט אָנלויבן; אַזאַ יונגע! אַזאַ שיינע! אַזאַ געבילדעטע! אַזאַ צוגעלאָזטע! אַזאַ גוטע און ווערט נעבעך פאַרשוואַרצט ווי אַ פּשוטע אויפראַמערין! בעסער וואָלט זי געגאַנגען אַרבעטן אַלס פאַר־קויפערין אין דעם ניי־אויפגעמאַכטן אוניווערמאַג, אָדער אין אַ וועלכער ניט איז ביוראָ, אויף לייכטער אַרבעט, צווישן אינטעליגענטע מענטשן. צו וואָס פאַרשפּילט זי אירע יונגע יאָרן? לעבן לעבט מען נאָר איין מאָל!..

וואָס האָט זי זיי געקענט ענטפערן? זי איז שוין אַריבער די דרייסיק און זעט אויס צו יונג און צו פריש פאַר אירע שוואַרצע, פינצטערע יאָרן.

טאַטעס וואָס קומען אין שול קוקן מיט לעמערנע, נאַרישע אויגן, אויף אירע שלאַנקע פיס ווען זי וואַשט דעם קאָרידאָר. אַפּיצירן און גלאָט יונגע־לייט שטייען צו איר צו אין גאַס. רופן זיך אַרויס באַגלייטן זי אַהיים. זי ענטפערט ניט. זי איז צו מיד אויף אויסצושמועסן זיך מיט זיי. קומט זי אַהיים און איר ווילט זיך אַראָפּוואַשן פון זיך זייערע סליונעדיקע בליקן. עס באַליידיקט זי און עס טוט וויי, און עס ווילט זיך איר וויינען. ווייל זי איז דאָך ניט מער ווי אַ געוויינטלעכע, עלנטע פרוי. ס׳איז איר שווער און זי שעמט זיך צו קוקן שימעלען אין די אויגן.

שימעלע איז איינער פון די בעסטע שילערס אין שול. זיי האָבן אויפגעהערט לערנען יידיש. האָט ער איין מאָל און אַ צווייט מאָל דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגעלייגט דאָס יידישע לערנביכל אויפן טיש. האָט זי געמוזט, אַ מידע, זיך אומקערן צום לערנען יידיש.

זיי לעבן אין אַ פאַרוואָרפענעם עק. ידיעות פון דער גרויסער וועלט דערגרייכן צו זיי מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. אין מאָסקווע רודפט מען קאָסמאָפּאָליטן. מען זעצט איין מאַרגאַניסטן. מען האָט ליקווידירט די איינציקע יידישע צייטונג. עס זיינען פאַרשוווּנדן די גרעסטע יידישע שרייבערס, אַרטיסטן, געלערנטע. עס הויבן זיך אָן וואָס אַ מאָל מער ניט פאַרשטענדלעכע אומרעכטן. אָן אַכזריותדיקער כּוח שניידט די לעצטע אָנשפּאַרן פון איר גלויבן. דער בילבול אויף די יידישע דאָקטוירים, די כוואַליע אינספּירירטער אַנטיסעמיטיזם, זי האָט שוין אין גאַרניט ניט געגלייבט און אויף גאַרניט געהאָפט.

און דאָ איז סטאַלין געשטאָרבן.

די קומענדיקע ענדערונגען האָבן פון דאָס ניי, מיט נייעם ברען אויפגעוועקט אין איר די האָפענונג. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון פיבערדיק שרייבן אין אַלע אינסטאַנציעס. געפאָדערט, געבעטן און באַקומען סטאַנדאַרטע ענטפערס: — „האָט געדולד״.

ערשט אין אַפּריל 1954 האָט זי באַקומען דאָס גרויליקע קוויטל.

„אייער מאַן, — האָט מען איר געשריבן — יאָסיף מאָיסעיעוויטש קושניר איז פולקום רעהאַבילטירט. די באַשולדיקונג איז פון אים אַראָפּגענומען. ליידער, איז ער דעם 18טן אָקטאָבער 1952, נאָך אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג,

געשטאָרבן אין לאַגער. איר קענט צוריק באַקומען אייער ריינעם פּאַספּאָרט. אייך איז דערלויבט אומקערן זיך אַהיים, וווינען און אַרבעטן וווּ איר ווילט".

האָט זי צוגעטוליעט צו זיך דעם זון, געקוקט אין זיינע, ניט לויט די יאָרן, ערנסטע, פאַרטרערטע אויגן. זי האָט אָנגעצונדן אַ יאָרצייטליכט. זיי האָבן אויסגעטון די שיך און זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל. דאָס איז געווען אַלץ וואָס זי האָט געדענקט פונעם ייִדישן מינהג שיבֿעה זיצן.

אין גיכן האָבן זיי זיך אומגעקערט אין שטאָט. פּראָכאָר פּעאָדאָראָוויטש, דער אַלטער דירעקטאָר, האָט זי צוריקגענומען אויף דער אַרבעט. עס האָבן נאָך אַלץ אויסגעפּעלט לערערס. האָט זי רעגולער געפירט אירע לעקציעס. נאָר עס האָבן זיך אין איר אויסגעלאָשן אַלע פייערן. זי האָט געשפּאַנט ווי אין אַ פּוסטן חלל. עס האָט זי באַהערשט אַ פולע אַפּאַטיע.

דעם טאַטנס טויט האָט שימעלע אויפגענומען שוויַיגנדיק. ער האָט אים ניט געקענט. קיין מאָל אַפילו ניט געזען דעם פּאַטערס אַ בילד. דאָס אומקערן זיך אין שטאָט האָט אים ניט געמאַכט ניט ריידעוודיקער, ניט פריילעכער. געלייענט האָט ער אַ סך און אָן איבערקלייב. אַלץ וואָס די מאַמע האָט גע־בראַכט פאַר זיך: ראָמען ראָלאַן און קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, טשעכאָוו און גאָרקין, מאַיאַקאָווסקין און יעסענינען. ביי אַ שול־חבר, אַ ייִדן, האָט ער אַנטדעקט אַ רייכע ייִדישע ביבליאָטעק און ביידע, דער זון מיט דער מאַמען, האָבן געלייענט פּרצן און שלום־עליכמען, בערגעלסאָנען און לייוויקן, פּרץ מאַרקיש און איציק פעפער, קרימענדיק זיך און איבערהיפּערנדיק די לידער געווידמעט סטאַלינען. אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף פּאָליטיש־עקאָנאָמישער ליטעראַטור, ניט לויט דער שול־פּראָגראַם, געלייענט לענינען, מאַרקסן, ענגעלסן, פּלעכאַנאָוון און סטאַלינען. געקראָגן ערגעץ לאַנג אַרויסגענומענע פון די ביבליאָטעקן פּאָליטישע ווערק, עפּעס האָט ער געזוכט, געוואָלט פאַרשטיין, נאָר מיט דער מאַמען זיינער האָט ער זיך ניט געטיילט.

און מיט אַ מאָל האָט ער פאַרוואָרפן יעדע מין ליטעראַטור און זיך גענומען צום לערנען. אויסער פיזיק און מאַטעמאַטיק האָט אים גאָרניט אינטערעסירט. ער איז אַריינגעדרונגען אין אַזוינע געביטן פון קענטעניש, וואָס זיינען פאַר איר, דער מאַמען זיינער, געווען ניי. איר אויטאָריטעט אַלס מאַטעמאַטיקערין האָט זיך גענומען וואַקלען.

צוויי מאָל האָט ער מיט דערפֿאָלג אָנטייל גענומען אין ספּעציעלע מאַטעמאַטישע קאָנקורסן. צו זיבעצן יאָר האָט מען אים אויפֿגענומען אין נאָוואָסיבירסקער אוניווערסיטעט. איר קלייניקער שימעלע איז אויסגע־וואַקסן אַ הויכער, שלאַנקער בחור, אַזוי ענלעך צו זיין טאַטן, אַז איר איז צו מאָל שרעקלעך געווען צו קוקן אויף אים. זי האָט אים אויפֿגעהערט אַרומ־נעמען, אויפֿגעהערט קושן. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר זיך אַליין.

ס׳איז געקומען די צייט פֿון צעשיידן זיך. שימעלע איז אַפּגעפֿאָרן לערנען און זי איז געבליבן אין גאַנצן אַליין.

אין יענעם ערשטן יאָר האָט זי אַ סך געלייענט, אַ סך געטראַכט. געשריבן אים לאַנגע, פֿילאָסאָפֿישע בריוו. באַקומען פֿון אים קורצע ענטפֿערס: עטלעכע שורות מיט פֿראַגעס וועגן געזונט. ער איז זייער פֿאַרנומען. ער האָפֿט מאַכן פֿאַר דעם יאָר צוויי קורסן און ער מוז נאָך באַזוכן אַ ציקל וויכטיקע לעקציעס אויפֿן כעמישן פֿאַקולטעט. וועגן אַלעם אַנדערן וועלן זיי שמועסן זומער ווען ער וועט קומען אויף די קאַניקולן. אויב מען וועט זיי ניט שיקן ערגעץ אין אַ קאָלכאָז העלפֿן אַראָפּנעמען די גערעטעניש.

זי האָט קוים דערוואַרט זיך אויפֿן זומער. שימעלע איז געקומען אַ פֿרישער און אַ פֿריילעכער. דאַכט זיך, העכער און ברייטער אין די פּלייצעס. ער איז אַריבער אויפֿן דריטן קורס.

דאָס צימער זייערס איז ווי קלענער געוואָרן, פֿול מיט זונענשיין, מיט פֿרייד, מיט שימעלען, מיט זיינע פֿריילעכע געשיכטעס, מיט זיינע נאַיווע נייע טעאָריעס.

— מאַמע! זאָגט ער, — פּרוּוו דערזע די וועלט, געדאַנקלעך, ניט ווי עס נעמען זי אויף אונדזערע פֿינף חושים. גיב אַ קוק אויף איר ווי אויף אַן אומגעהייערן פּלאַנטער פֿון מיליאַרדן איינצלנע אַטאָמען, עלעקטראָנען און הונדערטער אַנדערע, שוין אַנטדעקטע און נאָך ניט אַנטדעקטע ברוכשטיקלעך, פֿון דעם וואָס מיר רופֿן אָן מאַטעריע אָדער ענערגיע. דאָס אַלץ דרייט זיך, שטויסט זיך צוזאַמען, פֿאַראייניקט זיך, צעשפּאַלט זיך, ענדערט זיך און בלייבט אַלץ דאָס זעלבע: אַן אָנצאָליקע צאָל צייטווייליקע אינערציע־סיס־טעמען איינגעגלידערטע איינס אין דאָס אַנדערע. — וואָס איז דער מענטש? אַ צייטווייליקע אינערציע־סיסטעם וואָס באַשטייט פֿון מיליאַרדן אַנדערע

מיקראָ־סיסטעמען און איז איינגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם אומבייט פון כאַאָס.

דאָס וואָס מיר רופן אָן לעבן איז ניט מער ווי דאָס אָנהאַלטן צייטווייליק אונדזער קאָמפּליצירטע אינערציע־סיסטעם דורך אַסימילירן, דאָס הייסט פאַרכאַפּן אַנדערע אינערציע־סיסטעמען אין דער פאָרעם פון עסן, טרינקען, אָטעמען, פאַרכאַפּן וואַרעמקייט, ענערגיע אויף צו פאַרבייטן די פאַרלוירענע ענערגיע וואָס עס נעמען ביי אונדז אַנדערע פאַרשיידענע אינערציע־סיסטע־מען. — אונדזער באַוווסטזיניקע טעטיקייט, מיט וועלכער מיר, מענטשן, גרויסן זיך אַזוי, איז ניט מער ווי אַ זייער קאָמפּליצירטע דערשיינונג פון קאַטאַליז. מיר קאַטאַליזירן אַרום אונדז פאַרשידענע ענדערונגען און דאָס דינט, פאַרשטענדלעך, ווידער אַ מאָל אויף אונטערצוהאַלטן אונדזערע אייגענע, אַזוי צייטווייליקע, אינערציע־סיסטעמען. די עצם אינערציע־דערשיינונג רופן מיר: ווילן צו לעבן. — צווישן דער אינערציע־טעטיקייט פון אונדזער גענען־סיסטעם וואָס רעגולירט די עקזיסטענץ פון אַ לעבעדיקן קעמערל פון דעם אַזוי גערופענעם מענטשלעכן אינטעלעקט און דעם אינערציע־כוח וואָס האַלט צייטווייליק צוזאַמען מיליאַרדן אַטאָמען אין אַ פּשוטן שטיק שטיין אָדער מעטאַל, איז דאָ זייער פיל געמיינזאַמעס — מעגלעך אַז אַ גאַנץ אַנדערער מין פון צייטווייליקע רעגולירנדיקע גענען־סיסטעמען פירן צייטווייליק אָן מיט אונדזער ערדקוגל, מיט דער זון, מיט די שטערן. זיי דרייען זיך און מיינען אַז זיי טוען דאָס באַוווסטזיניק. די גאַלאַקטיקעס אַנטלויפן און ווינקען: — אַ נו! פּרוּווט כאַפּט אונדז!.. — די באַגרענעצטקייט פון אונדזערע חושים און די אויף זייער סמך געשאַפענע לאָגיק פון דענקען, רופט אַרויס ביי אונדז אַ סוביעקטיווע פאַרשטעלונג פון באַוווסטזיין, אָפּנאַרערישע באַגריפן פון צייט און רוים. פון אָנהייב און סוף, פון סיבה און רעזולטאַט. די אַלוועלט איז, אין דער אמתן, ניט מער ווי אַן אומגעהייערער כאַאָס, אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף, אָן רוים, אָן צייט, אָן סיבה און רעזולטאַט. דער איינציקער רעאַלער פאַקט איז די עצם עקזיסטענץ פון דעם וואָס מיר רופן אָן ענערגיע אָדער מאַטעריע. די איינציקע געזעצמעסיקייט — דאָס פעלן פון יעדער מין געזעצמעסיקייט.

אַזוינע און פיל אַנדערע משונהדיקע טעאָריעס און אידעען האָבן גע־

ברויזט אין זיין קאָפּ. ער איז געווען יונג און דער ים פון דענקען האָט אים אויסגעזען ניט טיפער ווי ביז די קני.

פאַר וואָס זשע האָט זי זיי פאַרגעדענקט? — ווייל דאָס זיינען געווען זיינע, שימעלעס, אַרויסזאָגונגען.

דער זומער איז דורך ווי אין חלום. שימעלע האָט זיך אומגעקערט קיין נאָוואָסיבירסק. און זי איז ווידער געבליבן אַליין מיט אירע געדאַנקען, מיט אירע ביכער, מיט אירע שילערס. די שילערס — אויף אירע אויגן וואַקסן זיי אויס און גייען אַוועק אין לעבן יעדער מיט זיינע האָפענונגען. יעדער מיט זיינע פּלענער. זייער אַ קליינער טייל פון זיי האָט פאַר די שוליאָרן זיך אויסגעלערנט זעלבשטענדיק טראַכטן. די גרעסטע טייל פון זיי שווימט מיט דעם שטראָם. זיי קומען אָפט צו איר, די שילערס פון די העכערע קלאַסן. די מיידלעך מיט זייערע יונגינקע קאַוואַלירן. זיי טרינקען גערן אַ גלעזל טיי. עס אינטערעסירט זיי אַ געזעענער פילם. אַ מאָל אַ געלעזן ביכל, נאָר מערסטנס אַפּערירן זיי מיט באַנאַלע סטאַנדאַרטנע אמתן, אַרויסגעלייענטע פון דער „קאָמסאָמאָלקע" אָדער געבראַכטע פון דער לעצטער פאַרזאַמלונג. ווי נאָר זי פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם ציל פון לעבן, וועגן אידעען, אין וועלכע די יונגע גלייבן, אַזוי נעמט מען באַלד אָן אַ מויל מיט וואַסער. צי איז דאָס צוליב אומצוטרוי? צי איז עס דער ריס צווישן דורות? אָדער אפשר גלייבן זיי טאַקע ניט אין גאָרניט?

לויט זינאַטשקע ווינאָגראַדאָוואַ זיינען אַזוינע געשפּרעכן ניט מאָדערנע. צו וואָס בכלל דאַרף מען אין עפּעס גלייבן? צי זיינען דאָ אַזוינע אידעען פאַר וועלכע עס לוינט זיך מקריב זיין? דאָס אַלץ שמעקט מיט אַגיטאַציע־פּראָפּאַגאַנדע און דאָס האָבן זיי גענוג אין דער שולפּראָגראַם.

מישקאַ ווײַנשטיין קלייבט זיך צו ווערן אַ זשורנאַליסט. דערווייל שרייבט ער נאָר געגראַמטע פעליעטאָנען אין דער וואַנטצייטונג און האָט דערפאָלג ביי די מיידלעך. — „הויכמאָראַלישקייט, — זאָגט ער — איז אַ פּאַטאַלאָגישע דערשיינונג. מיט הויכמאָראַלישקייט ווערט מען קראַנק. ס'איז ווי אַ געשוויר אויפן מוח. וואָס פריער מען שניידט אים אויס, אַלץ געזינטער פאַרן מענטשן".

— מישענקאַ, — פרעגט זי אים, — דו טרייבסט ניט איבער?..

רויטלט ער זיך און לאָזט אַראָפּ דעם טאָן.

— יעדנפאַלס — זאָגט ער — איז הויכמאָראַלישקייט ווי געדרייטע הער־נער ביי באַרג־באַראַנען. קיין נוצן ברענגט עס ניט. די פונקציע זייערע איז אַ דעקאָראַטיווע. זיי טויגן נאָר אויף צו מאַכן אַן איינדרוק אויף נאַרישע שעפסן.

אַ מאָל האָט זי געחלומט זיין אַ לערערין, דערציִען דעם יונגן דור, ווייזן זיי דעם וועג. איבערגעבן זיי דעם פונק פון איר האַרצן. זיי זאָלן ווייטער בויען אַ ניי, אַ גערעכט און גליקלעך לעבן פאַר אַלע. איז זי אַ לערערין. אַ דער־ציִערין. גייט דער נייער דור מיט זיין וועג. טראָגט דעם אמת נאָר אויפן שפּיץ צונג. ניט ער וואַרעמט זיי, ניט ער צינדט. און זי ווייסט ניט וואָס זיי צו זאָגן. צו וועמען זאָל זי האָבן טענות?

אויף אַן ענלעכן ציניִשן קוק אויפן לעבן האָט זי זיך אָנגעשלאָגן עטוואָס שפּעטער. ער איז געקומען צו איר ווי אַ לעכערלעך־טראַגישע דערמאָנונג פון איר יוגנט.

זי האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין דער נייער, צוויי־צימערדיקער קאָאָ־פּעראַטיווער דירה. אין אַ פאַרנאַכט — מאַכט זיך אויף די טיר און עס שטעלט זיך אַריין אַ גאַסט. אַ ייִד מיט אַ בײַכל. דווקא אַ הויכער, דווקא אַ שיינער, נאָר עפּעס אַ לויזער. דער ייִד טוט אויס די שליאַפּע, הענגט אויף דעם זומער־מאַנטל, ווישט אַרום זיין גלאַנציקע ליסענע, פאַררויטלט זיך ווי אַ יִינגל און פרעגט:

— איר דערקענט מיך טאַקע ניט? בעלאַ אַבראַמאָוונאַ?

בעט זי אים זיצן. ער איז איר קענטלעך. נאָר ווער ער איז קען זי זיך ניט דערמאָנען.

שטעלט ער זיך פאָר:

— אַלעקסאַנדער נאַומאָוויטש סלוצקי, סאַשאַ!

דערזעט זי פאַר די אויגן דאָס שטעטל, די גימנאַזיע, די הויפּטגאַס מיט אירע שאָטנדיקע ביימער, די באַנק פאַר זייער שטוב וווּ זיי זיינען אַ מאָל אין צווייען געזעסן. דאָס איז דאָך ער! איר ערשטער פאַרליבטער! סאַשאַ סלוצקי, דעם ציינדאָקטערס בן־יחיד, דער יוריסט סאַשאַ סלוצקי!..

גאַסטעוועט ביי איר דער גאַסט צוויי מעת־לעת. הערט זי אויס אַלע זיינע סענטענצן, אַלע זיינע פּלענער און זיינע באַנייטע ליבע־דערקלערונגען.

פון דעם שטעטל איז ער אַרויסגעפאָרן סוף זומער 1940. קרובים האָבן

אים געהאָלפן זיך איינאָרדענען אַלס יוריסט־קאָנסולט ביי דער רעפּובלי־קאַנישער קאָאָפּעראַציע אין קעשענעוו. דאָרט האָט ער זיך אַנגעשטויסן אין „זייער" פאַלשקייט, קאָרופּציע און פּשוט גנבה. ביי „זיי" האָט ער זיך אויס־געלערנט לעבן. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה האָט ער אָפּגעטראָגן די ביינער קיין מיטל־אַזיע. וואָס האָט ער ניט געטון פאַר דער צייט!? ר'איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן בראָנירט. די האָר אויפן קאָפּ האָט ער פאַרלוירן, נאָר אַ קערבל, און אַ שיין קערבל, האָט ער אָפּגעשפּאָרט.

אַן אַדעסער ווייבל האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. צו געשעפטזאַכן האָט זי געטויגט נאָך בעסער פון אים. נאָר קיין קינדער האָט זי אים ניט געבוירן. און ליב געהאַט האָט ער זי ניט. עס קלינגט סענטימענטאַל, נאַריש, נאָר ליב געהאַט, דאָס גאַנצע לעבן, האָט ער נאָר זי, בעלאָטשקען. די אַמאָליקע בעלאָטשקאַ! פאַר דריי יאָרן איז די אַדעסער געשטאָרבן פון אַ ראַק. ער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט אַז זי, בעלאָטשקע, לעבט ערגעץ אין קאַזאַכסטאַן. נאָר ערשט דאָ ניט לאַנג האָט ער, צופעליק, אין אַ יידישער שטוב אין נאָוואָסיבירסק זיך באַקענט מיט איר זון, מיט סעמיאָן יאָסיפאָוויטש. דער זון אירער קומט אָפּט אַריין צו יענער פאַמיליע. ער איז דאָרט כמעט ווי אַ חתן. די כלה, דעם בעל־הביתס פּלימע־ניצע, רופט מען לאָהלע, ליזע. זי ענדיקט אין גיכן דעם כעמישן פאַקולטעט. נאָר דאָס ווייסט בעלאָטשקע בעסער פון אים. זיי, די יונגע, פּליִען אין די הימלען. דער פעטער אירער, פון די אַרויסגעשיקטע, אַרבעט אַלס גלאַוובוך אויף אַ וואַזשנע זאַוואָדל. נאָר קיין געשעפט פאַרשטייט ער ניט, און וויל ניט פאַרשטיין. ר'האָט אים טאָקע ניט געקענט אײַנבײַסן. ער וואָלט געוועז אַהיים געפאָרן מיט גאָרניט, ווען ניט די באַגעגעניש מיט איר זון. ער האָט גלייך געוואָלט אַריינפאָרן אַהער, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. אַזאַ וויכטיק גע־שעפט שליסט מען ניט אויף איין פוס. ער ווייסט, זי האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן איינע אַליין. דער זון אירער איז שוין אַ גרויסער. אין גיכן וועט ער חתונה האָבן. אין דער מאַמען נייטיקט ער זיך ניט מער.

וואָס זשע לייגט ער איר פאָר? — ער איז נאָך גענוג יונג און פולקום געזונט. זיי האָבן חתונה און פאָרן איבער צו אים. ער האָט אַן אייגענע שטוב הינטער מאָסקווע. ער לייגט איר פאָר אַ לעבן אָן זאָרג, ניט אָפּהענגיק

פון דער נישטיקער זאַרפּלאַטע וואָס „זיי״ צאָלן איר. יאָר־יערלעך וועט זי אָפּרוען אין קרים, קאַווקאַז, אָדער וווּ עס וועט זיך איר גלוסטן. די מאָסקווער און לענינגראַדער טעאַטערן, מוזייען און אויסשטעלונגען וועלן פֿאַר איר זיין אָפֿן. אויב עס וועט זיך איינגעבן, און עס וועט זיך אומבאַדינגט איינגעבן, ער איז אַ מענטש מיט אַ פּאָלאַזשעניע אין דער געזעלשאַפֿט, וועלן זיי זיך אַראָפּכאַפּן קיין אויסלאַנד: בולגאַריע, רומעניע, מיזרח־דייטשלאַנד. פון איר פֿאָדערט ער ניט, פֿאַרשטייט זיך, קיין באַלדיקע ליבע. פון אַלע יאָרן איז זי געווען זיין אידעאַל. אַ ביסעלע אַכטונג, און מיט דער צייט, אפשר, אַ ביסעלע צוגעבונדנקייט.

אויב עס איז איר נימאס, ווי אים, די גאַנצע כאַליאַסטרע מיט זייער סאָציאַליזם, מיט זייער קאָמוניזם און עס גלוסט זיך איר אַריבערפּעקלען זיך קיין ארץ־ישׂראל, אָדער נאָך ווייטער, וועט מען זוכן אַזאַ מעגלעכקייט. ווי אַזוי זי וועט באַשליסן, אַזוי וועט זיין...

האָט זי געקוקט און ניט געקענט זיך זאַט אָנקוקן אויף דעם פּענאָמען, דעם ווי פון אַן אַנדערער וועלט אַראָפּגעפּאַלענעם חתן, וואָס רעדט זיך אַליין דעם שידוך. זי האָט זיך ניט געקענט פֿאַרשטעלן ווי אָט דער לויזער, ווייכער פֿאַרשוין, נעמט זי אַרום, טוליעט זי צו זיין טאַנצנדיק בײַכל, קושט אירע אַזוי לאַנג ניט געקושטע ליפּן. זי האָט געהערט און ניט געקענט פֿאַרשטיין פון וואַנען שטאַמט זיין שׂינאה צו דער ראַטנמאַכט. קיין קעמפּער פֿאַר גע־רעכטיקייט איז ער קיין מאָל ניט געווען. אַפילו ניט קיין ברעקל ציוניסט. ניט ער, ניט די זייניקע האָבן פון דער רעוואָלוציע ניט געליטן. ער אַליין איז רײַך ווי קורח. וואָס זשע האָט ער צו דער ראַטנמאַכט? זעט אויס די שׂינאה זיינע שטאַמט פון פּחד. פון דעם וואָס די קאָץ ווייסט וועמענס סמעטענע זי לעקט. פונעם געדאַנק אַז „וויפֿל דאָס שנירעלע פֿלעכט זיך, וועט זיך עס סוף־כּל סוף איבעררייסן״. מיט שוים אויף די ליפּן דערמאָנט ער „זיי״, די סאָוועטן. און ווי פֿריילעך ער לאַכט, ווי לעבעדיק עס טרייסלט זיך זיין בײַכל ווען אים געלינגט אַריינפּלעכטן אין געשפּרעך עפּעס אַ פֿלאַכן אַנטי־סאָוועטישן אַנעקדאָט!

אויפֿן דריטן טאָג האָט זי אים משלח געווען. זי האָט אים קורץ און קלאָר געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז אַלע זיינע „גאָלדענע גליקן״ זיינען דאָ קיין סחורה ניט.

איין פֿראַגע האָט ער איר צום שלוס, יאָ פֿאַרגעבן. קען זי די פֿראַגע ניט פֿאַרגעסן.

— די סאָוועטן — האָט ער געזאָגט, — האָבן חרוב געמאַכט אייער לעבן, אומגעבראַכט אייער גליק און איר קלאַמערט זיך נאָך אַלץ אין זייערע פֿאַלשע פּרינציפּן.

אַ פֿראַגע וואָס פֿאָדערט אַ קלאָרן ענטפֿער. טראַכט זי און טראַכט און זוכט פֿאַר זיך דעם ענטפֿער. אַ מאָל האָבן זיי געהאָפֿט אויפֿבויען אַ גערעכטע און בעסערע וועלט. יאָסל און צענדליקער טויזנטער פֿאַר אים און נאָך אים, זיינען אומגעקומען אומזיסט. פֿון דער „נייער וועלט", אַזוי ווי זי בויט זיך אַצינד, קערט צו מאָל די גרינגע גאַל.

זי ווייסט: קיין איין רעוואָלוציע האָט ניט פֿאַרווירקלעכט אַלע פּרינציפּן אין נאָמען פֿון וועלכע זי איז געמאַכט געוואָרן. נאָר קיין איין רעוואָלוציע איז ניט געווען אומזיסט. יעדע האָט געבראַכט די ענדערונגען צו וועלכע די צייט און די געזעלשאַפֿט זיינען אָביעקטיוו געווען רייף. צי געדענקט דען היינט עמעצער די אומזיסטע קרבנות פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע? צי האָבן די רעוואָלוציאָנערן פֿונעם קאָנווענט געחלומט וועגן אַ נאַפּאָלעאָן? פֿאַר וואָס זשע פֿאָדערן זיי, דער דור פֿון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דאָס אוממעגלעכע? צי ווייל די ווונדן זיינען נאָך פֿריש? אויסבויען אַ מענטשלעכן סאָציאַליזם גיט זיך דערווייל ניט איין. פּסלט מען די עצם אידעע פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט...

סטאַלינס יורשים טוען דעם הפֿך פֿון דעם וואָס זיי לערנען. דערפֿאַר דאַרף זי, בעלאַ אַבראַמאָווינאַ קושניר, פֿיינט באַקומען יעדע אידעע פֿון אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, פֿון סאָציאַלן יושר, זיך אַראָפּלאָזן אין אַלגעמיינעם געמוּיזעכץ, אָדער בויען איר לעבן לויט דעם מאָדעל פֿון אַ סאַשע סלוצקי?..

אַ רעוואָלוציע איז ווי דער אויסבראָך פֿון אַ ווולקאַן. די פֿייערדיקע לאַווע פֿאַרברענט אַלץ אויף איר וועג. צי קען מען זיין אַ שונא דעם ווולקאַן?

דער פֿייערדיקער שטראָם האָט פֿאַרשלונגען איר יוגנט, פֿאַרברענט איר גליק, אומגעבראַכט אירע האָפֿענונגען, אַלץ איז אַוועק מיט דעם פֿייער! נאָר עס זיינען דורכגעגאַנגען יאָרן. די לאַווע קילט זיך אויס און פֿאַרוואַנדלט

זיך אין פּראָקטיקע ערד. אויף דער נייער ערד גייען אויף נייע זוימען. עס וואַקסט אַ נייער דור. עס וואַקסט איר זון. פון יענער זייט אַנטוישונג טליעט אַ נייע האָפענונג. די האָפענונג פון מיליאָנען. צי איז זי דען שולדיק וואָס זי וויל האָפן אין איינעם מיט זיי?!.. וועגן דער קומענדיקער שנור האָט זי דעמאָלט, פאַרשטענדלעך, געוווּסט פיל מער ווי דאָס וואָס סלוצקי האָט איר דערציילט.

דער אָנהייב ציט זיך פון יענעם ציקל לעקציעס וואָס דער בחור האָט געהערט אויף דעם כעמישן פאַקולטעט. דעם צווייטן זומער האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ מיידל מיט ניט־ייִדישע געזיכטשטריכן. אַ בלאָנדע, אַ הויכע און אַ שלאַנקע ווי ער אַליין.

— מאַמעניו, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז ליזאַ באַריסאָוונאַ פיינבוים, לאהלע — מיין כּלה. מיר געפעלט זי און איך וויל דו זאָלסט זי אויפנעמען ווי אַן אייגענע טאָכטער.

די כּלה האָט זיך באַלד אויפן אָרט באַליידיקט. זי האָט אָנגעבלאָזן די ראָזעווע ליפּעלעך: „ניט מער בין איך דיר, ווי נאָר געפעלן?"...

נאָר באַלד האָט זי זיך געלאָזט איבערבעטן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— מיר שטאַמען פון דער ליטע, נאָר געבוירן בין איך אין סאַראַטאָוו. די עלטערן מיינע זיינען יונג געשטאָרבן און איך בין אויפגעוואַקסן ביי דער מאַמעס אַ ברודער אין נאָוואָסיבירסק. איך בין אַ סטודענטקע, אַ כעמיקערין.

אין גיכן זיינען זיי אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע סטודענטישע אַרבעטס־גרופּעס. די חתונה, זייער אַ באַשיידענע, האָט מען געפּראַוועט אין נאָוואָסיבירסק ערשט אין צוויי יאָר אַרום. דעם קורצן האָניק־חודש האָבן די קינדער פאַרבראַכט ביי איר.

לאהלע האָט געזאָגט: „כ'וועל אייך, בעלאַ אַבראַמאָוונאַ, רופן פּשוט, אויף ייִדיש, שוויגער. מיר איז זייער שווער עמעצן אָנרופן מאַמע".

שוויגער? — זאָל זיין שוויגער. די שוויגער האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט געפילט אַזוי איינזאַם ווי אין יענעם קורצן זומער. די יונגע, געזונט זאָלן זיי זיין, האָבן זי אומעטום געשלעפּט מיט זיך; באָדן זיך און שפּילן זיך און שפּאַצירן... נאָר אוי ווי ניט גרינג עס איז צו זיין די פינפטע ראָד ביים וואָגן!

דער האָניק־חודש איז געווען ביי זיי אַ קורצער. שימעלע איז געבליבן אין דער אַספּיראַנטור און זיי האָבן אין גיכן זיך אומגעקערט קיין נאָוואָ־סיבירסק. זאָרגן זיינען געווען איבער געבוג. שימעלע האָט טאַקע אָפּט געשריבן און נאָך אָפטער געקלונגען. דאָך האָט זי, נאָך זייער אַוועקפאָרן, דערפילט ניט נאָר איר עלנט, נאָר אויך די אָנקומענדיקע עלטער.

דער זון איז שוין אַ מענטש פאַר זיך. אין איר אוממיטלדיקער הילף נייטיקט ער זיך שוין ניט. ער האָט אַ יונגע, געראָטענע פרוי און אַ קלאָרן וועג אין לעבן. זי קען נאָר באַוואונדערן זיין לעבנס־ענערגיע און זיין אַרבעטס־פעיִקייט.

זי איז שוין ניט יונג. זי האָט שוין רעכט אויף פּענסיע. דער שפּיגל זאָגט:

— ניטאָ די אַמאָליקע שיינקייט. די געוועזענע זײַדענע האָר זיינען איבער־געפלאָכטן מיט גרוי. אַרום די געוועזענע לעבעדיקע אויגן איז פול מיט דריוונע קנייטשעלעך, און זיי, די אויגן, האָבן פאַרלוירן דעם אַמאָליקן גלאַנץ. האַרבסט אויפן פּנים. האַרבסט אויפן האַרצן!

זי האָט אויפגעצויגן אַ גוטן זון. אַ מאָרגנדיקן געלערנטן. קיין נייע אַמעריקעס האָט ער דערווייל ניט אַנטדעקט, נאָר דאָקטער פון פיזיש־מאַטע־מאַטישע וויסנשאַפטן איז ער שוין. די געדרוקטע אַרבעטן זיינע, וואָס ער שיקט איר איבער רעגולער, זיינען איר ניט תמיד קלאָר. זינט ער איז איבערגעגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַרמאַכטן אינסטיטוט, האָט מען אים אויפ־געהערט דרוקן אין די אָפענע זשורנאַלן. לויט די ניט־קלאָרע ידיעות, וואָס זי האָט, פאַרשט מען דאָרט ווי צו באַקומען וואָלוועלע ענערגיע פון אַטאָם.

די נייע אַרבעט זיינע האָט זיי פאַרוואָרפן ווייט. זיי וווינען אין אַ פאַר־מאַכטן שטעטל הינטער מאָסקווע. ניצט זי אויס יעדע מינדסטע געלעגנהייט און פאָרט צו זיי צו גאַסט. זיינען זיי אָבער זייער פאַרנומען. קענען זיי ניט אָפּטיילן גענוג צייט דער אַלטער מאַמען. און זי וויל אַזוי שטאַרק אַריינדרינגען אין סאַמע האַרץ פון זייערע געדאַנקען. זי וויל פאַרשטיין, קענען דעם יונגן דור. וואָס אַ שטייגער טראַכטן זיי פון דער ייִדישער מדינה?

דאָס לענדל ישראל איז אויפגעקומען נאָך אין ניין און פערציקסטן יאָר. דעמאָלט האָט זי ווייניק אַכט געלייגט דערויף. זי האָט דעמאָלט געהאַט גענוג אירע אייגענע צרות.

דאָס וואָס סטאַלין האָט אָנערקענט די יידישע מלוכה און אַפילו אומדי־רעקט געהאָלפן איר מיט געווער, האָט זי ריכטיק פאַרשטאַנען; ס'איז ניט אַזוי פון ליבשאַפט צו דעם יידישן מרדכי, ווי פון שינאה צו דעם ענגלישן המנען.

וועגן דעם יידנלאַנד האָט מען ווידער אַ רייד געטון אין דער צייט פון דער סועץ־מלחמה. זי האָט גערעכנט ישׂראל פאַר אַ פּראָגרעסיוו לאַנד, ש׳ער ניט אַ לאַנד פון סאָציאַליזם, און האָט זיך זייער געוווּנדערט אויף זייער אַליאַנס מיט ענגלאַנד און מיט פראַנקרייך. נאָכן דורכפאַל פון דער סועץ־מלחמה האָט זי זיי ווידער אַרויסגעלאָזט פונעם זכרון. געשפּרעכן וועגן יידן, יידישקייט און וועגן יידישן לאַנד האָט זי ניט איין מאָל געפירט מיט סימאַ מאַרקאָוונאַ. די אַלטע איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פלאַם־פייערדיקע ציוניסטקע. זי איז גרייט, כאָטש מאָרגן אָפּפאָרן אין לאַנד פון די אָבות, ווי זי רופט דאָס לאַנד ישׂראל. סימאַ האָט זי ניט איין מאָל געפרעגט: —
„זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וועלכן פאָלק געהערסט דו?

— קלאָר. זי איז אַ יידישקע, אַ טאָכטער פון דעם יידישן פאָלק.

— מיט וואָס זשע ביסטו, בעלאַ אַבראַמאָוונאַ, אַ יידישקע? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט. צי נאָר דערפאַר ביסטו אַ יידישקע, ווייל דו האָסט געהאַט דעם אומגליק געבוירן ווערן ביי יידישע טאַטע־מאַמע? און ווייל דער אַרומי־קער נאַציאָנאַל־שאָוויניזם טיילט דיך אויס אין יענער באַזונדערער עטנישער גרופּע, וואָס מען רופט זיי יידן ווייל מען פאַרלייקנט פאַקטיש זייערע נאַציאָ־נאַלע רעכט און מען האָט זיי ניט גערן? — אין יידישן גאָט גלייבסט דו ניט, — זי גלייבט ניט אין קיין שום געטער. וואָס זשע איז יידישקייט? אַ פראַגע פון בלוט?

זי האָט ליב יידיש, די שפּראַך פון איר מאַן, די שפּראַך פון אירע עלטערן. זי האָט ליב די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור. רעכענען יידן פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך עברית, אַ שפּראַך וואָס זי קען ניט.

עס אימפּאָנירט איר דער קיבוצישער סאָציאַליזם, אויף וויפל זי האָט געלייענט וועגן דעם אין די ווייניקע זשורנאַל־אַרטיקלען, וואָס שרייבן אויף דער טעמע האָט מען נאָך געמעגט. נאָר אויב אַפילו די קיבוצישע באַוועגונג וועט אויסהאַלטן דעם דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, וועט

זי דען בכּוח זיין לייזן די גרונטפּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט? צו וואָס זשע, אייגנטלעך, פאַרפּליכטעט זי די געהעריקייט צום ייִדישן פאָלק? צי דאַרף זי זיך רעכענען פאַר אַ ליבלעכע שוועסטער פון ייִדן געשעפטלייט, באַנקירן אָדער גלאַט שונאים פונעם סאָציאַליזם?

די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט אויפגעהויבן אַ נייעם שטורעם צווישן דעם הייפל פון אירע ייִדישע באַקאַנטע. דער ייִדישער שטאָלץ איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. אַ קלייניקייט! די ייִדישע אַרמיי האָט צעקלאַפּט דריי אַראַבישע אַרמייען אויף דריי באַזונדערע פראָנטן אין משך פון זעקס טעג! מען לערנט די ישׂראָלישע סטראַטעגישע אויפטוען אין די רויטאַרמייִשע שטאַבן! זי, בעלאַ אַבראַמאָוונאַ קושניר, האָט זיך געכאַפּט, אַז דער ייִדישער זיג פאַרשאַפט איר פרייד. הייסט עס: אויך אין איר זיצט נאָך אַ היפּשע דאָזע באַהאַלטענער נאַציאָנאַליזם. זוכט זי אויס אַ מאָטיוו און פאָרט צום זון. אַ ביסל אָפּריידן זיך פונעם האַרצן.

שימעלע האָט פיינט פּאָליטיק. נאָר פיינט האָבן פּאָליטיק איז אויך פּאָליטיק. דער אַזוי גערופענער „פשוטער מענטש”, זאָגט ער, איז גרייט פאַר אַ זאַט און זאָרגלאָז לעבן פאַרקויפן אַלע הויכע פּרינציפּן וואָס ער האָט אויף זיך ווען עס איז אַרויפגעשלעפּט. עס גייט אים אָן נאָר זיין אייגענער ווווילזיין.

אַזוי פיל יאָרן האָבן זיי, די „געוויינלעכע” מענטשן, געשוויגן סטאַלינען. צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן זיינען אומגעקומען אין די לאַגערן. האָט עס דען געשטערט דעם „געוויינלעכן” סאָוועטישן מענטשן עסן, טרינקען און פאַרמערן זיך? מען האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אומשולדיקע ייִדן און די וועלט האָט געשוויגן. וויפל קינדער שטאַרבן היינט פון הונגער אין אַפריקע? וויפל אָרעמע פּויערים קומען אום אין די מיטל־אַמעריקאַנער דזשונגלען? וועמען שטערט עס צו לעבן?

דער צוויי־פיסיקער, וואָס מען רופט אים מענטש, וויל זיין זאַט, האָבן וואָס מער און אַרבעטן וואָס ווייניקער. ער פאַרמערט זיך מיט אַ קאָפּשווינדלערישער גיכקייט. און קיין שום סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דאָ ניט העלפן. דער איינציקער אויסוועג, מאַמעלע, איז די וויסנשאַפט.

מיר, די וויסנשאַפטלערס, וועלן אָפּזוכן נייע קוואַלן וואָלוועלער ענערגיע.

מיר וועלן באַוואָסערן די מידבריות, אויסטריקענען די זומפּן. מיר'ן מעכאַ־ניזירן און אויטאָמאַטיזירן דעם פּראָצעס פון שאַפן, כּדי די אונדז אַזוי ליבע צוויי־פיסיקע זאָלן אַלע האָבן גענוג צו פרעסן. זאַטע חיות זיינען ווייניקער אַגרעסיוו. אפשר וועלן זיי דעמאָלט פאַרגעסן אין נאַציאָנאַלער און ראַסן־שׂינאה. זיי וועלן אויפהערן פירן מלחמות. ס'וועט מער קיינעם ניט זיין ענג אויף דער וועלט. קיינער וועט ניט וויסן פון קיין נויט.

— נו, און ביז דעמאָלט? דערווייל? היינט?..

— היינט, מאַמעלע, איז דער כריין ניט זיסער פונעם רעטעך. אויף יענער זייט פון דער גרענעץ נאָרט מען דעם עולם פּונקט אַזוי ווי ביי אונדז. היינט באַלאַנסירן מיר צווישן זיין און ניט זיין.

עס איז איר געווען אַ ווונדער און עס האָט זי פאַרדראָסן. — ווי קומט צו אים, האָט זי געטראַכט, אָט די גרויסהאַלטעריי, דער זילזול מיט וועלכן ער רעדט וועגן פּשוטן מענטשן?!.. זי קען זיי, די פּשוטע, די געוויינלעכע מענטשן. זי גלייבט אין זייער שטרעבן צו אַ גערעכטער וועלט. צום אַלעם ערשטן, פאַרשטענדלעך, אַ זאַטע, נאָר זאַטקייט אַליין איז זיי ווייניק. דער סאָציאַלער עקספּערימענט פון גלייכקייט אויפן גרונט פון גאָרניט האָבן איז דורכגעפאַלן. די דיקטאַטור לאָזט ניט אויפהייבן דעם קאָפּ. דעם פּראָגרעס טרייבט טאַקע די פּערזענלעכע פאַראינטערעסירונג, נאָר מוז עס דען זיין די פּריוואַטע איניציאַטיוו וואָס שטרעבט באַרײַכט ווערן אויפן חשבון פונעם כּלל? אָדער דער ווילן צו הערשן?..

— דער אומגליק איז — זאָגט שימעלע — וואָס קיינער ווייסט דערווייל ניט ביי אונדז, וואָס אייגנטלעך דאַרף מען טון און ווי אַזוי, כּדי צו דערגרייכן אַן אָנגעמבאַרע, אויב ניט קיין אידעאַלע צווישנבאַציִונג פון דער אַקטיווער, פרייער פּערזענלעכקייט און די אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוו. די דיזידענ־טישע באַוועגונג איז שטאַרק אין דער קריטיק, נאָר קיין רעאַלע, פּאָזיטיווע אַלטערנאַטיוו האָבן זיי ניט. די ווייניקע טעאָרעטישע פּרוּוון זייערע זיינען נעבעכדיק. מעגסט מיר גלייבן, מאַמע, די גרעסטע טייל פון זייערע אויס־גאַבעס לייען איך...

— שימעלע! — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, — ווייניק אומגליקן, דיזידענטן פעלן אונדז נאָך?!..

— מאַמע, — האָט ער מיט אַ גענייטן שמייכל זי געפרעגט, — אין דיינע יונגע יאָרן האָסטו אויך אַזוי געטראַכט?..

וואָס איז איר געבליבן אַחוץ רויט ווערן ביז איבער די אויערן? דערויף האָט זיך דער שמועס געענדיקט. ניט וועגן ייִדישקייט, ניט וועגן ארץ־ישׂראל האָבן זיי דאָס מאָל טאַקע ניט גערעדט.

די חברטעס זאָגן איר: וויפל איז דער שיעור? אפשר וואָלסטו שוין זיך אָפּגעלאָזט פון פּאָליטיק?..

מיט איר פּאָליטיזירן דערמאָנט זי יענע ייִדן־בטלנים וואָס פלעגן פּריי־טיק אין באָד אַרומריידן די פּאָליטיק פון פּאָניען מיטן טערק. — נעם, האָט מען איר געזאָגט, נעם אַריין אַ הינטל אָדער אַ קאַץ אין שטוב, אַלע אַלטע דאַמען טוען אַזוי, און פאַרגעס אין דיינע „הויכע" פּראָבלעמען. מילא, — האָט זי זיך אָנגעברוגזט. געברוגזט און געברוגזט און זיך איבערגעבעטן. ווייל אין תוך זיינען זיי דאָך גערעכט. איבער וואָס ברעכט זי זיך דעם קאָפּ? זי איז דען בכּוח עפּעס ענדערן אויף דער וועלט? נאָר אַזאַ איז זי שוין פון תמיד אָן, אַ וועלט־פאַרזאָרגערין. אַזוי פלעגט זי אַ מאָל דער טאַטע רופן: מיין וועלט־פאַרזאָרגערין.

זינט לאהלע איז פאַרגאַנגען אין טראַגן, ציט זי אַלץ אָפּטער צו די קינדער. אַ גאָלדענע שנור ביי איר. אַ באַשיידענע, אַ קלוגע, נאָר... געווען אַ מאָל, אין אַ שטעטל אין דער ליטע, אַ בכּבודיקער ייִד אַ תּבֿואה־סוחר, אַ גבֿיר, אַ בן־תּורה און אַ בעל־צדקה. גערופן האָט מען אים שמואל־משה חאַניש — לאהלעס זיידע. זיינען געקומען די סאָוועטן און האָבן ניט נאָר קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן, נאָר גענומען אים און זיין ווייב, די באָבע ציביה און דעם זון זיינעם דעם פעטער חיים מיט דער מומע שׂרה און פאַרשיקט זיי אין די סיבירער וועלדער. דער זיידע מיט דער באָבען זיינען באַלד אומגע־קומען. דער פעטער חיים מיט דער מומע שׂרה זיינען קוים געבליבן לעבן. לאהלע וועט עס דער ראַטנמאַכט קיין מאָל ניט מוחל זיין! קיין מאָל ניט פאַרגעסן!..

לאהלעס מאַמע איז געשטאָרבן אין דרייַ און פערציקסטן יאָר, אין דער עוואַקואַציע, אין סאַראַטאָוו. דער קראַנקער פאָטער האָט קוים דערפירט דאָס געבליבענע עופעלע קיין נאָוואָסיבירסק צו דעם פעטער חיים. אין גיכן איז

דער פֿאָטער אויך געשטאָרבן. לאהלע געדענקט ניט אירע עלטערן. זי איז אויסגעוואַקסן ביי דעם פעטער.

לאהלע האָט געבוירן אַ יינגעלע, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן מאַריק. וואַקסט מאַריק אַ פאַרשטענדיק יינגעלע. אויגן האָט ער דער באָבעס; צו מאָל בלויע, צו מאָל גרינע. אַ כאַראַקטער וועט ער האָבן אַן אייגענעם. די „באַבושקאַ בעלאַ" וועט ער פאַרגעסן און ניט געדענקען די לידלעך מיט וועלכע זי פאַרוויגט אים. דאָס זיינען די זעלבע לידלעך וואָס זי האָט צוריק מיט יאָרן געזונגען זיין טאַטן. זי וויל זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי וועט ער אויסזען אַ גרויסער, קען זי ניט, זי וועט שוין דעמאָלט מעגלעך ניט זיין. און די וועלט וועט זיך ענדערן...

לאהלע שטעלט אַלע פרייטיק צו נאַכט צוויי אַלטע זילבערנע לייכטערס אויפן טיש און צינדט אין זיי אָן שבת־ליכט. קיין גלייביקע איז זי דאָך ניט? דערציילט לאהלע: צוויי פון אירע זעקס זילבערנע לייכטערס איז דער באָבע ציביה געלונגען מיטנעמען מיט זיך אין דער פאַרשיקונג. צי ווייל דער ענקאַוועדיסט האָט זיך פאַרקוקט, צי ווייל עס האָט אין אים נאָך געזשיפּעט אַ פונק מענטשלעכקייט. ווי שווער עס איז זיי ניט געווען, האָט די באָבע די לייכטערס ניט פאַרקויפט. די לייכטערס האָט לאהלע באַקומען פונעם פעטער חיים, נאָך דעם ווי די מומע שׂרה איז געשטאָרבן.

— נאַ, נעם זיי דיר, — האָט דער פעטער געזאָגט — דו ביסט אַצינד די עלטסטע און די לעצטע פרוי פון אונדזער שטאַם.

— פאַר וואָס עפּעס די לעצטע — האָט לאהלע פּראָטעסטירט, — כ'וועל נאָך, פעטער, האָבן אַ מיידעלע.

צינדט זי אָן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס צוויי שבת־ליכט. אַן אָנדענק נאָך דער מאַמע, נאָך די באָבעס און עלטער־באָבעס. זי איז ווייט פון רעליגיע. זי וויל מאַריק זאָל פון קינדוועיז אָן וויסן אַז ער איז אַ ייִד. אַ קינד פון דעם פאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט דעם געבאָט „זעקס טעג אין דער וואָך אַרבעט און דעם זיבעטן טאָג רו אָפּ"...

לאהלע האָט גענומען דעם אַלטן פעטער צו זיך. זיי האָבן אים אָפּגעטיילט אַ קליין צימערל, אַ טייל פון שימעלעס קאַבינעט. ווויגט דער פעטער חיים ביי די קינדער. ווי שטאַרק לאהלע איז ניט פאַרנומען, דעם פעטער חיים

באַזאָרגט זי מיט כּשר עסן. האָט די מחותּנתטע די מעגלעכקייט זיך נעענטער צו באַקענען מיט איר מחותּן. ער איז שוין אַריבער די זיבעציק. אַ מאָל איז ער געווען אַ רויטער. אויף דעם זאָגן עדות די נאָך ניט אין גאַנצן גרויע ברעמען, די ווייסע וו׳עס און די געדיכטע זומער־שפּרענקעלעך אויף זיינע גלאַט אויסגעראַזירטע באַקן. געווען, זעט אויס, אַ ייִד אַ גבֿר, נאָר אויגן האָט ער טרויעריקע און מילדע, און ריידן רעדט ער שטיל. זי, די מחותּנתטע, רופט ער טאָכטער. און אויב ער האַלט ניט אין מיטן דאַווענען, לאָזט ער זיך אַריין אין חקירות: „דעם מענטשן, — זאָגט ער, — אויף די עלטערע יאָרן, בלייבט נאָר דער גלויבן אין גאָט". לאַכט די מחותּנתטע: „גאָט, — זאָגט זי, — איז אפשר אַ גרויסער גאָט נאָר זי קען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי קען ער ליידן אַזוי פיל לויבגעזאַנגען, אַזוי פיל חניפה?! אין דער פרי און ביי טאָג און ביי נאַכט דאַוונט מען צו אים, און מען לעקט זיך אונטער און מען קליאַנטשעט... ווען איך בין גאָט, — זאָגט זי, — וואָלט איך ראשית אײַנגעפירט אויף דער וועלט אַ ביסל מער אָרדענונג און יושר. איך וואָלט פאַרמאַכט אַלע שולן און קלויסטערס און צעטריבן אַלע דאַוונערס. גענוג זינגען: ‚גאָטעניו, דו ביסט גרויס און שיין און מעכטיק און ווויל, און גערעכט! גיב מיר, איך בעט דיך, געזונט און פּרנסה און דעם שכן מײַנעם מעגסטו געבן אַ פּיג אַ גוטע!׳"

ווען זי, בעלאַ אַבראַמאָוונאַ, זאָל אַפילו זיין זיכער אַז „ער" איז דאָ און ער איז טאַקע אַן „אֵל קנא ונוקם" וואָלט זי אים אויך ניט געלויבט און ניט געבויגן זיך פאַר אים. זי וועט זיך ניט דערנידעריקן אַפילו פאַר גאָט אַליין! און זאָל ער זי שטראָפן אויב ער איז דאָ און קען!

— פאַרשטייסטו, טאָכטערל, — ענטפערט איר דער פעטער חיים שטיל, גלייך ווי ער וואָלט רעדן מיט זיך אַליין, — וועגן דעם אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט האָב איך שוין ניט איין מאָל געהערט און געלייענט. מען האָט מיר שוין פאַרגאַגערט די אויערן דערמיט! וואָס האָבן די ווערט נאָר דיין זונדעלעס, דעם פּראָפעסאָרס לעקציעס! ס׳איז פּשוט ניט מעגלעך צו געווינען זיך מיטן געדאַנק אַז אַלץ איז גאָרנישט מיט נישט. אַ שאָד! דער טאַטע מײַנער האָט געקענט גוט לערנען. ער האָט געוווסט און געקענט ענטפערן אַן אַפּיקורס. איך האָב לערנען ניט געוואָלט. מיר איז דער קאָפּ

געלעגן צום האַנדלען. אין די דריבנע אותיותלעך בין איך שוואַך. פּשוט, אויף דער עלטער ציט מיך צוריק צום אַמאָל, צו די קינדער־יאָרן. דער גאָט פון מיינע קינדער־יאָרן לעבט אין מיר. עס ווילט זיך מיר גלייבן און עס גלייבט זיך, און זאָגנדיק די תּפילות וואָס אַפילו ניט אַלע ווערטער אין זיי פאַרשטיי איך קלאָר, פיל איך מיך ווי ריין געוואַשן, פרישער און רויִקער און איך גלייב אַז עס איז דאָ אַ בורא־עולם, וואָס פירט די וועלט לויט זיינע געזעצן וואָס אַ סך פון זיי קענען מיר ניט באַנעמען. דאָס קען מען פילן נאָר מיטן האַרץ, און אַפילו אויב ער איז חס־וחלילה אַן אויסגעטראַכטער, איז מיר גוט מיט אים און איך פיל זיך דורך אים פאַרבונדן מיט מיינע עלטערן און אורעלטערן, מיט דעם גאַנצן אוראַלטן פאָלק אונדזערן.

אָט אַזאַ איז ער דער אַלטער פעטער חיים, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַזאַ שווערן לעבן און ניט אַנגערירט קיין פרעמדס און ניט אָפּגענאַרט די מלוכה אַפילו אויף אַ כּזית. נאָכן דאַוונען לייענט ער די איזוועסטיע, און אויסער תּהילים און פּרקי־אָבות קוקט ער אַריין אַפילו אין דער היסטאָריע פון דער פּאַרטיי.

שימעלען האָט מען באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען. די לעצטע טעג הוסט זי צו ביסלעך. זי פילט זיך ניט פויגלדיק. נאָר ווי לאָזט מען דורך אַזאַ יום־טוב און מען פאָרט ניט צו די קינדער?

דעם לענין־אָרדען האָט מען געפּייערט איין מאָל אין אינסטיטוט און דאָס צווייטע מאָל אין דער היים, אין אַן ענגן קרייז פון חברים און מיטאַר־בעטערס. שימעלע בראָווירט מיט דעם נייעם אָרדען אויף זיין שוואַרצן אָונט־אַנצוג. זי שפּיגלט זיך אין זיין הויכער מענערישער פיגור. דער שוואַר־צער אַנצוג פּאַסט אים אַזוי.

— שימעלע, — זאָגט זי אים, — דעם אָרדען, אויב מען האָט דיר אים געגעבן, האָסטו אים מן־הסתם פאַרדינט. זאָג מיר בעסער, ווען וועט מען אַ מאָל אַ וויִז טון אויף מיר אין מעטראָ: „זעסט, — וועט מען זאָגן, — אָט די אַלטיטשקע, די גרויע, איינגעבויגענע, האָט זי אַ זון איז ער אַ מיטגליד אין דער אַקאַדעמיע!..

— ס'איז נאָך, מאַמעניו, וויט, זייער וויט! — האָט ער איר געענטפערט — מיר זיינען די שוואַרץ־אַרבעטער, די פּיאָנערן. מיר זאַמלען די שטיינער,

מיר קענען דעם ליים פאַר אַ גרויסן געבײַ. מיר ווילן אײַנבייסן אַ זייער האַרטן עפּל און ער לאָזט זיך ניט. ווער ווייסט? אפשר מאָרגן, איבער מאָרגן, אָדער גאָר אין צען יאָר אַרום, וועט קומען אַ יונגער בחור, מיט אַ לויטערן קאָפּ און מיט ווייטזיכטיקע אויגן... איר ווילט, — וועט ער פרעגן, — אַ רעגולירבאַרן סינטעז פונעם אַטאָם? איר דאַרפט וואָלוועלע ענערגיע? — קוקט, ווי פשוט דאָס קעסטעלע עפנט זיך!.. אויף אים, אויף יענעם בחור וואַרט די אַקאַדעמיע.

— באַשיידנקייט באַשײַנט דעם מענטשן.

די געסט באַציִען זיך אַפילו מיט גרויסן אָפּשיי צו דעם בעל־שׂימחהס אַלטער מוטער, נאָר באַלד פאַרגעסן זיי אין איר. עס איז אַוועק צווישן זיי אַ שפּאָרעניש. זיי האָבן שטאַרק אָנגערייכערט. ס׳איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. די ווייבער רעדן וועגן עפּעס אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג וואָס ניט זי האָט געזען, ניט עס אינטערעסירט זי. מאַריק שלאָפט שוין פון לאַנג, האָט זי באַשלאָסן אַריינגיין צום פעטער חיים. די לעצטע צייט פילט ער זיך ניט גוט און איז צו דעם יום־טובדיקן טיש אַפילו ניט אַרויסגעגאַנגען.

האָט זי אָנגעקלאַפּט, נאָר קיינער האָט איר ניט געענטפערט. זי האָט אַ פּרווו געטון די טיר. דאָס ליכט האָט געברענט. דער פעטער חיים איז געלעגן אויפן דיל. ער איז געווען טויט. זעט אויס, ער האָט געוואָלט אויפשטיין און אפשר האָט ער גערופן, געשריגן, נאָר קיינער האָט ניט געהערט.

לאהלע האָט זיך דערשראָקן אַ פּנים פון איר אויסזען. אויף דער טיר איז זי געפאַלן אין חלשות. מען האָט זי קוים אָפּגעמינטערט.

דעם טויטן האָבן די מענער אַריינגעטראָגן און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. מען האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך. קיין שוואַרצס האָט מען ניט געפונען. מען האָט אים צוקאָפּנס אַוועקגעשטעלט די זילבערנע לייכטערס מיט אָנגעצונדענע ליכט.

די געסט האָבן זיך אייניצקווייז, שווייגנדיק אַרויסגערוקט. די צימערן האָט מען אויסגעלופטערט און ס׳איז געוואָרן פוסט און קאַלט און שטיל.

אויף מאָרגן האָט אַ קאַלטער, אַן אײַנגעגעסענער, פאַר דער צייט געקומענער רעגן, געשווענקט די שויבן, גערונען פון דער קבורה־מאַשין, גערונען פון די שירעמס... די געציילטע מענטשן וואָס זיינען מיטגעפאָרן מיט דער

לוויה זיינען אָפּגעשטאַנען זייערס און זיינען אַהיים געפאָרן. צוויי עלטערע באַגראָבערס האָבן אַרומגעגלייכט דאָס נאַסע בערגל ערד, אַוועקגעלייגט די עטלעכע בלומענקרענץ און שוין! און אויס! ניטאָ מער קיין פעטער חיים!..

אויף מאָרגן איז זי אַהיים געפאָרן. זי איז שוין געווען גוט צוגעקילט. אויפן וועג איז איר געוואָרן נאָך ערגער. זי האָט געפילט אַז זי האָט הויכע טעמפּעראַטור. ס׳האָט זי געדושעט, אָפילו ניט קיין הוסט, נאָר אַ באַשטענ־דיקער שווערער כריפּ. אָטעמען האָט זי געקענט נאָר מיט אַן אָפענעם מויל.

דער זעלבער קאַלטער רעגן האָט זי באַגעגנט אויפן וואָקזאַל. אַ פוילער ווינט האָט געכוואַליעט די פלאַכע וואַסערן אויף די האַלב־פוסטע גאַסן. ס׳האָט געטראָגן מיט פאַרלעגערטן שימל. דער האַלב־ליידיקער טראַמוויי קריכט. אין די אויערן זשומעט. די באַקן ברענען פון היץ און אין גאַנצן נעמט זי דורך אַ גיפטיקע קעלט. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. אין איר פאָסטקעסטל האָט זי געפונען אַ מאַסיוון בריוו מיט אַ סך אויסלענדישע מאַרקעס. ס׳איז איר שווער געווען אַרויסנעמען די ברילן פונעם טאַש, האָט זי ניט געקענט איבערלייענען פון וואַנען דער בריוו איז. זי האָט אים אַרייג־געלייגט אין קעשענע. מיט די לעצטע כוחות האָט זי אויפגעשלאָסן די טיר. קוים זיך דערשלעפּט צו דעם וויגשטול און אַזוי ווי זי איז געווען אין מאַנטל און אין די באָטן האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. ס׳האָבן זי געוויגט הויכע כוואַליעס. ס׳האָט זיך איר געדאַכט אַז זי שווימט אין אַ גרויסן וואַסער. דאָס וואַסער איז געדיכט און הייס...

ווען ניט די טיר וואָס זי האָט געלאָזט אין גאַנצן צעפּראַלט, וואָלט זי געווען אַזוי אָפּגעזעסן ווער ווייסט וויפל צייט. שכנים האָבן באַמערקט די אָפענע טיר און האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן אויפגעהויבן אַן אַלאַרעם. זיינען געקומען צו לויפן די חברטעס פונעם פינפטן שטאָק און זיי האָבן זי אויסגעטון און אַריינגעלייגט אין בעט. דעם בריוו וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון איר קעשענע האָט געפונען סימאַ מאַרקאָווגאַ. זי האָט אויך ניט געהאַט צו דער האַנט קיין ברילן, און דער קאָפּ איז איר ניט געווען דערבײַ, האָט זי דעם בריוו אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט־טישל. דער אַרויסגערופענער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט אַ לונגען־אָנצינדונג. האָבן די חברטעס אָנגעקלונגען און און אַרויסגערופן דעם זון.

עס האָט זי געפּייניקט אַן אָפּטער טרוקענער הוסט. דער כריפּ איז ווי אַ שווערע מאַסע געלעגן אויפן האַרצן און ניט געלאָזט אָטעמען. זי האָט זיך אָפּט פאַרגעסן און גערעדט פון היץ.

געקומען זיינען זיי בײדע: דער זון מיט דער שנור. זי האָט זיי דערקענט. זי האָט פאַרשטאַנען — אויב בײדע קינדער זיינען געקומען, מוז זי אַוודאי זיין ערנסט קראַנק. זי האָט זיי געוואָלט באַרויקן, נאָר ניט געוווּסט ווי אַזוי. ביסלעכווייז האָט זיך איר אומגעקערט דער זכרון. זי האָט דערזען דעם האַלב־ליידיקן טראַמוויי, די נאַסע, ווינטיקע גאַס. זי האָט זיך פאַרהוסט און מיט אַ מאָל דערמאָנט זיך אין בריוו.

דעם בריוו האָט לאהלע געפונען אויפן נאַכט־טישל. דער בריוו איז געווען פון ארץ־ישׂראל. מען האָט אים געדרייט און באַטראַכט פון אַלע זייטן. ער האָט לאַנג געבלאָנדזשעט ביז ער האָט געפונען דעם אַדרעסאַט. מען האָט אים אויפגעעפנט זייער געהיט.

זי האָט געפּרוּווט אַליין לייענען. נאָר מער ווי די ערשטע עטלעכע שורות האָט זי ניט איבערגעלייענט. פון אויפרעגונג האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

— עטעלע! יאָסלס שוועסטער! עטעלע, איר איינציקע שוועגערין, לעבט!

זי האָט ווידער געאָטעמט שווער און מיט אַ כריפּ. די טעמפּעראַטור האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, נאָר געווען איז זי ביים פולן באַוווּסטזיין.

ווייטער האָבן דעם בריוו געלייענט שימעלע מיט לאהלען. עטעלע האָט באַשריבן ווי אַזוי זי האָט פאַרשפּעטיקט צו דער עוואַקואַציע. ווי אַזוי דעם אַנדערן אינדערפרי, ווי נאָר עס זיינען אַריין די רומענער, איז מען געקומען זוכן יאָסלען. דעם טאַטן האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט. דער מאַמען האָבן זיי צעשפּאָלטן דעם קאָפּ און זי איז געקומען צו זיך ערשט ביי נחמן ברונשטיין אין שטיבל. מיט נחמנען און מיט זיין מוטער האָט זי דורכגעמאַכט דעם וועג קיין טראַנסניסטריע. פון דאָרט איז זי מיט אים אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנערס.

„ווי נאָר מיר האָבן זיך אומגעקערט פונעם וואַלד, האָבן מיר זיך צעשריבן אין ‚זאַגס׳. נחמן איז אַוועק אויפן פראָנט. איך בין געווען פאַרגאַנגען אין טראָגן, בין איך געבליבן אַרבעטן אין לוואָוו. נחמן איז אומגעקומען סוף

1944. דעם מיידעלע וואָס איך האָב געבוירן האָב איך אַ נאָמען געגעבן נחמה, נאָך איר טאַטן.

צוויי מאָל בין איך געווען אין דער היים. געשטאַנען איבער דעם מיט בוריאַנעס פאַרוואַקסענעם שותּפותדיקן קבר. פון די אַמאָליקע חברים האָב איך כּמעט קיינעם ניט געטראָפן. פון סאָוועלי סאָקאָלאָוו, — ער האָט זיך אומגעקערט אָן אַ פוס און האָט מער געשיכּורט ווי געאַרבעט, — האָב איך זיך דערוווּסט אַז דו לעבסט ערגעץ אין קאַזאַכסטאַן און דו זוכסט יאַסלען. דעם אַדרעס דיינעם האָט ער פאַרלוירן.

איך האָב געשריבן, געזוכט, נאָר אומזיסט.

מען האָט געמוזט לעבן. מען האָט געמוזט טראַכטן פון אַ מאָרגן. צוויי יאָר האָט ביי מיר גענומען דאָס פאַרענדיקן אַן אָונטשול. מיט דעם אַטעסטאַט האָב איך מיך דורכגעריסן אויפן מעדיציניש׳ן פאַקולטעט. איך דאַרף דיר ניט דערציילן ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען. נאָר איך בין געווען אַ געוועזענע פּאַרטיזאַנקע, אַן אַלמנה פון אַ געפאַלענעם סאָלדאַט, אַ קראַנקן־שוועסטער. חוץ דעם איז מיר בייגעשטאַנען דער זכות פון אונדזער הויפּט־כּירורג. נאָר דאָס זיינען געווען ניט מער ווי בלימעלעך. די שווערע יאָרן זיינען נאָך געווען פאַרויס. נחמהלה איז געוואַקסן כּמעט ווי אָן אַ מאַמען. אַרבעטן האָט מען געמוזט מערסטנס ביי נאַכט, ווייל לערנען האָט מען געמוזט ביי טאָג. זעקס שווערע ביטערע יאָרן האָב איך אָפּגעריסן פון אונדזער לעבן און בין געוואָרן אַ כּירורג. די פּראַקטיק האָב איך דורכגעמאַכט טאַקע ביי אונדז אין שפּיטאָל. עס גייט מיר דורך בשלום די ערשטע, די צווייטע, די דריטע אָפּעראַציע. איך ווייס ניט, בײלעניו, צי דו שטעלסט דיר פאָר וואָס עס הייסט אָפּערירן אַ קינד! דאָס קען מאַכן נאָר אַ מענטש מיט אַ שטיינערנעם האַרץ, אָדער אַזאַ איינער וואָס האָט שטאַרק, שטאַרק ליב קינדער. די ערשטע צייט איז פּשוט שרעקלעך נאָר שפּעטער איז אויך ניט גרינגער. שלאָפסט ניט גאַנצע נעכט. ווו נעמט מען דעם כּוח אַ קוק טון אין די אויגן דער וואַרטנ־דיקער מאַמען ?!..

מעג איך מיך טאַקע האַלטן גרויס. איך, משה־לייב דעם טאַנדעטניקס טאָכטער, בין אַ קינדער־כּירורג און אַ גוטער כּירורג. אַפילו אַ באַרימטער כּירורג!

דאָס לעבן איז געוואָרן גרינגער און דאָ האָט זיך געפונען אַן „ער״. ס׳האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו מיר אַ פּוילישער ייד, אַ פאַרמעגלעכער ציינדאָקטער. אַן אַלמן, אָן קינדער מיט אַ יאָר צען עלטער פון מיר. — ווו איז ער געווען פריִער, אין די שווערע יאָרן?... ער האָט זיך אין מיר פאַרליבט. גענומען מיך ווי איך שטיי און גיי, מיטן קינד. בקיצור: מיר האָבן חתונה געהאַט. ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון ישׂראל. ווי נאָר עס איז מעגלעך געוואָרן זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין ישׂראל.

היינט אַרבעט איך אין אַ גרויסן שפּיטאָל. איך האָב אַן אייגענע מאַשין און אַ רייכע ווילע, ציין־דאָקטוירים שפּינען דאָ גאָלד. קיין הייסע ליבע האָט זיך ביי אונדז ניט באַקומען. נאָר געלעבט האָבן מיר חבריש. גוט. מיר האָבן מיט אים באַזוכט די פאַראייניקטע־שטאַטן. אויסגעפאָרן אַלע מערב־אייראָ־פּעיִשע לענדער. אָבער אַז עס איז ניט באַשערט, איז ער פאַר אַ יאָרן אומ־געקומען אין אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, און איך בין ווידער געבליבן אַן אַלמנה.

נחמהלע האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. זי וווינט און אַרבעט מיטן מאַן אין אַ קיבוץ. זיי האָבן שוין צוויי מיידעלעך, מיינע גאָלדענע אייניקלעך. זי איז ביי אונדז אַן איבערצייגטע אידעאַליסטקע. זי גייט מיט איר באַזונדערן וועג. זי האָט אַפילו אָפּגעזוכט דאָ אין לאַנד געוועזענע חלוצים וואָס האָבן דורכגעמאַכט די הכשרה אין איינעם מיט איר טאַטן. מיר אַלע לעבן דאָ אַ פאַרשיידנאַרטיק און אינטערעסאַנט לעבן. מיר זיינען פריי און מיר טראָגן מיט שטאָלץ דעם נאָמען ייד.

דו ווילסט וויסן ווי אַזוי איך האָב געקראָגן דיין אַדרעס? טאָ הער! צוריק מיט עטלעכע טעג האָט זיך צו מיר געיאָוועט דיין געוועזענער קאַוואַליר, סאַשע סלוצקי. ער האָט מיר דערציילט דאָס ווייניקע וואָס ער ווייסט פון יאָסלס אומקום און פון דיין לעבן. ביי אים האָב איך גענומען דיין דעמאָל־טיקן אַדרעס. עס זיינען דורכגעגאַנגען אַזוי פיל יאָרן זינט ער איז ביי דיר געווען, און נאָר אַ נס קען העלפן מיין בריוו זאָל דיך אָפּזוכן. דאָך האָף איך און וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין ענטפער. איך האָב דיר אַזוי פיל צו דערציילן און וויל פון איך אַלץ וויסן.

אויב איך קען איך מיט וואָס עס איז בייהילפיק זיין, שרייבט. איך וויל איך זייער זען. איך בין גרייט יעדן טאָג אַרויסשיקן אייך אַן אַרויסרוף.

איך גלייב אַז שימעלע האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט און דו ביסט שוין אַ באָבע. שרייבט וואָס גיכער! — דיין, אייערע עטעלע אַבני (דאָס האָט נחמהלע געביטן אונדזער גלות־פאַמיליע נאָמען פון ברונשטיין אויף אַבני)".

דער בריוו איז געענדיקט. מען שווייגט. זי הערט נאָר איר אייגענעם פאַרשווערטן אָטעם. עס האָט אויף איר אַ וויע געטון מיט אַנדערע, ווייטע האָריזאָנטן... מיט ליכטיקע טעג... און ווידער, מיט נייער קראַפט האָבן אויפגעוואַכט די אַמאָליקע ספקות: — ווו איז זייער היים ?.. ווו איז זייער פלאַץ ?..

— איך טראַכט, — האָט זי מיט שווערקייט אַרויסגעזאָגט, — איך טראַכט פון מאַריקן. צי וועט מען מיט דער צייט אים ניט אָנרופן „זשי־דאָווסקאַיאַ מאָרדאַ", ווי זיין טאַטן ?..

— מאַמעלע! — זי הערט שימעלעס קול ווי דורך אַ וואַטע, עס קומט צו איר פון ערגעץ זייער ווייט. — מאַמעלע! — זאָגט ער, — נאַציאָנאַליזם צעטיילט און פאַרפרעמדט פעלקער און מענטשן! — מאַמעלע! — בעט זיך זיין קול. — מיין אַרבעט איז דאָ, און מיין פלאַץ איז דאָ. אָן דער אַרבעט האָט מיין לעבן קיין זין ניט.

— נו, יאָ, אַוודאי ווייסט זי: ביי דעם מינדסטן פּרווו אַרויסצופאָרן וועט ער פאַרלירן די אַרבעט. און אַרויסלאָזן וועט מען זיי סיי ווי סיי ניט. אַזאַ איז שוין איר גורל. אַ רעכטלאָזע צווישן רעכטלאָזע. נאָר רעכטלאָזער פון אַנדערע ווייל זיי זיינען יידן. — ווי ניט צו דער צייט איז איר געקומען אָט די שלאָפקייט!

זי געדענקט עטעלען. אַ לאַנגפיסיק זיבעצן־יאָריק שניידער־מיידל וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ דאָקטער. באַשלאָסן און טראָץ אַלע אומגליקן, פאַרווירקלעכט איר חלום... ווען ניט דער פאַרשאָלטענער הוסט! זי איז אין גאַנצן אין פלאַמען און דאָך איז איר קאַלט. הענט און פיס זיינען ווי קלעצער. שווער צו רירן. אַ בושה, ווי הילפלאָז זי איז געוואָרן. מען האַלט זי האַלב זיצנדיק, מען גיט איר צו אָטעמען זויערשטאָף און אַזוי, אין טומאַן, גייט איבער אַ נאַכט און אַ טאָג. שימעלע האָט איינגעלאַדן אַ קאָנסיליום פון פּראָפעסאָרן. זיי דאַרפן באַלד קומען. נאָר זי ווייסט עס ניט.

—— זי שפּאַנט איבער אַ שנייפעלד און פירט שימעלען ביי דער האַנט.

דער ווינט וואַרפט זיי פון די פיס. האַרטע שנייגרייפּעלעך בריִען די באַקן, נאָר איר איז הייס... — נאָר ניט פאַלן!.. נאָר ניט אַרויסלאָזן דעם קינדס הענטעלע! ניט פאַרלירן אים אין דער פינצטערניש!.. און נאָך אַ מאָל זעט זי דעם נאַסן בית־הקברות. געצײלטע באַגלייטערס טראָגן דעם פעטער חיים. דער קאַסטן וואַקלט זיך רעכטס און לינקס... און דער רעגן רינט און רינט... ניטאָ מער קיין פעטער חיים! קיינער וועט שוין מער ניט קוקן אויף איר איבער די ברילן, ניט שמייכלען מיט אַ קינדערישן שמייכל, און ניט זאָגן: טאָכטער מיינע! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל!..

— — רומענישע זשאַנדאַרמען האָבן זי פאַרהאַלטן. מען באַזוכט זי. נאָר די פלוגבלעטלעך האָט זי שוין לאַנג אויסגעקלעפּט. דרייט זי זיך און רייסט זיך פון די זשאַנדאַרמישע לאַפּעס... דאָס באַטראַכטן זי די געקומענע פּראָפעסאָרן. ווייניק געווען די שווערע לונגען־אָנצינדונג, אַרבעט שוין אויך דאָס האַרץ מיט שווערע איבערשלאָגן. ניט די אייגענע, ניט די אויסלענדישע אַנטיביאָטיקן העלפן ניט. קיין באַזונדערע האָפענונגען גיבן די פּראָפעסאָרן ניט. די צייט רינט אויס. פון מידקייט זיינען די קינדער ווי אײַנגעשלאָפן. אין דעם אײַנגעשטילטן ביינאַכטיקן צימער הערט זיך נאָר איר שווערער אָטעם.

מיט אַ מאָל מאַכט זי אויף די אויגן. זי איז ווידער ביים פולן באַוווסטזיין. דאָס נאַכטלעמפּל רײַסט אַרויס פון דער פינצטערניש די גרינגע, אויסגע־בלייכטע פּנימער פון די שלאָפנדיקע קינדער. אַ באַזונדערע, אַ מאָדנע, נאָך קיין מאָל ניט איבערגעלעבטע שוואַכקייט צעגיסט זיך אין אַלע אירע גלידער. עס איז איר אַפילו גרינגער צו אָטעמען, נאָר זי פילט אַז דאָס איז דער סוף. און ס'איז איר אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. זי דערמאָנט זיך אין מאַריקן און זעט אים ווי ער שלאָפט אין זיין בעטעלע, אויפגעדעקט, מיט ברייט צעוואָרפענע הענטעלעך און פיסעלעך. די געדאַנקען אירע פליסן וואָס אַ מאָל פּאַמעלעכער, אַזוי ווי זי וואָלט יעדן פון זיי מיט מי אויסגעגראָבן פון ערגעץ, פון איר אײַנעווייניקסטן זיין — — עס גייען איר אויס די כוחות — — אַזוי, הייסט עס, שטאַרבט מען. ס'איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך... זי וויל זיך געזע־גענען מיט די קינדער. זי וויל זיי טרייסטן... זי רופט זיי, נאָר זיי הערן ניט. זי רעדט צו זיי, נאָר דאָס באַוועגן זיך קוים אירע פאַרטריקנטע ליפּן. זי וויל

קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין. עס דאַכט זיך איר אַז זי גלייכט זיך אויס. און ווידער פאַרלירט זי דעם באַוווסטזיין —— זי לויפט מיט אַ טרוקענעם, פוסטן פעלד. פאָרויס לויפן דער טאַטע, די מאַמע און די דינסט מאַריע. זי שרייט און רופט זיי, נאָר זיי קוקן זיך ניט אום... אָט וועלן זיי פאַרשווינדן. זי וויל זיי אָניאָגן נאָר עס גייען איר אויס די כּוחות ——

און מיט אַ מאָל דערזעט זי יאָסלען. יאָסלס גרויסע, ברוינע אויגן, וואָס זיינען שוואַרצער פון שוואַרץ און פול מיט טרערן... ער זאָגט איר ניט גאָרניט. נאָר זי ווייסט, זי געדענקט: יאָסל איז אויך געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינ־דונג. ביידע שטאַרבן זיי פון לונגען־אָנצינדונג. און די אויגן זיינע קומען וואָס אַ מאָל נענטער —— זיי פילן אָן מיט זיך די גאַנצע וועלט און עס שיינען אין זיי לויטערע שמייכלענדיקע טרערן ——

שפּעט ביי נאַכט, ווען שימעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די מאַמע שוין געווען טויט. אויף איר רויקן פּנים האָט געשוועבט, און אפשר האָט זיך אים געדאַכט, אַן אָפּשיין פון אַ שמייכל.

אָפּפּאַל

גריגאָרע מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ איז געפערלעך קראַנק.

— אויב איר ווילט לעבן, — האָט אים דער דאָקטער געזאָגט, — דאַרפט איר ליגן. וואָס ווייניקער רירן זיך, גאָרניט טראַכטן.

ווי אַזוי קען אַ מענטש ליגן און ליגן, און גאָרניט טראַכטן? ווי אַזוי קען ער, הערשל שאַפּיראָ, ליגן און גאָרניט טראַכטן?!..

אַ לענג פון אַ טאָג! ניט קיין טאָג, נאָר אַן אומגליק! אַפילו לאַנג דרימלען קען ער ניט, באַלד כאַפּט ער זיך אויף. און ווידער פילט ער אַז ער ליגט! אוי ליגט ער!...

נעכטן איז עס געשען: פאַר נאַכט, ניט ווייט פון דער היים, האָט אים אָנגעיאָגט איינע פון גנאַטיוקס קורנאָסע שיקסעלעך. צווי קליינע אייגעלעך — בלויע קנעפּעלעך וואָס שווימען אין טרערן.

— דיאַדיע, — האָט זי געזאָגט, — דיאַדיע גריגאָרע! דעם טאַטן האָט נאָר וואָס פאַרנומען די מיליציע.

איז ער שטיין געבליבן. ס'האָט אים אויסגעפּעלט לופט. דאָס האַרץ, נאָר וואָס האָט עס אויפגעהערט קלאַפּן. איצט זעצט עס ווידער מיט ווילדן אימפּעט.

אויף איין מינוט פאַרמאַכט ער די אויגן. און ווען ער מאַכט זיי אויף, זעט ער: די וועלט שטייט אויפן אָרט. דאָס פּוסטע געסל פירט, ווי אַלע טאָג, גלייך אַהיים. די זון זעצט זיך, דער גאָרטן גרינט, ווי אַלע טאָג...

— ניט ווייט פונעם צעך, — דערציילט די קליינע, — האָט מען אים פאַרהאַלטן, צוויי מיליציאָנערן און איינער אַזוי, אַ פּשוטער. זיי האָבן ביי אים צוגענומען דאָס פּעקל... די מאַמע האָט זי געשיקט אַהיים רופן דעם טאַטן, ער זאָל ניט פאַרגיין ערגעץ... האָט דער טאַטע איר געגעבן פופציק קאָפּיקעס זי זאָל זיך קויפן מאַראָזשענע, און ווען זי האָט אָנגעיאָגט דעם טאַטן, האָבן זיי אים שוין געפירט. „לויף! — האָט ער איר געזאָגט, — זאָג דער מאַמען, זאָג דעם דיאַדיען, אַז מען האָט מיך פאַרהאַלטן". איינער פון די

מיליציאָנערן האָט זי געוואָלט אָנכאַפּן ביי דער האַנט. נאָר באַלד וועט זי זיך לאָזן כאַפּן... דער מאַמען האָט זי שוין געזאָגט. נאָר וואָס קען די מאַמע? זי קען נאָר וויינען! — אין פּעקל? אין פּעקל זיינען געווען פינף דעקן. זי האָט אַליין געזען ווען דער טאַטע האָט זיי איינגעפּאַקט.

דער בהמהניק, גנאַטיוק! וויפל מאָל האָט מען אים געוואָרנט ער זאָל ניט אַרויסטראָגן פונעם צעך קיין איינציקן פאָדעם!

„הערשל, — האָט ער אַ טראַכט געטון, — וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? הערשל! מען דאַרף עפּעס טון!"

— זאָל אַליעטשקע וואָס גיכער לויפן אַהיים. מען דאַרף די מאַמע זאָל „ריין מאַכן" אין שטוב. און זאָל זי אין אַ פּאָר שעה אַרום צוקומען אַהער אין גאָרטן. ער וועט אויף איר וואַרטן. און ווען די מאַמע וועט גיין זאָל זי גוט אַכטונג געבן, סע זאָל זיך איר קיינער ניט נאָכשלעפּן. און נאָך זאָל אַליעטשקע געדענקען: זי קען ניט קיין שום „דיאַדיע". זי איז אין ערגעץ ניט געווען. מיט קיינעם ניט גערעדט. זי ווייסט ניט פון גאָרניט! זי וויל דאָך דער טאַטע זאָל וואָס גיכער זיין אין דער היים!

צוליב וואָס דאַרף מען ריין מאַכן אין שטוב? צי, אַ שטייגער, ווער קען זיך נאָכשלעפּן דער מאַמען, דאָס פאַרשטייט אַליעטשקע ניט. נאָר אַ זכרון האָט זי אַ גוטן. די אויגן האָט זי שוין אויסגעווישט, אויב לויפן — איז לויפן.

צו אַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז ער צוגעפאָרן אין אַ טאַקסי. אַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז אַ „גאָלדענע נשמה". זי איז אַ פאַרגעשריטענער מענטש. חוץ דעם וואָס זי איז אַ הויפּט־אַרנטלעכער בוכהאַלטער, איז זי נאָך אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין און אַן אויסגעצייכנטער אַגיטאַטאָר.

וויפל אויף אירע פּעטלעכע פּלייצעס, מיט אַ טיפן יצר־הרע־אויסשניט, וויפל אויף אָט די פּלייצעס ליגן געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, איז פּשוט ניט צום אויסרעכענען! היינט איר זאָלט זי הערן ווי זי טרעט אַרויס אויף אַ פאַרזאַמלונג, ווי אַזוי זי קריטיקירט דאָרטן אָן שום פּחד, און ריין פּרינצי־פּיעל!.. דאָס פּנים אירס פלאַמט, די אויגן שפּריצן פונקען!.. אירע גרויסע, אונטערגעפאַרבטע, שוואַרצע אויגן, וואָס תמיד זיינען זיי פול מיט האַרציקער ליבע צום מענטשן, צו אונדזער נייעם סאָוועטישן מענטשן מיט זיין נייער קרישטאָל־ריינער מאָראַל!..

בעת דער רעדע, פאַרגעסט זי אַ פּנים, אַז יעדן ערשטן טאָג פונעם חודש, ווען גריגאָרע מאַרקאָוויטש ברענגט איר זיין חודשלעכן באַריכט, בלייבט איר טישקעסטל האַלב־אָפן, ביז וואַנען ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש, פאַרלירט אַהין אינגווייניק אַ קליין גוט פאַרבונדן פּעקעלע „לא יחרץ־געלט".

דאָס מאָל איז אַנאַ ניקאַלאַיעווגאַ ניט אויף קיין פאַרזאַמלונג. זי פאַר־שטייט אַלץ פון דעם ערשטן וואָרט.

— מען דאַרף נאָך היינט, באַלד, שוין זאָל לויט אַלע דאָקומענטן און ביכער, לויט די נאַריאַדן און נאַקלאַדניעס, זאָל פעלן פינף שטיק דעקן פון דעם לעצטן מוסטער.

— גריגאָרע מאַרקאָוויטש מעג רויִק פאָרן אַהיים. זי לאָזט איבער אַלע אַרבעטן. אין אַ שעה אַרום וועט אַלץ זיין דורכגעקאָנטראָלירט. זי איז דאָך אַ מלוכה־אָנגעשטעלטע און עס איז איר חוב אָפּצוהיטן דאָס מלוכישע פאַר־מעגן.

— פינף, זאָגט ער, — פעלן דעקן. ווי נאָר זי וועט זיך איבערצייגן, אַז עס פעלן באמת פינף דעקן, וועט זי אים אָנקלינגען.

צו דעם שותף זיינעם איז ער געגאַנגען צו פוס. דער שותף האָט ניט ליב אַז מען פאָרט צו אים צו מיט אַ מאַשין. הלמאי זאָלן ביי די שכנים אַרויסקריכן די אויגן! ווי אַזוי ער האָט זיך ניט געשפּילט נאָר אין גאָרטן האָט ער פאַר־שפּעטיקט.

גנאַטיוקס ווייב — אַ שאָטן פון אַ מענטשן. אויגן פון אַ ניט־דערקוילעטער בהמה: אי זיי גייען אויס פון ווייטיק, אי זיי ברענען פון אומבאַהאָלפענער שינאה. די דינע אָנבלוטיקע ליפּן שרייען שווייגנדיק:

— חזיר! — שרייען זיי — גנבענען גנבעט איר אַלע אין איינעם. דעם שיכּורניק מיינעם שאַרט איר צו ברעקלעך און אַליין קענט איר שוין אין דער הויט ניט אַריין פון פעטקייט! — זאָגט! וואָס זאָל איך איצט טון מיט מיינע דריַ פּיצלעך עופעלעך?!..

— זאָל זי זיך באַרויִקן, קאַטיאַ. מען האָט שוין געמאַכט דעם אָביסק און מען האָט גאָרניט געפונען, איז דאָך גוט. די גאַנצע מעשה איז אַ פּוסטע מעשה. גנאַטיוק איז ניט קיין נאַר. אויב ער וועט זיך האַלטן ווי אַ „מענטש", וועט ער אין אַ חודש אַרום זיין אין דער היים. מען וועט אים אַרויסדרייען. אַזוי אָדער

אַנדערש; מען וועט אים ניט לאָזן פאַלן. און זי מיט די קינדער וועט מען אויך ניט פאַרגעסן.

דאַכט זיך אַלץ וואָס ער האָט געקענט טון האָט ער שוין אָפּגעטון. אויס־האַלטן די קאַפּעליע גנאַטיוקס וועט אָפּקאָסטן אַ שיינע פּויטיקע.

גנאַטיוק איז אַריינגעפאַלן צופעליק. ער וועט האַלטן „צונג". פון וואַנען זשע קומט צו אים אַט דער אינעווייניקסטער אומרו? ער האָט דאָך אויף זיין לעבן דורכגעפירט אַ שיין ביסל שווערערע און געפערלעכערע געשעפטן. פאַר וואָס זשע איז אים אַזוי ניט רויק אויפן האַרצן? מען דאַרף גיין אַהיים. וואָס זשע וועט ער טון אין דער פוסטער הים? דאָס יונגע ווייבל זיינס איז, ווי אַלע סוף זומער, אין יאַלטע. נאָר אַהיימגיין מוז מען. עס קען זיין, אין דער מינוט קלינגט אַנאַ ניקאַלאַיעוונע און קען זיך ניט דערקלינגען.

מיט ציטעריקע הענט שליסט ער אויף די טיר און ניט אָנצינדנדיק קיין ליכט קלינגט ער אָן צו אַנאַ ניקאַלאַיעוונאַ. — ניין. אַנאַ ניקאַלאַיעוונאַ איז נאָך ניט געקומען. דאַרף מען וואַרטן. ער צינדט אָן דאָס ליכט. אַ מינוט לאַנג באַטראַכט ער זיך אין גרויסן שפּיגל. ער איז רעכט געעלטערט. דאָך אַזוי, פונעם שפּיגל קוקט אויף אים אַ היפּשער מאַן. אַ הויכער, אַ פעסטער. אַ גאַנץ נישקשהדיקער. די ווייך געקנייטשטע ליכטיקע האָר אויפן הויכן שטערן, נאָר עטוואָס באַזילבערט ביי די שלייפן. דאָס פּנים איז טאַקע בלאַס. אונטער די אויגן געשוויר־קישעלעך. דערפאַר, זע נאָר סאַראַ פרישע, רויטע ליפּן. ליפּן פון אַ יונגן בחור. אַט דאָס איז ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ, מייסטער פון דעם וועבער־צעך פון דער געוועזענער אַרטעל „זאַריאַ". ער פילט זיך נאָך אין כוח. געלט האָט ער — „ביז אין די נײַע"! אַ ווייבעלע — בלוט און מילך! אַ קוואַרטירקעלע — אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן! — שׂכל? שׂכל דאַרף ער אויך ביי קיינעם ניט לײַען.

קען מען צו אים, גריגאָרע מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ, קומען נאָך היינט ביי נאַכט, אפשר — מאָרגן, איבער מאָרגן, אַרויסרייסן אים פון אָט דעם „האָב־און־גוטס", איינזעצן אים אין תּפיסה, פאַרשיקן אים ווו „דער שוואַרצער פעפער וואַקסט" כּדי ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש, זאָל וואַלגערן ביימער אין אַ וויסטן וואַלד... קריכן ביזן בויך אין שניי... — ניט דערלעבן זאָלן זיי עס!

...און וואָס, אויב גנאַטיוקן קוקט מען שוין נאָך פון לאַנג? און ניט נאָר

גנאַטיוקן... וואָס איז גנאַטיוק? — אַ גאַרנישט! אַ פּעשקע!.. מעגלעך מען שפּירט זיי אַלעמען נאָך שטיל, באַהאַלטן...

אַ קאַלטער שוויס באַשלאָגט אים. העגט און פּיס זיינען ווי אַנגעגאָסן מיט בליי. ער טוט זיך איבער. אין שטובכאַלאַט און אין די שטעקשיך פּילט ער זיך בעסער. נו! זיינען דאָס אַוועק צייטן! פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער! דאָס ביסל פּרנסה קומט אָן ממש מיט בויכווייטיק. אַלעמען צאָל! דעם דירעקטאָר — גיב, דעם בוכהאַלטער — צאָל! יעדן וואָרף צו אַ ביסן! אַלעמען פאַרשטאָפּט דאָס מויל! — ווי נעמט מען אַזוי פיל געלט?!... — דאָס געשעפט וועט מען איצט מוזן אָפּשטעלן אויף אַ צייט. דער קאָפּעליע גנאַטיוק — גיב!.. דאָס ווייב קיין יאַלטע — שיק! אַ יונג ווייבל קאָסט געלט. אַ יונג ווייבל איז ניט קיין וואָלוועלער פאַרגעניגן.

אַנאַ ניקאַלאַיעוונאַ וואָלט שוין געדאַרפט אָנקלינגען. נאָר אפשר האָט זי פאַרשפּעטיקט? דער צעך און די בוכהאַלטעריע זענען שוין פאַרפלאָמבירט און זי האָט מען שוין אויך אײַנגעזעצט...

פאַנטאַזיעס! — פּוסטע שרעק!

דאָך וועט ער אויסשליסן דאָס ליכט. אויב עמעצער קוקט אים נאָך, זאָל יענער מיינען אַז מען שלאָפט.

...אויב עמעצער שפּירט אים נאָך, דאַרף ער זיך געפינען ערגעץ דאָ, נאָענט. אויף די שפּיץ־פינגער גנבעט ער זיך צו צום פענצטער און הייבט אויף אַ ווינקל פונעם פאַרהאַנג. אַ פּוסטע בייגאַכטיקע גאַס. אויב נאָכשפּירן — איז דאָס בעסטע פּלאַץ אַנטקעגן. טיף הינטער דעם אָפענעם טויער. נאָך בעסער — אויף די טרעפּ אַנטקעגן. דאָרט האָט עפּעס ווי אַ שטן געטון אין דער פינצטער. ער שטייט דאָרטן, דער כּלב, און רייכערט אין דער זשמעניע... און אפשר איז ער ניט אַליין? אפשר שטייען זיי שוין פון יענער זייט טיר און הערן זיך איין... וואָרטן!.. אים דאַכט זיך, ער הערט דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם זייערן... אומגעריכט, גרילצנדיק, הילכיק צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן. דאָס טרייבל ציטערט ביי אים אין דער האַנט.

— יאָ! דאָס איז ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש. — אַלצדינג אין אָרדענונג?..

אַ געדיכטער נעפּל, אַן אַנגעקומענער פון ערגעץ טיף, לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין קאָפּ, צעווישט אַלצדינג פאַר די אויגן... דאַכט זיך — ער פאַלט...

מער געדענקט ער גאָרניט. ווען ער מאַכט אויף די אויגן ליגט ער שוין אין בעט. דאָס צימער איז ווי אָנגעפּילט מיט רויך. די ייִדענע, די אַריינגייערקע, וואָס קאָכט און ראַמט אים אַ גאַנצן זומער, זי איז אַהיים געגאַנגען און האָט פאַרגעסן, פאַרן אַוועקגיין, אָנגרייטן אויפן נאַכט־טישל די קאַלטע גלאָז מילך. זי קען אים גוט: אַריינגיין אין קיך אויפמאַכן דעם כאָלאָדילניק און זיך אָנגיסן אַ גלאָז מילך — דאָס וועט ער ניט טון — מעג זיך אַפילו די וועלט איבער־קערן. נאָר אויף מאָרגן, מאַכן זי מיט דער בלאָטע — דערויף איז ער אַ בטוח.

— טראַכט איך מיר: כ׳וועל בעסער צוגיין אַ קוק טון, אפשר שלאָפט ער נאָך ניט. איך קום צו, טו אַ פּרוּוו די טיר. די טיר איז אָפן! — ווי איז מיר! טראַכט איך — ניט אַנדערש — גנבים. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַז ער האָט ניט פאַרמאַכט די טיר אויף אַלע פיר שלעסער! אַריינגעגאַנגען בין איך מיט דער נשמה אין די הענט. — אַ ווייטיק איז מיר! ער ליגט אויף דעם דיל, דעם טעלעפאָן האָט ער אַראָפּגעשלעפּט. דאָס טרײַבל האַלט ער אין דער האַנט — ניט אַרויסצורייסן. — וואָס הייסט שרייען? ווי אַזוי שרייט מען ניט?! איך גיי אים דערלאַנגען די מילך און ער ליגט — אַ מת, מיט מתים גלייך!..

עס זיינען אַריין די שכנים. מיר האָבן אים אויפגעהויבן און אַוועקגעלייגט אויפן דיוואַן. איינער זאָגט, לייגט אים דעם קאָפּ נידעריקער פון די פיס. אַ צווייטער הייסט אים מאַכן איסקוסטווענע דיכאַניע. מען קלינגט נאָך דער גיכער הילף. — ווער, וואָס, ווען!.. אַ גליק: גאָט האָט געהאָלפן, איר זענט אַראָפּגעפאַלן ווי פון דעם הימל און גלייך מיט אַ דאָקטער. צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל!

— ...איך רעד מיט אים פּאָ טעלעפאָנו — דערציילט אַנאַ ניקאָלאַיעווונאַ — נאָר פּאָ גאָלאָסו הער איך, ס׳איז עפּעס ניט ווי ס׳דאַרף צו זיין. עפּעס געפעלט מיר ניט זיין קול. פּלוצעם רייסט זיך דאָס קול איבער און איך הער ווי עמעצער טוט אַ פאַל. האָב איך פאַרשטאַנען אַז עס איז אים געוואָרן ניט גוט. וואָרעם ס׳איז דען אַ מענטש? ער איז דאָך פּראָסטאָ, אַ געראָי־טרודאַ! ער אַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט! כ׳האָב ניט לאַנג געטראַכט, אַקעגן מיר וווינט אַ יונגער דאָקטער. מיר האָבן געכאַפּט אַ טאַקסי און זיינע אָנגעקומען פּונקט צו דער צייט.

אַט יענער יונגער דאָקטער האָט עס אים געזאָגט: אויב איר ווילט לעבן, דאַרפט איר ליגן. דאָס איבעריקע דערגייט צו אים ווי אין חלום. מען רעדט וועגן טעלעגראַפירן דער פרוי.

שלאָפן! שלאָפן! און הערשל שאַפּיראָ פאַרמאַכט די אויגן. עס דאַכט זיך אים אַז ער פאַלט. ניין, ניט ער פאַלט נאָר ער פליט, פליט אָן אויפהער. און די מאַמע זיינע, די מאַמע מירל, טאַפּט מיט ווייכע וואַרעמע פינגער זיין שטערן...

— שלאָף! — זאָגט זי, — שלאָף משומדל!.. — און הערשל ווערט אַנטשלאָפן.

II

זכרונות קומען אויף און פאַרשווינדן.

ס'איז איינער אַ זומער אין שטעטל. ער איז אַלט אַ יאָר נײַנצן. פּאַר נאַכט טוט ער אויס דעם פאַרשמאַלצעוועטן פאַרטעך, וואַשט זיך לאַנג, פּוצט זיך אַקעגן דעם אַלטן מוטנעם שפּיגל. אַ סוף צום גערוך פון שוסטערקליי און לעדער. מען שפּאַצירט מיט חברים לענג־אויס דער הויפּטגאַס. שפּעטער, אין אַ וויטן גאָרטן, זינגט מען שטילערהייט, אַלע אין איינעם:

...און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט פון ליבע און פון שלום
דאָך קומען וועט, צי פרי צי שפּעט, די צייט זי איז קיין חלום!..

אַ הויכער הימל איבערן קאָפּ, אויפן הויכן הימל שווימט אַ לבנה. שווימט און שווימט און שטייט אויפן אָרט. עס ווילט זיך: זאָלן אַלע מענטשן זיין גליק! זאָלן זיי זיין אייגענע ברידער! זאָלן זיי!..

אין דער פרי, ביים טאָגשײַן, וועט די וועלט זיך נאָך אַ מאָל צעפּאַלן אויף אַ סך באַזונדערע פרעמדע שטיקער. אויסגעפּוצטע גימנאַזיסטן וועלן אײַלן אין גימנאַזיע. ער וועט ווידער אַ מאָל פאַרבינדן דאָס פאַרטעך, אָוועקזעצן זיך אויף דעם נידעריקן בענקעלע אַקעגן דעם טאַטן און ביז שפּעטן פאַרנאַכט קלאַפּן פלעקלעך, לייגן לאַטעס...

אויף יענער זייט גאַס וועלן פון קאַיאָר אָן נייען און נייען אַברהם הערש דעם שניידערס אַרבעטערס, יאָסל פיינשטיין און משהלע שוסטער. אויף

אויפצוהייבן זיך און אויסקנאַקן די מידע ביינער וועלן זיי זיך פּרוּער אַרומ־קוקן, צי גייט ניט פון ערגעץ זייער גאַטספּאַרכטיקער בעל־הבית. — פאַר נאַכט קומט צו לויפן, אַן אויסגעוואַשענער, אַן אויסגעווישטער, אַברהמל דער „מעכאַניק". דאַר, לאַנג ווי דער גלות. אַ פּנים הוילע קלייען. נאָר אויגן האָט אַברהמל גרויסע, בלויע, אויגן אַן אַ גרונט. און דערלאַנג אים, ניט ווייניקער ווי דעם גאַנצן יושר פאַר דער גאַנצער וועלט. אויף ווייניקער איז ער ניט מסכּים.

מיט אַברהמלען לייענט מען, ווי נאָר מען קריגט ערגעץ אַן אינטערעסאַנט ביכל. מיט אַברהמלען פאַרברענגט מען ווו נאָר אַ פריע מינוט. אין האָדעלע גאָרן זיינען זיי פאַרקאָכט אויך ביידע אין איינעם. פאַר אירט וועגן קריגן זיי איצט, זומערצייט „טרייפענע ביכלעך", פּאָליטישע ליטעראַטור. נאָר האָדל וויזט אַרויס אַ קנאַפּן אינטערעס אין פּאָליטיק. זי וויל אומבאַדינגט, דאָ, אויפן אָרט, זאָלן זיי איר דערקלערן: צוליב וואָס לעבט דער מענטש אויף דער וועלט?.. צוליב וואָס לעבט אויף דער וועלט, זי, אַדאַ גאָרן, דעם שטעטלשן בגידס מיזינקע?!.. זי איז אַלט אין גאַנצן זיבעצן יאָר. זי האָט נאָר וואָס געענדיקט די גימנאַזיע און מען רעדט איר שוין שידוכים.

איר איז דערווידער די שטוב אין וועלכער זי וווינט. דערווידער די רייכע ברידער, די תּבואה־סוחרים מיט זייערע „אינטעליגענטע" ווייבער, מיט זייער געלט, מיט זייער גדלות, אַפילו די אייגענע מאַמע, די „כּלל־טוערין". סך־הכּל האָט זי ליב נאָר דעם אַלטן טאַטן אירן, דעם עקשן משה גאָרן. דער ערשטער „עקספּלואַטאַטאָר" אין שטעטל! בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" האָט זי געלייענט און איבערגעלייענט. ניין! זי איז ניט קיין מירל! נאָר זי קען ניט פאַרגעסן אַ צווייטן געדאַנק, אויך ביי בערגעלסאָנען. ער זאָגט דאָרט מיט דעם מויל פון אלחנן קאַדיסאָן: „מיט דעם קלאַס צו וועלכן דו געהערסט שפּאַסט מען ניט".

נאַכט. איבערן שטעטל די זעלבע לבנה. מען זיצט אין דרויסן און מען שווייגט. אַברהמלס הענט, וואָס רוען קיין מאָל ניט, שניצן אַ גרין שטעקעלע, זיי שניידן אויס אויף דעם גרינעם שטעקעלע ווייסע אַראַבעסקן. און ווען עס פאַרגייט די לבנה און ס'איז שוין אויף אַן אמתן שפּעט, שטייט האָדל אויף די טרעפּ און קוקט זיי נאָך. אין דער האַנט ביי איר דאָס געשניצטע

שטעקעלע — צו וואָס טויג איר אַ שטעקעלע? אַפילו אַ געשניצט?..

ווען עמעצער זאָגט אים, צוריק מיט אַ וואָך, צוריק מיט דריי טעג אַז ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ, וועט ליגן אַזוי אַ שעה נאָך אַ שעה, פאַרגעסן אין געשעפט און עס וועלן אים קריכן אין קאָפּ אַריין אַלערליי קינדערישע זכרונות, פּוסטע פאַנטאַזיעס, וואָלט ער יענעם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

נו איז וואָס? אַן עלטערער מענטש, נאָר וואָס געווען אויף אַ האָר פונעם טויט, ליגט ער און דערמאָנט זיך, קוקט זיך אַרום, כאַפּט אַ קוק אינעווייניק, אין זיך, אַדרבא, פאַר וואָס ניט?

איינער אַליין ליגט ער אין אַ רייכער, אין אַ פּוסטער שטוב. זאָל ער היינט אַ שטאַרב טון, וועט מען אים מאָרגן פאַרגעסן. דאָס ווייבל זיינס וועט אַ וויין טון פאַר לייטישקייט וועגן. די טאָכטער? זי איז אויסגעוואַקסן אַן אַ טאַטן. צוליב וואָס דאַרף זי אים אַצינד? חברים? — ניטאָ קיין חברים! עס זיינען דאָ שותּפים צום געשעפט, „גוטע־ברידער״ אויף אַ גלאָז ווײַן, אויף שפּילן אַ קערטל. געווען איין חבר — אַברהמל — האָט ער אים אַליין פאַרשפּילט ווי אין קאָרטן.

פאַר נאַכט וועט, ווי נעכטן, זיך אַראָפּיאָווען אַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ. זי וועט מיטברענגען מיט זיך, חוץ מאַראַנצן און זיסוואַרג, אַ גאַנצן פּאַק נײַעסן און, נאַטירלעך, אַ האַרציקן גרוס פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. שטילערהייט וועט זי דערציילן אַז גנאַטיוק זיצט. וואָס ער „זאָגט״ דאָרטן ווייסט קיינער ניט. ס'איז שוין געווען דער אויספאָרשער און וועדליק וואָס ער האָט געזוכט און וואָס ער האָט געפרעגט, איז דאָכט זיך אַלצדינג אין אָרדענונג. איליאָ, דער שותּף זיינער, זוכט אַ וועג צו די גרויסע נאַטשאַלניקעס, נאָר דערוויל באַקומט זיך גאָרניט.

און זאָל זיך גריגאָרע מאַרקאָוויטש ניט נעמען צום האַרצן. זאָל ער וואָס גיכער געזונט ווערן. היינט־מאָרגן קערט זיך אום זיין פּרוי. וועט זי אים איבערגעבן אין זיכערע הענט. עס וועט איר פּשוט אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן, ווייל אַ גאַנצן טאָג אויף דער אַרבעט טראַכט זי אַלץ, צי פעלט אים ניט עפּעס וואָס? צי פילט ער זיך גוט? די היינטיקע דינסטן! מען קען זיך דען אויף זיי פאַרלאָזן?!..

אַנאַ ניקאַלאַיעוונעס אונטערגעשמירטע אויגן טריפן ממש מיט גע־טרייקייט. — נישקשה, הערשל! ביסט ביי איר אַ בטוח! ווי נאָר דו וועסט געזונט ווערן וועסטו, אם־ירצה־השם, באַצאָלן! באַצאָלן!..

III

...באַלד נאָך ראָש־השנה איז האָדעלע גאָרן אַוועקגעפאָרן קיין יאַס, אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט.

מיט אַ מאָל האָט אויפן שטעטל זיך אָנגערוקט דער האַרבסט. קויטיקע כמאַרעס האָבן געדרונגען מיט קאַלטער נעץ. ברודיקע שטיבעלעך זיינען גע־זונקען אין בלאָטע. נאַקעטע גערטנער, הויל און בלויז! אָן אײן בלעטל, האָבן געציטערט מיט פאַרגליווערטע צווייגן, גלייך ווי קיין מאָל זיינען אויף דער וועלט ניט געווען ניט קיין הייסע טעג, ניט קיין זילבערנע לבנה־נעכט.

פינצטער און ביטער איז געוואָרן אין שטעטל: אויף יעדער פּאָר שטיוול — דריַי שוסטערס, אויף יעדן גאַרניטער — פיר שניידערס.

אַברהמל האָט געגרייט זיך צו פאָרן קיין בוקאַרעשט. געגנוג געלייענט „טרייפענע" ביכלעך, האָט ער געטענהט! צייט מיט די אייגענע הענט איבער־מאַכן די וועלט!

אים, הערשלען, האָט זיך דעמאָלט געדאַכט: די וועלט איבערמאַכן — מוז מען. ווייל אויב ניט, איז אַ צו גרויסער מהלך צווישן אים און האָדלען.

ביידע, ער און אַברהמל, זיינען אַוועקגעפאָרן אין איין טאָג. ביידע האָבן אַ צייט געוווינט אין איין בוידעם־צימערל. ביידע זיינען אין גיכן געוואָרן פאַרדינערס: ער — אַ וועבער, אַברהמל — אַ שלאָסער.

איצט איז נאָך מיטאָג. די יידענע, די אַריינגייערקע, האָט נאָר וואָס געענדיקט אים האָדעווען. דריַי מאָל אין טאָג האָדעוועט זי אים ווי אַ קליין קינד. דריַי מאָל אין טאָג נעמט ער איר אַרויס די נשמה. פאַר די פּאָר גראָשן וואָס זי האָט פון אים וואָלט זי אים שוין מוחל געווען דאָס גליק. ווי באַקומט זי שוין דעם גוטן בריוו פון איר יאָסלען?

דער זון אירער, יאָסל, האָט פאַרענדיקט די דינסט אין מיליטער און איז מיט דעם גאַנצן וווּואָד אַוועקגעפאָרן באַזעצן זיך אויף דער צעלינאַ.

באַשערט אַן אומגליק. מען האָט זיי דען געפּרעגט? שרייבט ער, דער זון: ווי נאָר עס וועט אַ ביסל גרינגער ווערן דאָס לעבן, נעמט ער זי אַרויס צו זיך. ווו נאָר זי האָט אַ פרייע מינוט, טוט זי אָן די ברילן און לייענט, און לייענט... איר יאָסלס בריוו.

איצט, נאָך מיטאָג, איז געקומען מבקר־חולה זיין דוֹדל שטערנבערג. זיי האָבן אַ מאָל געלערנט אין איין חדר. מען האָט זיך געטראָפן נאָך דער מלחמה און מען איז געבליבן „גוטע־ברידער".

דוֹדל שטערנבערג — אַ ייִד אַ קבצן, מיט אַ ווייב, מיט אַ שוויגער, מיט אַ פולער שטוב קליינע קינדער. דער טאַטע זיינער, חיים מלמד, האָט געגלייבט אין גאָט. דודל גלייבט אין מענטשלעכקייט, אין יושר, אין קאָמוניזם. מילא, גלייבט ער. האָט ער אָבער אויך אַ גרויסע זאָרג פאַר כּלל־ישׂראל. אַליין וועט ער, חס־וחלילה, ניט אָנרירן קיין פרעמדן פאָדעם. נאָר ווען ער לייענט אין די צייטונגען, אַז ערגעץ ווו האָט מען אײַנגעזעצט עטלעכע ייִדן, טריפט אים דאָס האַרץ מיט בלוט. ניט חלילה דערפאַר וואָס ער פילט מיט די גנבים, נאָר ס'איז דאָך אַ חלול־השם! עס וואַרפט דאָך אַ פלעק אויפן גאַנצן ייִדישן פאָלק!..

איז אָט זיצט ער אַקעגן אים, אויף אַ ווייך געבעטן שטול, דודל שטערנבערג מיט זיינע קורצזיכטיקע, ערלעכע אייגעלעך. ער געדענקט ניט ווי אַזוי ער און זיין רבקה ציילן יעדן גראָשן. ער האָט פאַרגעסן אַז די שיך זיינע, די פאַרדריייאָריקע, פאָדערן נייע זוילן, און די הויזן, די גוט אויסגעפּרעסטע, גלאַנצן אויף די קניעס און זיינען הינטן אַרום אין גאַנצן אויסגעריבן. ניט ביי זיין טאַטן, ניט ביי זיך אין דער היים האָט ער אַזאַ רייכטום ניט געזען. און דאָך אַזוי, פאַרגעסט ער ניט אַז זיי זיינען פון איין שטעטל און ביידע זיינען ייִדן. — טשיקאַווע. וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען ער, הערשל שאַפּיראָ, זאָגט צו אים בזה־הלשון: „זיי וויסן, גוטער־ברודער, אַז שוין לאַנגע יאָרן גנבע איך ביי דיר און דיין מלוכה, יעדן חודש, מער וויפל דו פאַרדינסט אין אַ יאָר. און עס איז מיר אויף דיר, גוטער־ברודער, אַ גרויס רחמנות, וואָס דו ביסט אַזאַ קבצן און אַזאַ יאָלד, און וואַרטסט נאָך אַלץ אַז דיין קאָמוניסטישער משיח זאָל קומען".

ניין. הערשל וועט עס אים, פאַרשטענדלעך ניט זאָגן. און ניט דערפאַר

ווייל ער האָט מורא פאַר אַ מסירה. אויב זיך גוט אַריינטראַכטן איז ער, הערשל, שוין גאָרניט אַזוי זיכער אַז דער קאָמוניסטישער משיח וועט טאַקע קיין מאָל ניט קומען. סע קען זייער שיין געמאָלט זיין אַז עפּעס וואָס וועט זיך ביי זיי סוף־כל־סוף פאָרט באַקומען. מען האַלט אין איין בויען און בויען!

ווייזט זיך אַרויס, דער יאַלד, דוִדל, איז געקומען ניט אומזיסט; צוריק מיט אַ חדשים זעקס, נאָך איינעם אַ געלונגענעם געשעפט, האָט הערשל, ווי זיין שטייגער איז, ניט האַלטן אין שטוב קיין איבעריק געלט, איבערגעלאָזט ביי דוִדלען אַ פּעקעלע מזומנים, כלומרשט אויף עטלעכע טעג, ביז ער וועט זיך אומקערן פון דער קאַמאַנדיראָווקע. די טעג זיינען איבערגעוואַקסן אין וואָכן, די וואָכן — אין חדשים.

געווען אַזוינע טעג, ווען ביז צו דעם געהאַלט איז נאָך ווייט און אין שטוב ביי די שטערנבערגס איז שוין ניטאָ קיין גראָשן. האָבן זיי ביידע, דוִדל און רבקה, גוט געפילט ווי דאָס קליינע פּעקעלע ליגט ביי זיי אין שופלאָד, אונטער דעם געפּרעסטן וועש. נאָר עס איז געווען פרעמד געלט. ניט זייערס. און דאָ האָט מען זיי געזאָגט — הערשל איז קראַנק. דאַרף ער דאָך אַוודאי האָבן געלט. האָט אים דודל אָפּגעבראַכט דעם פּקדון. זאָל הערשל מוחל זיין, איבערציילן.

— גיי שוין, גיי! מענטש איינער! מאַך אויף דאָס שאַפּקעלע און וואַרף עס דאָרט אַריין. — ווען־ווען, דיר גלייב איך אומגעציילט!

IV

...אַנהייב זומער האָט די סיגוראַנצאַ אַרעסטירט אַברהמלען. געווינט האָבן זיי שוין דעמאָלט באַזונדער. געטראָפן זיך זעלטן. אין איינעם אַ בריוו האָט אים די מאַמע געשריבן:

„...און האַדאַלע גאָרן איז שוין ווידער אין דער היים. אין אוניווערסיטעט האָט מען זי ניט אויפגענומען. אַ גאַנצן ווינטער איז זי אומגעלאָפן אויף שטונדן. אַ קאַפּריז פון אַ געפּעשטשעטער בת־יחידה. ווען ניט וואָס דער פאָטער אירער איז מסוכן קראַנק, וואָלט זי זיך, אַ פּנים, כלל ניט געווען אומגעקערט אַהיים. אַנומלטן האָט זי מיך, מירל, מרדכי דעם שוסטערס ווייב,

אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק און אויסגעפּרעגט וואָס עס שרייבן עפּעס די „חֶברה׳ז"...

האָט ער זיך צערעכנט אויף דער אַרבעט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ...וואַרעמע, זומערדיקע נעכט. ווייט איז געווען אַברהמל און ווייט — „די רעוואָלוציע". עס זיינען געווען נאָר האָדלס ווייכע ליפּן. האָדלס ווייסע, שלאַנקע הענט.

משה גאָרן איז געשטאָרבן אָנהייב אֶלול. נאָך שיבעה זיינען זיי ביידע אָפּגעפאָרן קיין בוקאַרעשט. די חתונה האָבן זיי געפּראַוועט שפּעטער, אין רעכטן ברען פונעם ווינטער. אויף דער חתונה זיינען געקומען אַ פּאָר חברים, באַוווסטזיניקע אַרבעטערס, עטלעכע סטודענטן, אַ פּאָר עקסצענטרישע מייד־לעך. געטרונקען האָט מען ווייניק. מען האָט געזונגען ייִדישע, רוסישע און רומענישע רעוואָלוציאָנערע לידער. געזונגען שטילערהייט, די שכנים זאָלן ניט הערן. ווען מען האָט געזונגען אַ ליד וועגן „דאָפּטאַנאַ" האָט האָדל זיך צעוויינט. אין דאָפּטאַנאַ איז נאָך אַלץ געזעסן אַברהמל. באַלד האָט זי אויס־געווישט די טרערן און געבעטן די געסט זיי זאָלן געבן דרשה־געשאַנק פאַרן „מאָפּר". אין גיכן זיינען די געסט אַוועק אַהיים. האָט ער זי גענומען אויף די הענט, אַ גרינגינקע, אַוועקגעטראָגן אויפן דיוואַן און געקושט און געקושט אירע לויטערע, שוואַרצע אויגן. אין מויל, ביי אים, איז דעמאָלט, אויפן גאַנצן לעבן, געבליבן דער טעם פון זאַלץ. אַ טעם פון פרעמדע טרערן.

יענע יאָרן — די בעסטע יאָרן זיינע. נאָר שוין צו אָפּט פלעגן זיך צונויפקומען ביי זיי פאַרשיידענע „פאַרגעשריטענע". געפירט דיסקוסיעס אָן אַ סוף, געהערט מאָסקווער ראַדיאָ, געזאַמלט געלט פאַרן „מאָפּר". גיך האָט עס אים צוגעגעסן, דאָס קליינשטעטלדיקע קהלן זיך, דאָס פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. אַ סך האָבן זיי געקענט אויפטון אָט די משהלעך און אַברהמלעך? אים האָט זי כּלל ניט געשטערט, די רומענישע, די „פּריציש־קאַפּיטאַליס־טישע" מלוכה. עס האָט זיך אים געלעבט ביי איר גאָרניט שלעכט. שלעכט איז געווען נאָר דאָס וואָס האָדל איז געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ „לינקער". אין גיכן איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן. און אַז סוועטלאַנאַ האָט אויפגעמאַכט אויף דער וועלט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, דער מאַמע האָדלס אויגן, איז שוין אַוודאי געוואָרן גוט.

אַברהמל איז אָפּגעזעסן זיינס. אויפן וועג אַהיים איז ער, אויף איין טאָג אַראָפּגעקומען קיין בוקאַרעשט. מערקווערדיק, ווי די טורמע בייט אַ מענטשן. אויף זיין אויסגעבלייכטן פּנים איז ניט געבליבן קיין סימן פון זומער־שפּרענקעלעך. די אויגן זיינע — ווי מעסערלעך, קאַלט און שניידנדיק. זיי קוקן אויף דיר מיט לייכטן חוזק. איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף דער שלאָפנדיקער סוועטלאַנען. ער האָט כמעט ניט גערעדט. איבעריקנס, וועגן וואָס איז געבליבן צו רעדן? ס'איז אַזוי אויך געווען גאַנץ קלאָר.

און אַז עס איז געקומען דאָס פּערציקסטע יאָר, האָט מען דען געקענט ניט אומקערן זיך אין דער באַפרייטער, סאָוועטישער בעסאַראַביע?

האָדל איז געוואָרן אַ לערערין. זי האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען אין הינטער־אויגיקן אָפּטייל פון דעם קעשענעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. די גאַנצע וועלט איז פול געווען מיט האָדלען; האָדל האָט געהייסן, האָדל האָט אָנטייל גענומען, האָדלען האָט מען גערופן, צו האָדלען איז מען געקומען... אים האָט מען אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דעם נייעם שוסטער־אַרטעל. ער איז אויך געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען, נאָר וויסעך וואָס!..

ווי אַ דונער פונעם הימל איז אויף זיי אַראָפּגעפאַלן די מלחמה. צו פוס, מיטן קינד אויף די הענט, האָבן זיי קוים באַוויזן, אין דער לעצטער מינוט, פאַרלאָזן דאָס שטעטל. דער שטראָם פון עוואַקואַציע האָט זיי לאַנג געוואָרפן פון ברעג צו ברעג. ביז ער האָט זיי פאַרטראַגן, ווו „דער שוואַרצער פעפער וואַקסט”, אין דער ווייטער „גאָט־געבענטשטער” שטאָט פרונזע. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל באַמערקט וואָס עס איז געוואָרן פון זיין שיינער האָדלען, — מתים זעען שענער אויס!

צרות עלטערן טאָקע. נאָר אַזוי, אין איין האַלב יאָר אַבנגעבויגן ווערן אין דריַיען! סע זאָל פון דיין גאַנצן שטאָלט און שיינקייט ניט בלייבן קיין זכר?!..

מען האָט געדאַרפט לעבן. מען האָט געמוזט אַרבעטן. איז ער געוואָרן אַ סנאַבזשענעץ. ניט דער טאַטע דיינער, ניט ער אַליין, האָבן ניט געהערט פון אַזאַ פּראָפעסיע. נאָר אַז מען וויל עסן, אַז מען קען מער ניט צוזען דאָס אויסגעמאַרכעוועטע קערפּערל פונעם קינד און די יסורים פונעם קראַנקן ווייב...

געווען דאַכט זיך אַ הערלעכער מענטש. קיין מאָל ביי קיינעם ניט גע־גנבעט פאַר קיין גראָשן. זאָל זיין — ניט אַזאַ גרויסער „אידעאַליסט״ ווי אַנדערע, איז וואָס זשע?

די הײם איז געוואָרן אויס היים. דאָס ווייב — אַ קלאָגמוטער. מען האָט געקענט מיינען אַז ער איינער אַליין איז שולדיק וואָס אויף דער וועלט גייט אַזאַ מלחמה, אַרום און אַרום אַזוי פיל אומגליק און נויט. און ס׳איז ניטאָ וואָס צו עסן. כאָטש, צוריק גערעדט, אין גיכן האָט זיך ביי זיי באַוויזן עסן און טרינקען און אַפילו אַ קערבל אין קעשענע.

אין דער אַרטעל ווו ער האָט געאַרבעט זיינען אפשר ביז דער מלחמה געווען הערלעכע מענטשן. זיינען זיי שוין לאַנג אויפן פראָנט. די וואָס האָבן פאַרנומען זייער פלאַץ, מערסטנס עוואַקוירטע קרעמערלעך, האָבן געגנבעט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט, — גיי דערצייל דאָס אַלץ האָדלען! האָדל האָט שוין אָפּגעקרענקט מיט טיפוס און מיט מאַלאַריע. זי האַלט זיך קוים אויף די פיס.

זי האָט אים אויסגעהערט. לאַנג געקוקט אויף אים מיט דעם רעשט פייער פון אירע שוואַרצע אויגן און האָט אויפגעהערט עסן, חוץ ברויט. אויף ברויט, האָט זי געזאָגט, גלייב איך, קלעקן דיינע ערלעכע פאַרדינסטן.

פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן פרעמדער. וואָס איז דער וווּנדער, אַז ער האָט אָנגעהויבן אויסטרינקען? עס האָבן זיך אָפּגעזוכט „גוטע ברידער״, מען האָט געשפּילט אַ פּאָקער, געמאַכט אַ לחיים. אַהיימגייען האָט זיך ניט געגלוסט. מישטיינס געזאָגט — די היים! עס האָבן זיך אָפּגעזוכט ווייבעלעך וואָס האָבן פאַרלוירן די מענער, ווייבעלעך מיט שמייכלענדיקע חן־גריבעלעך... און ברענט זי אין פייער די גאַנצע, די גרויסע וועלט!... אויב דער יִמַח־שמו, היטלער, וועט בייקומען „איוואַנען״ וועט מען ווייטער לויפן, פון דאַנען קיין איראַן, פון דאָרט, ווער — ווהין, קיין אויסטראַליע, קיין בראַזיל...

יענעם אָוונט איז אים געגאַנגען. ער האָט געכאַפּט אַ היפּשע מטבע ביי אַ פּאַרטיע „לינקע״ לעדער. מען האָט אויסגעטרונקען און געזעצט זיך שפּילן אין קאָרטן. אַהיים איז ער געקומען אַרום איינס ביי נאַכט.

ער האָט לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר. ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס מען עפנט אים ניט. דעם שליסל האָט ער געפונען, ווי תמיד ווען האָדל גייט

ערגעץ אַוועק, אונטער דער שוועל. פונעם פינצטערן צימערל האָט אַ ווייע געטון מיט פאַרלעגערטער קעלט. ביי דער שיין פון אַ שוועבעלע האָט ער דערזען דאָס בריוול אויפן טיש.

„דו ביסט אַן אַנדער מענטש געוואָרן, — האָט האָדל געשריבן, — און אפשר ביסטו פון תּמיד אַן אַזעלכער. מיר ביסטו פרעמד און סוועטלאַנען ביסטו אַזעלכער אויך ניט נייטיק. איך בין שוין געבוג געזונט אויף צו קענען אַרבעטן. צווישן סאָוועטישע מענטשן וועלן מיר ניט פאַרפאַלן ווערן. באַדענק זיך, הערשל! „וואָס וועט זיין דיין סוף ?!..״ דאָס בריוול איז געווען אָן אַן אונטערשריפט.

קאַלט און אומהיימלעך איז זי געווען, יענע נאַכט. נאָר שטאַרק איבערגעלעבט האָט ער ניט: „ווייסעך וואָס, — האָט ער געטראַכט — אַ קאַפּריז פון אַ גביריש טעכטערל. זי איז געוויס אַוועק בעכטיקן צו אַ שכנה. מאָרגן וועט זי אַהיים קומען. אין ערגסטן פאַל וועט ער גיין זי איבערבעטן. זי וואָלט כאָטש אויסגעהייצט דעם אויוון פאַרן אַוועקגיין!״. פונעם אויסגעטרונקענעם ספּירט האָט וויי געטון דער קאָפּ. די נאַכט איז ער איבערגעשלאָפן אין די קליידער. האָדל האָט זיך ניט אומגעקערט.

קאַלט און אומהיימלעך איז אַוועק דאָס לעבן. טעג האָבן אָפּגערעשט אין אַרבעטס־טאַראַראַם. נעכט זיינען אויסגערונען אין אומרויקן שלאָף. וויט פון פרונזע האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע מלחמה. זי האָט אַרויסגעריסן און פאַרצערט אַלץ נייע און נייע לעבנס. כּדי אויסצומיידן די מאָביליזאַציע האָט ער געביטן די אַרבעט. ער איז שוין געווען ניט אַבי ווער — אַ נאַטשאַל־ניק סנאַבזשעניע אויף אַ קריגספאַבריק. ער האָט געאַרבעט פאַר דריי. נאַטירלעך, געווען בראַגירט. געטראָגן אַ לעדערנעם מאַנטל און געהייסן ניט הערשל, נאָר גריגאָרי מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ. ער האָט אויפגעהערט טרינקען, אויפגעהערט שפּילן אין קאָרטן. איין זאַך האָט ער ניט אויפגעהערט: מאַכן געשעפטן, זאַמלען געלט.

האָדל, האָט ער זיך דערוווסט, אַרבעט אַלס לערערין ניט וויַט פון טשעליאַבינסק. ער האָט ניט נאָכגעפרעגט אויף איר אַדרעס. אַפילו נאָכן קינד האָט ער אויפגעהערט בענקען.

V

— דער רוח האָט אים אָנגעטראָגן. דעם גוטן שותּף זײַנעם. עליקל גוטמאַן. „אַ גאַסט אין פּראָסט — צעוואָלע דעם אויוון"! אַ גישטיק יידל, אַ קוואַרס. סע רוט ניט קיין איין מינוט. רבונו־של־עולם, מיט וועמען האָסטו מיך צונויפגעפּאָרט?!..

עליקל דרייט זיך אויפן בענקל, רײַבט די נאָז, קראַצט די פּאַטילניצע. דרייט די פּראַנדזן פונעם טישטעך...

— נו! קוועטש דיך שוין אויס! גלייך מען קען דיך ניט. אַזוי זשע זאָג. דאַרספט געלט! אַזוי פיל מכּות זאָלסטו האָבן, וויפל דו האָסט נאָך געלט!

גריגאָרע מאַרקאָוויטש מיינט: שטאַרק וואַרפן מיט געלט דאַרף מען ניט. ערשטנס דאַרף מען ניט ווייזן אַז די מעשה מיט גנאַטיוקן שפּילט ביי זיי אַ גרויסע ראָלע. אויב „יענע" וועלן אָנטאַפּן אַ פאָדעם, וועלן זיי ציען און ציען, צאַפּן און צאַפּן. געלט וואַקסט ניט אין פעלד. געלט קומט אָן מיט בויכווייטיקן.

— דער גנאַטיוקיכע מוז מען צוּוואַרפן אַ פּאָר קערבלעך. זאָל זי באַשטעלן אַ גוטן אַדוואָקאַט.

— אָבער אַ מאָל געלט. גריגאָרע מאַרקאָוויטש איז נאָך, דאַכט זיך, אַ בטוח.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש, עליקל גוטמאַן, מיניעט זיך און קנייטשט זיך אַזוי ווי עס וואָלט אים געכאַפּט דער בויך.

— גראָדע איז ער, עליק, געבליבן, מען קען זאָגן, אָן אַ גראָשן. — מאָלט אייך. איך האָב געוואָלט כאַפּן ערגעץ אַ הלוואהלע, האַלטן זיך גוטע־ברידער אונטער. וואָרעם ווער ווייסט וואָס עס קען זיין מאָרגן. אין אַזאַ צייט איז בעסער „קלאַפּ און צאָל"! וואָרעם מיט וואָס איז דער מענטש באַוואָרנט אַז מאָרגן, אם־ירצה־השם, אָדער איבער מאָרגן, ווערט ער געזונט. טאָמער, חלילה, ניט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, ווערט דעם מענטשן ערגער? — וואָס זשע? דעם וועקסל אייערן וועל איך אויף אייך איבערגעבן? צי די מאַדאַם אייערע וועט מיר פאַר אייך באַצאָלן? ווען סע קומט צום טיילן, באַקומט עליק גוטמאַן אויפן שפּיץ מעסער. נאָר אַז עס ברענט, דערמאָנט

מען זיך אין אים. און דער עליק גוטמאַן איז אַ מטופל מיט קינדער. פינף פּרעסערס האָב איך קיין עין־הרע!

— ברעך דעם קאָפּ מיט דיינע פּרעסערס אין איינעם! פּאַראַזיט! אָן געלט וועסטו סיי ווי סיי ניט אַוועקגיין. מען קען דיך גוט!.. זאָל ער אַזוי גוט זיין, איליאַ סעמיאָנאָוויטש, אָנקלינגען, אַ צי טון דאָס שנירל וואָס הענגט איבערן טיש.

אויפן קלונג קומט אַריין פון דער קיך דבורה די אַריינגייערקע. זי בעמט ביי אים די שליסעלעך און ברענגט אים די שקאַטולקע. איצט שיקט ער זי נאָך אַ גלאָז מילך — עס האָט זיך אים פאַרגלוסט הייסע מילך.

— אין אייזקעלטער, — זאָגט זי, איז דאָ קאַלטע מילך.

— וועט מען די מילך אָנוואַרעמען. וועט זיין הייסע מילך.

צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל מזומנים ציילט ער אים אָפּ. עס בלייבט אים אָפּילו ניט אויף דער הוצאה ביז די פּרוי וועט קומען.

עליקל מאַכט זיך ניט הערנדיק. עליקל ציילט געלט.

— זייט געזונט, — זאָגט ער, — דאָס געלט ליגט שוין ביי אים טיף אין דער הויזן־קעשענע און ער האַלט עס דאַרטן צו מיט אַלע פינף פינגער. אַוודאי, — זאָגט ער — פעלט אויף אייער חלק אַ סך מער. נאָר וואָס קען מען טון? איר זייט קראַנק. מוז מען דערוויילן וואַרטן.

— וואַרטן זאָל מען אויף דיר מיט תכריכים! טאַטעניו, פאָטער!..

די יידענע, די אַריינגייערקע, זי האָט דעם איליאַ פיינט ווי אַ שפּין. הערשל הערט ווי זי בייטלט אויס אויף זיין קאָפּ אַלע אירע וויסטע און פינצטערע חלומות.

די הייסע גלאָז מילך שטייט שוין אויפן טיש, נאָר אים גלוסט זיך ניט טרינקען. זאָל מען אים לאָזן צו רו. עס דרייט זיך אים דער קאָפּ. עס זשומעט אים אין די אויערן. ניט געדאַרפט ציילן דאָס געלט. ניט געדאַרפט זיך אויפרעגן. סע זיינען דען שותפים?! סע זיינען דאָך שונאים! זיי זיינען גרייט אויפעסן אַ מענטשן לעבעדיקערהייט.

...אין זעקס און פערציקסטן יאָר, אויפן וועג אַהיים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין מאָסקווע. אָפּגעשטעלט זיך ביי געשעפטלעכע באַקענטע. דער בעל־הבית, אַ ייד אַ למדן און געקומען זיינען צו אים „ליי־

טישע" יונגע־לייט. זיי האָבן אים געהאָלפן אויסבייטן דאָס אָפּגעשפּאַרטע „קערבל" אויף גאָלד. זיי האָבן אים באַנומען ווי גאָט האָט געבאָטן. אײַן זאַך האָבן זיי אים אויסגעלערנט. זיי האָבן מיט אים אײַנגעקנעלט: „זײַ ניט קיין יאָלד"!

אין זיבן און פערציקסטן יאָר האָט ער געבאַקן און פאַרקויפט בולקע־לעך. אין ניין און פערציקסטן האָט ער געקוועטשט בוימל פון קאָלווירטישע זונרויזן, אָנגעפירט מיט אַ צעך פון רייניקן וואָל, שפּעטער אַ צעך אויף אויסאַרבעטן וואַטע און צו לעצט אַ וועבערצעך אויף אויסצואַרבעטן טיש־טעכער און דעקן. געשעפט איז געשעפט.

מיט זײַן קאָפּ, מיט זײַנע אָרגאַניזיר־פעיִקייטן, ווען „זיי" לאָזן אים, וואָלט ער פאַרשטעקט אין גאַרטל ניט איין מיניסטער!

ער איז גרויס געוואָרן אין די אויגן אין קעשענעוו. איז ער איבערגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ. עס איז געוואָרן הייס אין טשערנאָוויץ, האָט ער זיך איבער־געפּעקלט קיין לוואָוו. מער האָט אים קיינער ניט אָפּגענאַרט. עס האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ ניוף. ער דערפילט תּיכּף ווען מען מוז פאַרמאַכן דאָס „קלייטל", ווען מען דאַרף באַצייטנס מאַכן פּליטה. אַנדערע זיצן שוין פון לאַנג. ער איז פון אומעטום אַרויס כּשר און ריין. ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער גענומען דאָס ביסל האָב־און־גוטס און וואָלט געלאָפן וווּהין די פיס וואָלטן אים געטראָגן; זאָל זײַן אַמעריקע, זאָל זײַן קאַנאַדע! — ארץ־ישׂראל? — זאָל זײַן ארץ־ישׂראל! זאָל זײַן אַפריקע! זאָל זײַן אויסטראַליע! ער וועט אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן. אַבי מען זאָל קענען רויִק שלאָפן. מען זאָל ניט דאַרפן תּמיד זײַן מיט דער נשמה אין די הענט!..

עס דרייט זיך אים דער קאָפּ. עס הוידעט זיך דער ברייטער קליידער־שראַנק. ער פאַרמאַכט די אויגן און עס דאַכט זיך אים — ער איז גרינג ווי אַ פעדער. אָט וועט ער אַ פּאַך טון מיט די הענט און ער הייבט אָן פליִען. מיט אַ מאָל הייבט דאָס האַרץ אָן קלאַפּן. גיך, גיכער. עס באַשלאָגט אים אַ שווייס. — אפשר אָנקלינגען, אַרויסרופן אַ דאָקטער. אַ לאַנגע צייט דערנאָך הערט ער זיך צו ווי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם באַרויִקט זיך דאָס האַרץ.

אָט אַזוי, אין אַיין „שמע־ישׂראל" קען אומקומען אַ מענטש! איז דאָך האָדל געשטאָרבן יונגערהייט. געשטאָרבן פון אַ ראַק. ער האָט זיך דערוווּסט

פון דעם ערשט אין יאָרן אַרום. געבליבן אַ יתומה, אין דער פרעמד, זיין איינציקע טאָכטער סוועטלאַנאַ. געפאָרן איז ער דעמאָלט קיין אַמסק, מיט דעם פעסטן באַשלוס: אויס! געגוג! ער וועט נעמען די טאָכטער צו זיך. ער האָט זי ניט געזען אַריבער צוואַנציק יאָר. זי האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן דעם אָמסקער לערער־אינסטיטוט.

פאַרגעשטעלט האָט ער זיך: ער גייט אַרויס פונעם וואַגאָן און עס לויפט אים אַקעגן אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, זיין סוועטלאַנאַ. אַ יונגע קאָפּיע פון דער אַמאָליקער האָדל...

באַגעגענט האָבן זיי אים, אויפן וואָקזאַל, אין צווייען: סוועטלאַנאַ, אַ פרעמדע, קליינינקע סטודענטקע מיט ערנסטע, שוואַרצע, קורצזיכטיקע אויגן הינטער גראָבע אויגנגלעזער און אַ הויכער דאַרלעכער בלאָנדין, דער חתן אירער. מען האָט זיך קאַלטלעך צעקושט. רעדן איז ניט געווען פון וואָס. סוועטלאַנאַ, אויב זי איז יאָ אין עמעצן געראָטן, איז אפשר אין דער באָבען, האָדלס מוטער. דער בלאָנדין, אַ בוי־אינזשעניר, טראָגט אַן אָפּגעריבענעם רעגן־מאַנטל, פון וועלכן ער האָט אין אַרויסוואַקסן. ווי נאָר סוועטלאַנאַ וועט ענדיקן דעם לערער־אינסטיטוט, פאָרן זיי ביידע אַרויס אויף אַרבעט קיין קוסטאַנאַי.

ביי סוועטלאַנען אין דער צוזאַמענווינונג — דריי רייך פאַרבעטע איי־זערנע בעטלעך. די חברטעס אירע האָבן זיך באַקענט מיט דעם גאַסט און זיינען אַוועקגעגאַנגען נעכטיקן בשכנות.

וואָס זשע איז געבליבן צו טון? אויב קיינער וואַרפט זיך דיר ניט אויפן האַלדז, קיינער כליפּעט ניט, קיינער רופט דיך ניט — טאַטעניו! טאַטע!?..

האָט מען אויסגעטרונקען מיט דעם קומענדיקן איידעם אין פלעשל און אַ צוויטס. אין האַרצן פוסט און קאַלט. אויף מאָרגן האָט מען זיך אָפּגע־זעגנט און ער איז געפאָרן אַהיים.

ער האָט איבערגעלאָזט די קינדער אַ שיינע מטבע אויף איינצואָרדענען זיך, אָנגעזאָגט די קינדער זיי זאָלן אים אומבאַדינגט שרייבן און אויס! אַן עק! קיינער וועט אים שוין קיין מאָל ניט רופן „טאַטעניו! טאַטע!..“

VI

ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון אַמסק, האָט ער באַלד חתונה געהאַט. „גוטע־ברידער" האָבן זיך אַריינגעלייגט אין שידוך. זשעניע, דאָס צווייטע ווייב זיינס — זייער און זייער אַ געשמאַקער ביסן. נאָר אינעווייניק — אינעווייניק איז הויל און ליידיק. צוריקגערעדט, צוליב וואָס דאַרף ער, גריגאָרי מאַרקאָוויטש שאַפּירא, אַז חוץ יונג, שיין און קלוג, זאָל נאָך דאָס צווייטע ווייב זיינס האָבן אַ נשמה? און בכלל: וואָס איז דאָס אַזוינס — אַ נשמה, מיט וואָס עסט מען עס?..

...ס'איז איר נימאס געוואָרן די אַרבעט אין ביכער־מאַגאַזין, וווּ זי איז געווען אַ פאַרקויפערין, עס איז איר דערווידער געווען דאָס ציילן יעדן גראָשן, דאָס גיין מיט דער בעל־הביתטע אין קינאָ. עס זיינען איר דערעסן די פריילעכע „אויפדערנאַכט" וואָס הייבן זיך אָן אין אַ רעסטאָראַן און ענדיקן זיך מיט קאַפּווייטיק און מיט אַ געפּיל, אַז וויפל דו זאָלסט זיך ניט וואַשן, ריין וועסטו שוין ניט ווערן. זי האָט דערפילט אַז זי איז שוין ווייט ניט אַזוי יונג, און קנייטשן בלייבן קנייטשן וויפל דו זאָלסט זיי ניט מאַסאַזשירן. — איז וואָס, אויב גרישאַ איז אַ סך עלטער פון איר? ער איז אַן אָנזיכטיקער מאַן, געזונט און שיין. און דאָס וואָס ער איז אַ ייִד, איז דווקא אַ מעלה. ייִדישע מענער שיכורן ניט. ביי ייִדישע מענער באָדן זיך די פרויען אין אַלעם גוטן. זשעניע האָט ליב זיך אויסטון אַנטקעגן שפּיגל. אַז מען קוקט אויף זשעניען ווען זי טוט זיך אויס ווערט מען אַליין אויך ייִנגער.

אַלע זומער פאָרט זשעניע צום ים. זי שרייבט פון דאָרט, ניט זייער אָפטע, נאָר קלוגע בריוו, בריוו מיט הומאָר און מיט אַ פּאָסט־סקריפּטום:

„...אַזוי ווי דער זומער איז לאַנג און דו ביסט באַשעפטיקט און קענסט צו מיר ניט קומען, טאָ זיי אַזוי גוט און שיק מיר צו אַזוי פיל און אַזוי פיל קערבלעך אויף דעם און דעם אַדרעס. און זיי זיכער אַז דיין ווייב איז צו קלוג און צו לייטיש אויף צו דערלויבן זיך דיך אָפּצונאַרן..." און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

געלט שיקט ער. אַ ברירה האָט ער? אַ שיין ווייבל קאָסט געלט. אויף געטרייקייט וואַרט ער ניט. אויב ער האָט באַהאַלטענערהייט יאָ אויף עפּעס

געהאַפט, איז עס געווען אַ קינד. נאָר זשעניע וויל ניט און קען ניט האָבן קיין קינדער.

אַ נאַכט — אַ יאָר! עס געדענקט זיך: ...פון דעם ווייטן נאָוואָסיבירסק איז געקומען זיין יוגנט־חבר אַברהמל. ער איז איבערגעפאָרן אַרבעטן אויף איינעם פון די נייע לוואָווער זאַוואָדן. דער זעלבער אַברהמל, און ניט דער זעלבער. זיך צעקושט, זיך נאָך אַ מאָל צעקושט. אין די אויגן טרערן.

ווייזט זיך אַרויס, ער איז געווען ביי האָדלען צוויי מאָל. דאָס צווייטע מאָל: אַ קראַנקע, אַ מענטש האַלב אויף יענער־וועלט. האָט אים האָדל אָנגע־נומען ביי דער האַנט: „אַברהמל, — האָט זי אים געזאָגט, — נאָך מיין טויט זאָל זיך דיר דאַכטן אַז סוועטלאַנאַ איז דיין טאָכטער".

— אָפט מאָל טראַכט איך אַז זי האָט באמת געדאַרפט זיין דיינע...

פרעגט זיך: געקומען דער נאָענטסטער חבר, צו וואָס זשע גריבלען זיך אין אַלטע וווּנדן? אויב אומקערן דאָס וואָס עס איז געווען קען מען ניט, און לעבן דאַרף מען, און לעבן ווילט זיך!..

אויפן יום־טובדיק געדעקטן טיש אַלערליי געשמאַקע צובייסעכצער, אַלערליי טעצעלעך און טעלערלעך און גלעזעלעך. דאָס אַלץ האָט זשעניע באַוויזן צו דערלאַנגען און אויסשטעלן אין געציילטע עטלעכע מינוט. זי האָט זיך שוין איבערגעטון און פון איר טיפן האַלדז־אויסשניט ביז די רויט־מאַניקירטע נעגל שמעקט מיט פרישן יצר־הרע. זי גיסט אָן די גלעזעלעך, רוקט צו דעם גאַסט איין טעלערל נאָך דעם אַנדערן און שמייכלט, שמייכלט מיט אַ געצוווּנגענעם, פאַלשן שמייכעלע. ניט דער מענטש געפעלט איר, ניט דער שמועס אינטערעסירט זי. באַשערט אַן אָפּקומעניש.

דער גאַסט פאַרזוכט פון אַלעמען צו ביסלעך. ער קוקט זיך אַרום און ווערט וואָס אַ מאָל מער אָפּגעקילט. דער גאַסט געזעגנט זיך.

— נו, יאָ! — זאָגט ער — דעם שווער דיינעם, דעם גביר משה גאָרן, האָסטו שוין באַשטימט איבערגעיאָגט.

אַ מאָדנער מענטש. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין לאַנג געווען ערגעץ אַ גרויסער נאַטשאַלניק און ער איז נאָך אַלץ אַ שלאָסער. צו אַכט און פערציק יאָר לערנט ער הינטעראויגיק אויף אינזשעניר. פרעג אים — צוליב וואָס דאַרף ער דאָס? ער האָט אַ פּאָר גאָלדענע הענט. ער פאַרדינט

אַ סך מער פון אַן אינזשעניר. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט געשאָרט גאָלד און אים, אַז מען לייגט אים פאַר אַ כאַלטורקעלע, קוקט ער דיך אָן גלייך דו וואָלסט אים געשאָלטן אין טאַטן.

אַריינקומען צו אים אין שטוב, מישטיינס געזאָגט, אַ צימערל מיט אַ קיך אויפן פערטן שטאָק, ניט קיין שטוב נאָר אַ חדר! ער לערנט, בײדע ייִנגלעך זיינע לערנען. און די פרוי זיינע, די קראַנקן־שוועסטער, ווי נאָר זי באַפרייט זיך פון דער קיך נעמט זי זיך אויך צו די לערנביכער. יאָרן לאַנג האָט ער יעדן חודש געהאָלפן סוועטלאַנען מיט וואָס און מיט וויפל ער האָט געקענט. צו אים פלעגט זי פאָרן אויף אורלויב. ביי אים אין נאָוואָסיבירסק האָט זי זיך געפילט ווי אין דער היים.

— ס׳אַר אַ קראַפט האָט ער אין זיך דער אַברהמל? אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. ניט קליגער. אַדרבא... פאַר וואָס זשע בענקט ער נאָך אים און קען אים ניט פאַרגעסן? אויב ער, גריגאָרע מאַרקאָוויטש שאַפּיראָ איז גרייט פאַר עמעצן זיך צו פאַרענטפערן, איז נאָר פאַר אים, פאַר אַברהמלען.

איינער פון זייערע שמועסן: ער, הערשל, האָט דעמאָלט געזאָגט:

— ווען איך טראַכט בכלל וועגן לעבן, דערמאָנט זיך מיר איינע אַ נאַכט אין דער צייט פון דער עוואַקואַציע. געווען אַזאַ נאַכט: אַ גרויסער האַלב־פינצטערער לאַסטוואַגאָן. אין מיטן וואַגאָן אַ טשאַדענדיק אַבזערן אויוועלע. און מענטשן, פרעמדע, קויטיקע, פאַרפרוירענע, שטופּן זיך צום פייער. די פלינקערע האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע פלעצער. פון הינטער זייערע פּלייצעס, איבער זייערע קעפּ, שטרעקן אַנדערע די הענט אויף צו כאַפּן אַ קאַפּעלע וואַרעמקייט. די איבעריקע פרירן.

אָט דאָס איז עס דאָס לעבן. אַ גרויסער, איבערגעלאָדענער וואַגאָן יאָגט אין דער פינצטערער ווײַט. קיינער ווייסט ניט וווהין. קיינער ווייסט ניט צוליב וואָס. דאָס אייוועלע איז צו קליין אַלעמען צו וואַרעמען. מאַכט מען אַ רעוואָלוציע. מען צעטרעט די וואָס זיצן נעענטער צום פייער. אין אימפּעט פון דער רעוואָלוציע מאַכט זיך, מען צעברעכט דאָס אייוועלע. דערנאָך שטעלט מען, מיט גרויס מי, אַן אַנדער אייוועלע, אַ ביסל אַ גרעסערס, און אַנדערע געשיקטע לייט פאַרכאַפּן אַלע וואַרעמע פלעצער. די שפּיל הייבט זיך אָן פון דאָס נײַ. מען פאָרט און מען פאָרט און מען קומט אין ערגעץ ניט.

ווייל סיי ווי סיי — וואָרעמקייט פאַר אַלעמען קלעקט ניט און וועט ניט קלעקן.

אַברהמל האָט דעמאָלט געשפּאַנט היין און צוריק איבערן צימער. די הענט אין די קעשענעס. מען האָט געקענט זען דעם ביטול־שמייכל אַרום זיין מויל. געהייסן האָט עס: נו, יאָ! אַלטע אויסגעדראָשענע פילאָסאָפיע!

— נו, יאָ! — האָט ער געזאָגט, — זאָל שוין זיין דיין משל. כאָטש זייער אַ שוואַכער משל. דער וואָגאָן אונדזערער פאָרט מיט אַ נייעם, ניט אויסגעפאָרשטן וועג. פאַרשיידענע מאַשיניסטן האָבן אים שוין ניט איין מאָל אַראָפּגעפירט פון די רעלסן. פאַרטריבן אין אַ טויטן ווינקל. די טויזנטער אומזיסטיקע קרבנות וועט מען ניט זיי, און ניט אונדז, קיין מאָל ניט מוחל זיין. נאָר ווייטער פאָרן מוז מען! דעם ריכטיקן וועג געפינען מוז מען! און מען וועט אים געפינען. מען וועט אָנקומען! די מענטשהייט מוז אָנקומען! ווי לאַנג, ווי ווייט, און ווי שווער דער וועג זאָל ניט זיין. דערווייל איז אין וואָגאָן נאָך קאַלט. עס פעלט צו מאָל אַפילו לופט. אַלע ווילן נעענטער צום פייער. פאַראַן געגנוג חזירים, וואָס ניט נאָר זיי וואָרעמען הענט און פיס, נאָר זיי צעהענגען נאָך זייערע אָנוטשעס טריקענען. זיי טאָקע באַווייזן מיט טויזנטער ראיות, אַז וואָרעמקייט פאַר אַלעמען וועט קיין מאָל ניט קלעקן. שטופּ זיך! ווער עס קען! קלייב ניט איבער קיין מיטלען! אַבי נעענטער צו דער שיסל!..

— איך, — האָט דעמאָלט אַברהמל געזאָגט, — איך גלייב! איך בין איבערצייגט! איך באַמי זיך עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז באמת וואָרעם וועט מיר זיין, נאָר ווען אַרום מיר וועט אַלעמען זיין וואָרעם און גוט!.. צוליב דעם דאַרף מען אַרבעטן! אַרבעטן כּדי אַלעמען זאָל קלעקן וואָרעמקייט. און דיר אויך בתוכם. יעדע קאַלאָריע פון אָט דער וואָרעמקייט, דאָס איז דיין מתּנה דער וועלט! דיין ירושה!.. דיין אייביקייט!.. אַברהמלס אויגן, ווייט אויפגעמאַכטע, בלויע אויגן, אויגן פון אַ דולן, ניט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ נייער מין למד־וואָווניק!..

געווען אויך אַנדערע שמועסן. דער לעצטער פון זיי — פאַריקן זומער. מען איז געגאַנגען פון אַ שׂימחה. דודל שטערנבערג האָט געפּראַוועט זיין זילבערנע חתונה. מען האָט היפּש אויסגעטרונקען. נאָר אים, הערשלען, האָט זיך געגלוסט — נאָך. האָט ער פאַרשלעפּט אברהמלען צו זיך אַהיים. ס'איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט. זשעניע איז געווען אויפן קוראָרט. האָט

מען פון ס׳ניי אויסגעטרונקען. דער רוח האָט אים דעמאָלט געצויגן ביי דער צונג! ער, אַז ער כאַפּט אַריין אַן איבעריק גלעזל, גלוסט זיך אים רעדן און רעדן און באַרימען זיך.

— ...זיי קענען דען אַרבעטן?! — האָט ער געטענהט. — זיי ווילן דען אַרבעטן?!.. מען זעצט אַוועק אַ יאָלד מיט אַ רויט ביכעלע... צו וואָס טויג ער? — אונטערשרייבן פּאַפּירלעך!.. וואָס ביי „זיי” ווערט צערונען און צעטאָשלעוועט, קען מען דערפון אויפשטעלן וועלטן!.. קומען מיר און נעמען דאָס געשעפט אין אונדזערע הענט. — דו דאַרפסט אַ פּלאַן? — נאַ דיר אַ פּלאַן! נאַ דיר אַנדערהאַלבן פּלענער! — ברעך דעם קאָפּ מיט דיינע פּלענער אין איינעם! ווייטער איז ניט דיין דאגה! איידער עס זאָל צערינען ווערן און צעגאָסן ווערן אַזוי פיל גוטס, זאָלן בעסער מענטשן דערפון הנאה האָבן. זאָלן אַרבעטערס פאַרדינען אַן איבעריקן גראָשן! ווי זאָגט ער, דער דייטש: „לעבן אונד לעבן לאַסען”! גיב! און מען וועט נעמען. דעם דירעקטאָר און די איבעריקע סוואָלאָטשעס, אַלע חודש אַ מתנה בטישקעסטל. קלאַפּ, — און עס וועלן זיך פאַר דיר אויפמאַכן אַלע טירן!..

די שיכּורע צונג האָט ווייטער געפּלאַפּלט:

— אויך מיר אַ לעבן! האָרעווע ווי אַן אייזל, פאַר האַלב אומזיסט. האָסט אַ פריייע מינוט, שטיי אין אָטשערעד! און אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, אַ יאָר נאָך אַ יאָר! ביז ווען? ביז משיח וועט קומען?!.. די אויגן קריכן זיי אַרויס, ווען זיי זעען — אַ ייִד עסט אָפּ אַ זאַטן מיטאָג!.. זיי אויף צו להכעיס וויל איך דווקא לעבן אַ גוטן טאָג, דווקא אַלע יאָר שיקן דאָס ווייב אויף אַ קוראָרט! און ווערן זיי די כּפּרה מיט אַלע זייערע שיינע רייד! ווערן זיי פאַרברענט! אַן אונדזער שאָדן! ס׳איז דאָך ביי זיי סאַמע גנבה! איך גנבע, דו גנבעסט, ער לקחנט... מען שלעפּט פון אַלע זייטן! און דער האָרעפּאַש־נער מענטש, אַזוי ווי ער איז געלעגן נײַן איילן אין דער ערד, אַזוי ליגט ער!..

ער האָט דעמאָלט היפּש איבערגעכאַפּט די מאָס.

אַברהמל האָט די לאַנגע הענט זיינע טיף אַריינגערוקט אין די קעשענעס. ער האָט ניט גערעדט, נאָר געציילט די ווערטער:

— נו, יאָ! האָט ער געזאָגט, — זייער ווייט ביסטו אַוועק גריגאָרע

מאַרקאָוויטש! אַ גנבֿ ביסטו! אַ פּשוטער גנבֿ! אָט ווער דו ביסט! האָסט זיך צוגעטשעפּעט אין אַ פינצטערן ווינקל פון עפּעס אַ קאַרליקצעך. אויסגעשפּרייט דאָרט דיין נעץ און זויגסט און זויגסט! איצט ביסטו שיכּור. נאָר וואָס ביי דעם ניכטערן אויפן האַרצן איז ביי דעם שיכּור אויף דער צונג.

אַ פּאַראַזיט ביסטו! און אַ פּחדן דערצו. דו האָסט מורא פאַר יעדן ערלעכן מענטשן אין גאַס. און וויל דו שעמסט זיך פאַר זיך אַליין, איז דיר ניט גענוג זיין גלאַט אַ גנבֿ. ביסטו אַ גנבֿ מיט אַ טעאָריע. שרייסט דו, און אַזוינע ווי דו — אַלע גנבֿענען!

דו, הערשל מרדכי-לייב דעם שוסטערס, וואָס דעם נאָמען דיינעם האָסטו אַזוי געביטן אַז דיין אייגענער טאַטע וואָלט אים ניט דערקענט. אַלץ צוליב דעם, עס זאָל פון דיר וואָס ווייניקער שמעקן מיט ייִד. דו שרייסט אויף קולי-קולות — מען האָט אונדז פיינט! און סאַראַ גרויסע ליבשאַפט עס האָט זיך אין דיר צעפלאַמט צו דעם פּשוטן, האַרעפּאַשנעם מענטשן!

נאָך דיר, גריגאָרע מאַרקאָוויטש, בענקט די תּפיסה, און אויף דער חבֿרשאַפט אונדזערער שטעלן מיר אַ טאַטשקע! אויס! אַ סוף!..

מיטן פוס, ניט אַרויסנעמענדיק די הענט פון די קעשענעס, האָט ער דעמאָלט אויפגעמאַכט די טיר און איז אַוועקגעגאַנגען.

מיט אים, מיט אַבֿרהמלען פירט ער נאָך אַלץ דעם חשבון. אַ חשבון פון יאָרן. און ניט מיט דעם לעבעדיקן אַבֿרהמלען. נאָר מיט דעם אַבֿרהמלען וואָס זיצט ערגעץ טיף אין אים אַליין, און נאָגט און טאַטשעט ווי אַ וואָרעם...

וויל ווען ניט דער אינעווייניקסטער אַבֿרהמל, וואָלט ער דען געדענקט אַזוי קלאָר יעדער וואָרט פון זייערע געשפּרעכן.

VII

ערגעץ וויַיט האָט דורכגעזשומעט דער ערשטער טראַמוויַ. עס טאָגט. אַ גרינג ווינטעלע הוידעט די פאַרהאַנגען, פאַרטראָגט דעם גערוך פון גרינע בלעטער. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער: אין עק שטאָט גייט אויף די זון. זי האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט. זי ראָסטעט זיך. עס פלאַמען איר די באַקן, אַ רויטע, אַ קיילעכדיקע, אַ צופרידענע... עס ברענען און פינקלען

די קלויסטערשפּיצן אין מאַרק... סאַראַ יום־טובדיקע, מחיהדיקע שײַן!..
אויפן טיש — אַ ווייס טישטעך... עס ברענען שבת־ליכט אין דער מאַמעס מעשענע לײַכטערס... אַ פּנים ס׳איז פרײַטיק צו נאַכטס... עמעצער האָט אים אַרומגענומען. עמעצער קושט אים. קושט אין שטערן, אין די באַקן. וואַרעמע פּרויען־פינגער גלעטן אים די האָר. ער מאַכט אויף די אויגן: זשעניע איז געקומען.

— גרישענקאַ! טײַערער!.. זי וויינט מיט אמתע טרערן.

אים איז ווייטיקלעך גוט פון די גלעטנדיקע, וואַרעמע פינגער, פון די קושן. עס דרייט זיך אים דער קאָפּ פון דעם גערוך אירן. אַ רייצנדיקער גערוך פון פרויען־קערפּער. פאַר וואָס זשע וויינט זי? צי ווייל באַקומענדיק די טעלעגראַמע האָט זי אַ גאַנצן וועג מורא געהאַט אַז ער קען שטאַרבן און זי וועט בלײַבן ביי גאָרניט? צי אפשר דערפאַר וואָס אויף איר אופן האָט זי אים דאָך אַ ביסעלע ליב?..

איצט איז אַרום צען אַ זייגער. עס זײַנען ברייט צעעפנט די פענצטער. די לופט איז פול מיט זשעניעס באַוועגלעכער פיגור. זי ראַמט. הערט מוזיק און זינגט צו ביסלעך אַליין אונטער.

אַ פריילעכער זומערפרי. עס ווילט זיך אויפשטיין, גיין, טון. ס׳איז אים שוין נימאס דאָס ליגן. ער הערט ווי פריילעך עס קנאַקן די וועבשטולן אין צעך. אַלצדינג באַוועגט זיך, אַרבעט, לעבט!..

געקומען אַנאַ ניקאָלאַיעוונאַ. אָפּגעקושט זיך מיט זשעניען. איצט זײַנען בײדע ווייבער פאַרנומען מיט איבערקוקן און אָנמעסטן די געבראַכטע טואַ־לעטן. מען באַטראַכט אַ ניי זומערטעשל וואָס זשעניע האָט געבראַכט. אַזוינע טעשלעך קען מען קריגן סיידן אין מאָסקווע. אין אָדעס איז נאָך זיי געשטאַנען אַן אָטשערעד ביז האַלבער גאַס.

דאָס טעשל איז ווירקלעך שיין. ס׳איז אָן שום ספק געמאַכט פון אָפּפאַל. אַרויסוואַרפן אויפן מאַרק אַ פּאָר טויזנט אַזעלכע טעשלעך, איז ממש אַ גאָלדן געשעפט. אַזעלכע בונט־פאַבריקע אָפּפאַלן פון קינסטלעכן לעדער וואָלט ער געקענט לייכט קריגן. ער הערט שוין מער ניט דעם ווייבערישן געשפּרעך. ער הערט ניט און זעט ניט אַרום זיך גאָרניט. ער טראַכט פון אַ נייעם צעך. ער טראַכט פון אַ נייעם געשעפט: דעם נייעם צעך דאַרף

מען צוטשעפּען צו עפּעס אַ ראַיפּראָמקאָמבינאַט, ניט ווייט פון דער שטאָט. אַ סוף צו די פאַרשאָלטענע דעקן! אויס — געטרייע שותּפים! אַליין איז די נשמה ריין! ער וועט אויסאַרבעטן דאַמענטעשלעך, קאָלירטע זומער־טעשלעך און נאָך עפּעס... דער עיקר איז אָנהייבן. ער זעט בחוש, ווי ער ברענגט זיי צונויף! פון אַלע עקן לאַנד, די נייטיקע מאַשינען. די מאַטעריאַלן. ער האָט שוין לאַנג אַן אויג אויף משה גויכמאַנס זון. אַ פעיִקער יונגער־מאַן, אַן אינזשעניר. ער אַרבעט אויף אַ זאַוואָד. נאָר אויב מען זאָל אים פאַרלייגן אַ פעטן פאַרדינסט...

מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער דעם נייעם צעך. ער זעט די גיריקע מאָרדעס פון קלייטניקעס, איבערפאַרקויפערס, לאָטאָטשניקעס... און געלט זעט ער, גאַנצע פעקלעך צענערלעך און פינפערלעך...

זשעניע קלייבט זיך אין גאַס אַריין. איר געפעלן ניט די רויטע פלעקן אויף זיינע בלייכע באַקן. איר געפעלט ניט דער משונהדיקער גלאַנץ פון זיינע אויגן.

גיי דערצייל איר וואָס ער זעט פאַר זיך אַ צינד!

דער טאָג איז דורך ווי אין חלום. ס'איז שוין ווידער פאַרנאַכט. עס טוט אים ווי דער קאָפּ און עס זשומעט אים אין די אויערן. נאָר דאָס איז אַ פּנים פון אַ סך רעכענען.

ער האָט אין געדאַנק שוין אויסגערעכנט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך נאָר אויסרעכענען. אַ פראַגע נאָר, צי עס וועט אים קלעקן דאָס אייגענע געלט? עס וועט מוזן קלעקן! איצט מעג ער זיך אַ ביסעלע אָפּרוען. ער פאַרמאַכט די אויגן... און ווידער זעט ער דעם נייעם צעך, די נייע פרעסן. זיי שטייען אין צוויי לאַנגע רייען און מאַכן דזשיק, דזשיק, דזשיק, איינער אַן אויטאָמאַט וואַרפט אַרויס פרישע רויטע צענערלעך. די צענערלעך ציִען זיך אַן אויפהער אויף אַ לאַנגן טראַנספּאָרטיאָר. ווייט אין טונקעלן נעפּל שוועבט אין דער לופטן אַ שײַנענדיקע, אַ שמעקנדיקע, זשעניע. זי שמייכלט און רופט אים, רופט מיט די פולבלעכע נאַקעטע הענט, מיט די פריש־צעעפנטע זאַנפטיקע ליפּן... ער פילט אַז ער שלאָפט. ער וויל זיך אויפכאַפּן און קען ניט. און זשעניע רופט און רופט... ניט ער גייט נאָר ער לויפט און עס יאָגן אים נאָך צוויי רייען מרה־שחורהדיקע פרעסן. דזשיק! דזשיק! דזשיק! אָטעמען

זיי אים אין קאַרק... ער מוז אומבאַדינגט אָפרייסן זיך פון זיי און דעריאָגן זשעניען. ער לויפט מיט די לעצטע כּוחות. ער איז נאַס פון שוויס... ער פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט, פאַלט...

ער מאַכט אויף די אויגן, נאָר אים דאַכט זיך אַז ער שלאָפט נאָך אַלץ. ס׳איז שוין אַ פּנים היפּש אין דער נאַכט. די פענצטער זיינען צוגעמאַכט און פאַרצויגן מיט די שווערע גאַרדינען. עס ברענט נאָר איין נאַכטלעמפּל אויפן טיש און אין מיטן צימער שטייען שוין ווידער צעעפנט זשעניעס ביידע טשעמאָדאַנען. זשעניע, גאָר ניט די זשעניע! זי שלעפּט פונעם אָפענעם שראַנק פאַרשיידענע קליידלעך און שטופּט זיי אין די צעעפנטע טשעמאָדאַנען. אים באַמערקט זי אין גאַנצן ניט.

— וואָס איז געשען? — זשעניע!..

זשעניעס אויגן — רויט פון וויינען — קוקן אויף אים מיט ווידערגעפיל. זיי פאַרגייען זיך פון שׂינאה ביים דערציילן:

— דעם שותּף דיינעם האָט מען נאָך נעכטן ביי נאַכט איינגעזעצט. און צוריק מיט אַ פּאָר שעה האָט מען אַרעסטירט אַנאַ ניקאָלאַיעווען. מען האָט איבערגעשריבן ביי איר וווּ אַ מינדסטע זאַך; קליידער, שיך, וועש. מען האָט צוגענומען די אויערינגלעך, דאָס גאָלדענע זייגערל, די דיאַמענטענע בראָשקע, די פינגערלעך פון די פינגער האָט מען איר אַראָפּגענומען!.. וואָס טוט מען!? — זיי קענען דאָך קומען יעדע מינוט!..

— גאָט מיינער! גרישאַ! גרישענקאַ! וואָס איז מיט דיר, גרישאַ?!..

ביי גרישען, גריגאָרי מאַרקאָוויטש שאַפּירא, האָט זיך אויסגעקרימט דאָס מויל. ער וויל ריידן און קען ניט. די צונג איז ווי געליימט. ער קען ניט רירן מיט דער רעכטער האַנט. דער רעכטער פוס איז ווי אָפּגענומען.

...געקומען און אַוועקגעפאָרן די גיכע מעדיצינישע הילף. איבערפירן אים אין שפּיטאָל האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. קיין גרויסע האָפענונג האָבן זיי ניט געגעבן. מיט דער צייט וועט אפשר דער פּאַראַליטש שוואַכער ווערן. אפשר וועט זיך אים אומקערן דאָס לשון. אפשר וועט ער מיט דער צייט אָנהייבן צו ביסלעך רירן מיט דער געליימטער האַנט.

ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. עס שטייען שוין פול געפּאַקט די טשעמאָדאַנעס. נאָר וואָס טוט מען מיט זיי? וווּהין און ווי אַזוי טראָגט מען זיי

אַוועק?! דאָס צירונג; די פינגערלעך, די בראַשקעס, אויערינגלעך, דאָס שנירל פּערל, אַלע זיינע מתּנות האָט זי צוגעבונדן אין אַ זײַדן טיכל צום הוילן לײַב. זי האָפט אַז באַזוכן וועט מען זי ניט. זי איז דאָך אין גאַרניט שולדיק. זי איז דאָך ניט מער ווי זיין צווייט ווייב!

זיי וועלן קומען, וועלן זיי צום אַלעם ערשטן זוכן גאָלד און געלט. זיי ווייסן דאָך ווי רייך ער איז, ווי אָנגעשטאָפּט!

וווּהין זשע האָט ער דאָס אַלץ אַהינגעטון? זי האָט שוין איבערגעזוכט ווו אין אַ ווינקל. אויסגעקלאַפּט די ווענט, דעם דיל, נאָר געפונען האָט זי ניט מער ווי עטלעכע געציילטע טויזנטער.

פּאָר צרות בלייבט זי זיצן אויף איינעם פון די אָנגעפּאַקטע טשעמאָ־דאַנעס. זי זיצט און קוקט אויף איר אומגליק.

ער האַלט אָפן דאָס לינקע אויג. דאָס אויג קוקט איר נאָך, וואָס זי זאָל ניט טון, וווּהין זי זאָל ניט גיין... דאָס אויג לאַכט פון איר!.. פריִער האָט ער געפּרוּווט עפּעס זאָגן. נאָר אַפילו קיין שטאַמלעניש האָט זיך ביי אים ניט באַקומען. איצט שווייגט ער. פון דעם אויסגעקרימטן מויל רינט אַ דין ציווקעלע סלינע — זאָל עס רינען! איר איז דערווידער אַפילו זיך צורירן צו אים. די דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט נעמען אים אין שפּיטאָל. אַזוינעם וועט מען אין טורמע אויך ניט נעמען. זי אַליין וועט זיין ביי אים אַ דינסט, ווער ווייסט וויפל יאָרן! אָט ליגט ער, דער פּאָדלער מענטש! קוקט אויף איר מיטן איינציקן אויג און לאַכט, מאַכט פון איר חוזק!.. ווען זי שעמט זיך ניט פאַר זיך אַליין, וואָלט זי אים אָנגעשפּיגן אין דער אויסגעקרומטער צורה. וואָס האָט זי שוין ניט אויסגעפּרוּווט אין דער דאָזיקער נאַכט: געבעטן אים מיט גוטן, זאָל ער איר זאָגן, זאָל ער איר געבן אַ צייכן, — ווו ליגט דאָס געלט?! זי האָט געגלעט די דערווידערדיקע צורה זיינע, זי האָט געשריגן, אויף וויפל מען קען שרייען, די שכנים זאָלן ניט דערלעבן צו הערן. זי ווייסט דאָך גאַנץ גוט אַז ער הערט און פאַרשטייט יעדעס וואָרט!

דער רוח קען דאָך יעדע מינוט אָנטראָגן די מיליציע. זיי וועלן דאָך אויף געוויס אַלצדינג געפינען! זיי וועלן דאָך צונעמען ביז אַ גראָשן!

ער קען ניט רעדן, זאָל ער אָנשרייבן. אומזיסט האָט זי אים געשטופּט דעם בלייער אין דער לינקער האַנט, אומזיסט געבעטן, אומזיסט געשריגן,

אומזיסט געווײַנט!.. ער קוקט אויף איר מיט דעם פֿאַרשאָלטענעם אײנציק אָפֿענעם אויג און שווײַגט. פֿאַר כּעס האָט זי געכאַפּט איר גרויסן האַנטשפּיגל. זאָל ער זיך אָנקוקן אין שפּיגל! זאָל ער זען וואָס עס איז פֿון אים געוואָרן! דער שפּיגל האָט געציטערט בײַ איר אין דער האַנט. דאָס אויג האָט געקוקט. דאָס אויג האָט אַ פּאָר מאָל אַ פּינטל געטון, אַזוי ווי איבערראַשט. דערנאָך האָט זיך עס אויפֿגעמאַכט, פֿול מיט ביטערן נײַגער. דאָס אויג האָט לאַנג געקוקט אין דעם ציטערנדיקן שפּיגל. דערנאָך האָט זיך עס נאָך אַ מאָל אָפּגעשטעלט אויף איר.

פֿון אויפֿרעגונג, פֿון מידיקייט איז זי, זיצנדיק אויפֿן טשעמאָדאַן, אײַנגעשלאָפֿן. דאָס נאַכטלעמפּל באַלײַכט איר מיט אַ מאָל געעלטערט פּנים. זי שלאָפֿט און כליפּעט פֿונעם שלאָף.

אַלצדינג אַרום שלאָפֿט. אַ שטילקייט! די גאַנצע וועלט שלאָפֿט. נאָר איין אויג איז אָפֿן. קוקט און פֿאַרמאַכט זיך ניט. אַ מענטש לעבט נאָך. וואָס זעט ער?

ניטאָ אַפֿילו קיין טראָפּן חוזק אין זײַן קוק. פּשוט — אַן אויג קוקט. וואָס טראַכט ער? אפֿשר טוט אים נאָך עפּעס באַנג? אפֿשר פֿילט ער אַז אויף קוקן איז אים געבליבן גאָר ווייניק צײַט? אפֿשר זעט ער ווידער לאַנג פֿאַרשווונדענע בילדער פֿון אַ מאָל?..

פֿאַמעלעך הייבט דאָס אויג אָן גלייוערן. פֿאַמעלעך פֿאַרציט עס אַ נעפּל. נאָר איין אויגן־ווינקל בלײַבט הענגען אַ טרער. אַ צו קנאַפּע טרער אויף אַראָפּצורינען.

אַ קליינשטעטלדיקע ליבע און נאָך עפּעס...

I

אין יענע צייטן ווען יעדעליווקע איז נאָך געווען אַ ייִדיש שטעטל, האָט אין איינעם אַ נאָכסוכּות־טאָג זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פּוסטן יעדעליווקער מאַרק אַ פּרעמדער פּאַעטאָן און הינטער אים אַ וואָגן מיט בעטגעוואַנט און מעבל. אויבן אָן אין פּאַעטאָן איז געזעסן אַן עלטערע ייִדענע, אַ בחורל פון אַ יאָר עלף און אַנטקעגן אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק.

ווי תּמיד אין דער צייט, האָט פון אין דער פרי אָן געזיפּט זיך אַ דריבנע רעגנדל. ווי איר פאַרשטייט אַליין, האָבן פון אַלע אַרומיקע קלייטלעך און פענצטער אַרויסגעקוקט נייגעריקע פּנימער.

דערווייל איז פון די קאָזלעס אַראָפּגעשפּרונגען נאָך אַ פּאַסאַזשירקע, וואָס האָט פריִער, פון דער הויך, באַטראַכט די שיטערע בלאָטע און די נייגעריקע מענטשן. זי האָט אויסגעטון דעם נאַסן ברעזענטענעם קאַפּישאָן, אַ טרייסל געטון מיט דעם בלאָנדן קאָפּ וויך געקנייטשטע, לאַנגע האָר און גלאָט אַזוי אַ שמייכל געטון.

גלייבט מיר בנאמנות, כ׳האָב אַליין, מיט מיינע אייגענע אויערן, געהערט דעם טיפן — אַך !.. פון דעם צענדליק קליטניקעס און משרתים וואָס זיינען דערביי געווען. אין מיטן דעם פּאַרמאַראַקעטן, קויטיקן האַרבסטטאָג האָט ווי אויפגעשיינט די זון. דאָס האָט פון דעם נאַסן רעגן־מאַנטל זיך אויסגעשיילט די קומענדיקע העלדין פון אונדזער געשיכטע, די זיבעצן־יאָריקע העניעלע.

באַלד איז פון דער אַפּטייק געקומען צו לויפן די פּראָוויזאָרשע, די מומע סאָניע. דאָס האָט זי אַראָפּגעבראַכט אַהער פון רישפּאַנאָווקע איר משפחה. אַלע אין יעדעליווקע קענען די רויטע פּראָוויזאָרשע סאָניע. זי איז וווּיל און גוט און קלוג און חנעוודיק. זי האָט נאָך אַ סך אַנדערע מעלות, נאָר קיין מזל האָט זי נעבעך ניט.

ווי נאָר זי איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל, צוריק מיט אַ יאָר זעקס, האָט זיך אין איר פאַרליבט זייער אַ ווויילער יונגער־מאַן. עס איז צווישן זיי

געווען אַ הייסער ראָמאַן וואָס האָט זיך געצויגן מיט איבעררייסן גאַנצע פינף יאָר. אין די איבעררייסן האָט מען דעם יונגן־מאַן גערעדט שידוכים און ער פלעגט פאַרן אַנקוקן כּלות. כאָטש געווען איז ער פאַרליבט אין דער פּראָוויזאָרשע און זי אין אים.

וועט איר דאָך פרעגן — וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע, געמישט מיט אַנקוקן פרעמדע כּלות? וועל איך אײַך ענטפערן: דער יונגער־מאַן אונדזערער האָט נעבעך געהאַט דרײַ שוועסטער, ווילע מיידלעך, נאָר אָן אַ גראָשן נדן. מען האָט זיי געדאַרפט חתונה מאַכן און אויף חתונה מאַכן דאַרף מען געלט און געלט איז פאַראַן בײַ די גבירים.

איז דער איינציקער וועג — אויסזוכן פאַר אונדזער יונגן־מאַן אַ רײַכן שידוך מיט אַ פעטן נדן, עס זאָל קלעקן אויף חתונה מאַכן כאָטש די צוויי עלטערע, אַ ביסעלע שוין פאַרזעסענע שוועסטער.

סאָניע האָט ווייטער געאַרבעט בײַ בורשטיינען אין אַפּטייק. די קנייטשן וואָס זענען איר צוגעקומען אַרום די אויגן האָב איך ניט געציילט.

און אַזוי ווי אומגליקן קומען קיין מאָל ניט אַליין, איז בײַ איר געשטאָרבן די עלטערע שוועסטער, די אַלמנה, וואָס האָט געוווינט אין איינעם מיט דער אַלטער מאַמען אין רישפּאַנאָווקע און זי האָט איבערגעלאָזט דרײַ יתומים: צוויי מיידלעך און אַ יונג בחורל. האָט סאָניע באַשלאָסן אַראָפּברענגען די משפּחה צו זיך קיין יעדעליווקע. ערשטנס, די מאַמע זאָל אויף דער עלטער ניט זײַן איינע אַליין. און צווייטנס, ווייס איך ניט, ווײַל ס'איז ניט גרינג צו וויסן וואָס עס טוט זיך בײַ אַ מענטשן אין האַרצן.

געלט אויף צו לעבן פאַר דער מאַמען און פאַר די יתומים, האָט די גאַנצע צײַט געשיקט דער רײַכער עלטערער ברודער פון בראַזיל. ער קלײַבט זיך, די אַלטע מאַמע און די יתומים אַרויסנעמען צו זיך. ער האָט צוגעזאָגט גאָר אין גיכן אַרויסשיקן שיפסקאַרטן און געלט אויף הוצאות. נאָר ניט אַזוי טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. וועט דערווײַל די משפּחה וווינען אין איינעם אין יעדעליווקע. די אַלטע מאַמע וועט פירן דיווירטשאַפט, רבקהלע, די עלטערע פון די מיידלעך, וועט זיך פאַרנעמען מיט איר שנײַדערײַ. סאָניעס באַקאַנטע וואַרטן שוין אויף איר מיט אַרבעט. העניעלע וועט צוהעלפן דער שוועסטער ביז סאָניע וועט איר צוזוכן עפּעס אַ פּאַסיקע, קולטורנע באַשעפטיקונג.

פּיוולען, דעם מיזיניק. האָט סאַניע באַצייטנס פאַרשריבן אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע. נאָר אַזוי ווי דאָס לערגיאָר האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן און עס וועט אים זיין שווער אָנצויאָגן דעם קלאַס, דאַרף מען אים צוזוכן אַ רעפּעטי־טאָר. וועגן דעם האָט סאַניע שוין אויך געזאָרגט. ס'איז דאָ אין שטעטל אַ בחור, שימעלע רופט מען אים, שימעלע דעם זייגער־מאַכערס, שימעלע וועקסלער. ער איז אַ שטיקל רעפּעטיטאָר און נעמט ניט טייער. סאַניע האָט שוין צו אים איבערבאַפוילן. ניט היינט־מאָרגן וועט ער אַריינקומען.

זאָלן מיר אַזוי געזונט זיין, טייערע לייענערס, ווי מיר האָבן שוין געהערט די ערשטע ווערטער וועגן אונדזער קומענדיקן העלד. וועלן מיר טאַקע זיך אַ נעם טון צו אים, צו שימעלע וועקסלער: פּרילינגסצייט דאַרף ער זיך שטעלן צום פּריזיוו. ביזן אָוועקגיין דינען בלייבט אים נאָך אַ יאָר־אַנדער־האַלבן. אויף אים זאָגט דער פּסוק „אַ בחור — אַ דעמב!” דאָס ערשטע וואַרפן זיך אין די אויגן זיינע ווייסע ציגיינערישע ציין, זיין פריילעכער שמייכל, דערנאָך באַמערקט מען ערשט זיינע וואַרעמע, ברוינע אויגן. שימעלע האָט אַ מאָל געלערנט אין גימנאַזיע. אָבער די געשלאָגענע פּרנסה ביי נחום זייגער־מאַכער האָט ניט געקלעקט אויף שכר־לימוד. איז שימעלע פאַרבליבן ביי זיינע פינף קלאַסן און האָט אָנגעהויבן אונטערקנעלן מיט פאַרשטאָפּטע קעפּ, וואָס ניט זיי קענען, ניט זיי ווילן לערנען.

זאָגן אַז אונדזער העלד האָט ליב לייענען ביכער, הייסט גאָרניט געזאָגט. ביכער שלינגט ער! ער גריזשעט זיי ווי נאָר ער האָט אַ פרייע מינוט. און ווייל ער איז בטבע אַן אָפענע נאַטור, ווייל ער די גאַנצע וועלט זאָל וויסן וואָס ער ווייסט און פאַרשטיין דאָס וואָס ער פאַרשטייט און לייענען דאָס וואָס אים געפעלט. און ווייל ער האָט, ווי שכנים זאָגן, „אַ פּיסקעלע אויף שריי־פּעלעך” און קיין שעמעוודיקער איז ער אויך ניט, מעגט איר מיר גלייבן: ער איז בכוח איבערצייגן אַ ליאַדע טעלעגראַפן־סטאָלב, אַבי יענער זאָל אים נאָר קענען אויסהערן.

דאָ וועלן מיר מאַכן אַ קורצן איבעררייס און כ'וועל אייך דערמאָנען אַז אין יענע גוטע צייטן איז געווען אין יעדן שטעטל, און עס האָט געמוזט זיין, אַן אייגענער שטעטלשער משוגענער. ווייל וואָס איז דאָס פאַר אַ שטעטל אָן אַ משוגענעם? אַזוי אויך איז אין יענע צייטן, להבדיל באלף הבדלות,

געווען אין יעדן שטעטל אַן אונטערערדישע, אַ פּאָדפּאָלנע, לינקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַ קאָמסאָמאָל. ווער עס האָט די קאָמסאָמאָלן פּאַרזייט און ווי אַזוי זיי זיינען געוואַקסן ווי קראָפּעווע און וויפל די זשאַנדאַרן און די רומעניש סיגוראַנצאַ האָבן זיך ניט געמיט אויסצורייסן זיי מיט די וואָרצלען, האָט עס זיי געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין יעדעליווקע איז געווען אַ קאָמסאָמאָל און איך מיין אַז איר האָט זיך שוין אָנגעשטויסן — אונדזער שימעלע דעם זייגער־מאַכערס איז געווען אַ קאָמסאָמאָליעץ.

אַ סטודענט, וואָס איז אין איינעם אַ זומער אַהיים געקומען אויף אורלויב, האָט מיט אים איינגעקנעלט אַז דער איינציקער ריכטיקער וועג אויף גליקלעך מאַכן די גאַנצע וועלט, איז איינשטעלן אומעטום די דיקטאַטור פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַזוי ווי עס לערנט לענין, אַזוי ווי די אַלטע מאַרקס און ענגעלס האָבן געהייסן. אַזוי ווי עס פירט זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד.

פון מאַרקסן און ענגעלסן האָט שימעלע עפּעס וואָס אַ נאַש געטון. לעניגען האָט ער געקענט אויפן שפּיץ מעסער. און וואָס עס קומט אין דער אמתן פאַר אין סאָוועטן־לאַנד, וואָס עס קאָכט דאָרטן אין זיין קיך דער „גוטער פעטער יאָסל״ סטאַלין, האָט ער אַוודאי ניט געוווּסט. נאָר דערויף איז מען יונג. די רייכע פאַנטאַזיע אַרבעט... אין ראַטנלאַנד, האָט ער געגלייבט, איז גוט און עס וועט זיין נאָך בעסער: אַ סימן האָט ער, אַלע בורזשויעס האָבן פיינט די סאָוועטן און זיינען גרייט זיי דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער.

דער סטודענט איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן און איבערגעגעבן דעם באַאַרבעטן שימעלען זעליג דעם קרומען.

זעליג דער קרומער איז דער גלאַוונע פּאָדפּאָלשטשיק אין יעדעליווקע. אויף אים האַלט זיך די גאַנצע קאָנספּיראַציע. ער איז אַ בחור אַריבער די שלושים. ער רעדט זייער ווייניק. נאָר שוייגן שווייגט ער מיט אַזוי פיל חכמה, אַז יעדן איינעם איז קלאָר: ניט אומזיסט האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ „קאָפּ אַל סאַטולוי״*

---

* דער עלטסטער פונעם דאָרף.

זעליג דער קרומער קומט אַרויס פון קאַמאַשן־שטעפּערס און אַליין איז ער אויך געוואָרן אַ מאָל אַ קאַמאַשן־שטעפּער. ביז ער, דער הינקענדיקער בן־יחיד, האָט געמאַכט פון זיין טאַטן אַ רייכן לעדערוואַרג־הענדלער און פירט אָן מיט אַלע זיינע געשעפטן. אין די יאָרן ווען קינדער לויפן, שפּילן זיך, שלאָגן זיך, איז זעליג געלעגן אין גיפּס צווישן איין אָפּעראַציע און דער צווייטער און פאַרט געבליבן אַ קאַליקע.

זעליג האָט אומעטום און פון תמיד אָן געוואָלט זיין דער ערשטער. נאָר וואָס פאַר אַן ערשטער קען מען זיין ווען מען הינקט אויף אַ פוס און מען איז ניט מער ווי אַ קאַמאַשן־שטעפּער? די קינאה און די שינאה וואָס ער האָט קליינערהייט געפילט צו די געזונטע און זאַטע גבירישע קינדער איז מיט דער צייט אַריבער אויף זייערע עלטערן — פון זיי — אויף דער וועלט־בורזשואַזיע. וואָס דען האָט געקענט אויסוואַקסן פון אַזאַ איינעם, אויב נישט קיין קאָמוניסט? זיין אייגענע רייכקייט שטערט אים ניט. די אונטערערדישע אַרבעט באַפרידיקט זיין אייגן־ליבע, זיין חשק צו הערשן.

זעליג דער קרומער פאַרט אָפט, צוליב געשעפט, אין די גרויסע שטעט. פאַר איין וועגס האַלט ער דאָרט אונטער די פאַרבינדונג מיטן „צענטער". ער ברענגט פון דאָרט פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל און „אינסטרוקציעס". קורץ גערעדט: אין יעדעליוועקע איז ער, להבדיל באלף־הבדלות, דער קאָמוניס־טישער גאָט. וואָס ער ברענגט — לייענט מען. וואָס ער הייסט — טוט מען.

שימעלען האָט ער צו ערשט באַשטימט פאַר אַ מאַסאָוויק אין דעם האַלב־לעגאַלן קלוב אויף צו ווערבירן דאָרט נייע מיטגלידער. נאָר דאָס איז אים געווען ווייניק, האָט ער אים איבערגעגעבן די „טעכניק". דאָס הייסט, ער האָט געבראַכט אַ שאַפּיראָגראַף און אים אויסגעלערנט איבערדרוקן און פאַרמערן פּראָקלאַמאַציעס. אָפט האָט זיך די פאַרבינדונג מיטן צענטער איבערגעריסן, האָט מען זיך געמוזט פאַרלאָזן אויפן אייגענעם „רעוואָלוציאָנערן חוש" — דאָ האָט שימעלע געקענט פריילאָזן זיין רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס...

נאָר לאָמיר דערוויל איבערלאָזן די „לינקע" און זיך אומקערן צו אונ־דזער העניעלען. העניעלע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. זי איז דערוויל ניט מער ווי אַ לערן־מיידל ביי קאָפּל מאַגאַלניק אין פּאַטאַ־אַטעליע. זי לערנט זיך רעטושירן.

איר ווייסט אַוודאי ניט וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט עס איז אַ מאָל געווען דאָס רעטושירן. דערמאָנט אייך אין דעם אַמאָליקן פאָטאָ־מאַטעריאַל, אין דעם פאַרמבלדיקן פאָטאָ־אַפּאַראַט! מען האָט נעבעך געמוזט זיצן ניט גערירט, ניט געאָטעמט, קוקן וווהין קאָפּל הייסט און וואַרטן ביז ער וועט אָפּציילן דריַ. איז דען אַ וווּנדער וואָס די פּנימער ביי די קלִיענטן זיינען אַרויס מיט אַלערליי פלעקן. די אויגן — בלינד, אָן אַ גלאַנץ. מען האָט געמוזט יעדע פאָטאָגראַפיע גוט אויסלעקן. צומאָלן ווי אַ ברעם און ווו אַן אויג, כּדי דער באַשטעלער זאָל זיך כאָטש דערקענען. פּרנסה איז דערביי געווען בצימצום.

ווו זשע נעמט מען געלט אויף שׂכירות פאַר אַ רעטושירערין? איז טאַקע דער ערשטער געדאַנק קאָפּלס געווען — אָפּזאָגן. נאָר אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און גוט באַטראַכט אונדזער העניעלען, דערזען די רויטע וויינשל־ליפּן, דאָס געטאָקטע נעזעלע, דעם ליכטיקן שמייכל און די חן־גריבעלעך, האָט קאָפּל געמאַכט אַ חשבון וויפל עס וועלן אים צוקומען קלִיענטן, אויב אַזאַ מיידעלע וועט אויפנעמען און אַרויסגעבן די באַשטעלונגען. זי וועט העלפן אַוועקזעצן די קלִיענטן, מיט אירע צאַרטע פינגער וועט זי זיי אויסגלייכן דעם קאָפּ. זיי וועלן קוקן איר אין די אויגן און שמייכלען...

און טאַקע די מויד אַליין. ער וועט זי אָפּפאָטאָגראַפירן אַנפאַס און אין פּראָפיל און אַרויסשטעלן די בילדער אין דער וויטרינע. וועט מען דאָך פון אַלע עקן שטעטל לויפן קוקן. אַי, ווו נעמט מען געלט אויף צו צאָלן? ווער רעדט דען פון צאָלן? ער נעמט אַ לערן־מיידל אויף אַ יאָר צייט. אין אַ יאָר אַרום וועט זי דאָך אַוועקפאָרן צו איר פעטער קיין בראַזיל. און אויב ניט? — האָבן מיר אַ גרויסן גאָט!..

גייט העניעלע יעדן אינדערפרי צו דער אַרבעט.

בעסער וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי אונדזער העלד האָט זיך באַקענט מיט דער העלדין און וואָס ס'איז ווייטער געשען. נאָר וועגן דעם אין נאָענטן קאַפּיטל.

II

ווען העניעלע איז אין אַ פאַרנאַכט געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן דעם רעפּעטיטאָר אין סאַמע ברען פון קנעלן מיט איר פּיוולען. אויף איר „גוט־אָוונט" האָט ער עפּעס אַ ברום געטון און ניט אויפגעהויבן אַפילו די אויגן.

אַוודאי ווילט זיך מיר שרייבן, אַז אומדזערע העלדן, ווי נאָר זיי האָבן איינער דעם אַנדערן דערזען האָט זיך אין זיי צעברענט אַ העליש ליבע־פײַער. כאָטש נעם שטעל דערויף אַ טשײַניק און זיד אויף אַ גלעזל טיי! דער אמת איז אָבער נאָר אין דעם וואָס אָנגעהויבן האָט זיך עס טאַקע פון אַ גלעזל טיי.

די באָבע מינציע האָט אײַנגעלאַדן דעם רעפּעטיטאָר אויף אַ גלעזל טיי מיט אַ ווײַנשל־איינגעמאַכטס. שימעלע האָט דערביי אַרויסגעוויזן זיין טאַלאַנט און זיינע קענטענישן אין דער ייִדישער ליטעראַטור; ציטירט אויסנווייניק אויסצוגן פון שלום־עליכם. פאַר איין וועגס האָט ער זיי איינגעלאַדן אויפן ליטעראַרישן מישפּט וואָס וועט פאָרקומען שבת צו נאַכטס אין „לאָקאַל". ווילט איר דאָך אַוודאי וויסן וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָקאַל? וועמענס לאָקאַל?.. הערט זשע מיט קאָפּ:

אויב אין שטעטל קומען זיך צונויף גאָרדאָניסטן און באַהאַנדלען זייערע גאָרדאָנישע פראַגעס, מאַכן זיי עס אין אַ גרויסן צימער אין צענטער פונעם שטעטל. ביי אָפענע פענצטער. מען זינגט, מען טאַנצט אַ הוראַ... הייסט דאָס צימער ווו מען טרעפט זיך „דער אולם". דאָס זעלבע ביי דעם השומר־הצעיר, ביי די פּועלי־ציון, ביי די רעוויזיאָניסטן. די אַלגעמיינע ציוניסטן, די סאָלידע בעלי־בתים, טרעפן זיך אין דער ציוניסטישער קלויז און אַ מאָל אין דער תּרבות־ביבליאָטעק. ווו זשע זאָלן זיך טרעפן דאָס בינטל לינקע? די שוסטער־געזעלן, די פריקאַשטשיקעס, די שניידער־מיידלעך וואָס זיינען שוין יאָ אָרגאַניזירט און די וואָס מען דאַרף זיי ערשט „אָרגאַניזירן", צווישן וועלכע עס דרייען זיך קאָמסאָמאָלצעס, מאָפּריסטן און גלאַט ייִדישיסטן?

האָבן די „לינקע" אויסגעזוכט אַ הינטערשטיבל, מער חורבה ווי שטוב. קיין בעלנים אויף צו וווינען דאָרט זיינען ניט געווען, האָט זעלדע די זיצערקע פאַרדונגען דאָס שטיבל פאַר אַ שיבוש. עמך שער־און־אייזן האָבן אויסגע־ווײַסט די פאַרשימלטע ווענט, סטאָליער־ייִנגלעך האָבן געבראַכט אַן אַלטן

טיש, און צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע ברעטער לאַנגע בענק, האָט זיך באַקומען אַ „לאָקאַל". אַ טרעפפּונקט וואָס גאָט זאָל היטן די זשאַנדאַרן זאָלן זיך פון אים דערוויסן.

יעדן שבת צו נאַכטס האָט מען אין דעם לאָקאַל אײַנגעאָרדנט אַ ליטע־ראַרישן מישפּט. מען האָט געמישפּט, פאַרשטייט זיך, באַנטשע שוויג און מאָטקע גנב און מנחם־מענדלען און „גאָט פון נקמה" און נאָך און נאָך... די ליטעראַרישע מישפּטים זײַנען געווען זייער פּאָפּולער. זיי פלעגן פאַרקומען ביי פול־געפּאַקטע צימערלעך. דאָ האָט זיך געטראָפן און פאַרמאָסטן דער גאַנצער „צימעס" פון דער שטעטלשער יוגנט.

אין מיטן דער וואָך, אין די שפּעטע האַרבסטיקע־ און ווינטער־אויף־די־נעכט זײַנען אַהין געקומען אײנציקווייז אַנדערע חברה. די לעקציעס, פאָר זייער אָן ענגן קרייז, זײַנען געווען אויף גאַנץ אַנדערע טעמעס. למשל: „ווער האָט צעטיילט די וועלט אויף אָרעם און רייך?", „פון וואַנען נעמט זיך געלט ביי די גבירים?", „צי איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און וועמען דינט ער?", וואָס דאַרף וויסן אַן אַרבעטער, און וואָס דאַרף ער טון כדי אויסצו־בעסערן די אומגערעכטע וועלט?", און נאָך און נאָך אַזוינע הייס־געבאַקענע טעמעס. פון די וואָכיקע לעקציעס האָבן געוווּסט נאָר געציילטע מענטשן.

דאָ, אין דעם ענגן, אַנגערויכערטן און שלעכט שמעקנדיקן לאָקאַל, הערנדיק שימעלעס פלאַמענדיקע רייד, האָט זיך צעוואַרעמט און אָנגעהויבן זידן העניעלעס ערשטע און גרויסע ליבע. מיט שימעלען האָט זיך עס געטראָפן נאָך פריער, ווען ער האָט ביי דער באָבע מינציען געטרונקען די ערשטע גלאָז טיי מיט ווײַנשל־אײַנגעמאַכטס. דער טעם פון ווײַנשל־אײַנגעמאַכטס איז אים נאָך דעם נאָכגעגאַנגען אַ גאַנץ לעבן. עס איז נאָר שווער פעסטצו־שטעלן, צי האָט דער טעם געשטאַמט פון יענער ערשטער גלאָז טיי, צי אפשר האָט זיך דער טעם באַוויזן שפּעטער, ווען ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון העניעלעס פרישע ווײַנשל־רויטע ליפּן.

אין גיכן האָט העניעלע אָנגעהויבן באַזוכן אויך די אינדערוואָכנדיקע לעקציעס. געלייענט האָט זיי שימעלע. און פאַרשטייט זיך, זי איז געווען פולקום אײַנשטימיק מיט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָבן זיך איר געחלומט מאָדנע חלומות און עס האָט זי געצויגן...

און עס האָט זיך איר געגלוסט... מיט איין וואָרט, זי איז געווען פאַרליבט.

שימעלע האָט זי יעדן אָוונט אָפּגעפירט אַהיים. דער שנייִקער ווינטער־וועג איז געווען לאַנג און געפירט איבער פאַרשיידענע גאַסן. נאָר זיי האָבן עס ניט באַמערקט. שימעלע האָט געמאָלט פּערספּעקטיוון פון איבערבויען די וועלט. פון ליבע האָט מען, חס־וחלילה, ניט גערעדט, ניט דערמאָנט אַפילו... נאָר די ליבע האָט אַרויסגעשײַנט פון יעדן בליק, פון יעדן צופעליקן צוריר. זיי האָבן עס געפילט דורךביידע גראָבע ווינטער־מאַנטלען.

שימעלען האָט זיך טאַקע זייער געגלוסט אויסקושן אירע פון פראָסט רויטע בעקעלעך. נאָר מאַלע וואָס עס קען זיך גלוסטן! אַ באַוווסטזיניקער רעוואָלוציאָנער דאַרף געדענקען אַז ער פּילט אויס אַ הייליקע מיסיע פון ווערבירן אַ נייעם מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע און פאַרבייגן אין אַ זייט זיינע פּערזענלעכע גלוסטעניש.

סוף ווינטער איז העניעלע שוין געווען אַ מיטגליד אין אַ נײַ־געשאַפענעם קאָמסאָמאָל־קעמערל. סוף ווינטער איז זי שוין געווען אַן איבערצייגטע, פלאַם־פייערדיקע „לינקע". שטילערהייט האָט זיך איר פּשוט געגלוסט אָנשפאַרן איר קעפּל אויף זיין ברייטער ברוסט און זאָל זיך זיין וואָס עס וויל!..

איר האָט פאַרדראָסן פאַר וואָס שימעלע זעט אין איר נאָר די קאָמסאָמאָלקע. אַ ליאַדע בחור אין לאָקאַל ווערט רויט ווי אַ בוריק, ווי נאָר זי ווענדט זיך צו אים מיט אַ וואָרט. אייניקע פּרווון אַפילו פּרײַ לאָזן די הענט. דערלויב זיי — וועלן זיי קריכן קושן זיך. נאָר איין שימעלע איז קאַלט ווי אײַז. עס אַרט זי און עס פאַרדריסט זי און עס טוט איר וויי. און זי באַשליסט ביי זיך: טאָמער וועט שימעלע פּרווון זי אַרומנעמען, מאַכט זי אים אַ סקאַנדאַל. ווי זשע איז דער דין, אַז ער פּרוווט ניט, דער גולם! ער זעט קיינעם ניט פאַר זיך אויסער זיין „רעוואָלוציע"!

אין קעמערל זיינען זיי פיר מיידלעך און איין יינגל. די הויכע און דאַרע פּעסיע אַרבעט ביי אַ שערער. סימעלע און חוהלע, צוויי שניידער־מיידלעך, געשווירענע חברטעס. ביידע קליינינקע, ביידע קיילעכדיקע. מען רופט זיי די פּאַמפּושקעס. ביידע זיינען זיי פאַרליבט אין זיאַמען, דעם גימנאַזיסט, דעם פינפטן חבר אין קעמערל. ביידע האַלטן ניט פון העניעלען. זי איז טאַקע אַן אָנגעלייענטע און אַ פאַרשטענדיקע און אַ חברישע, נאָר זיי האָבן זי ניט

ליב. פֿאַר זײ איז געגנוג װאָס אַנדערע זײַנען אין איר פֿאַרליבט ביז איבער די אויערן.

דער גימנאַזיסט זיאַמע קופּערשטײן שרײַבט לידער. אַלע זײַנע נײַע רומענישע לידער זײַנען געװידמעט העניעלען. ניט מער, ער האַלט זײ אין בוזעם־קעשענע און שעמט זיך זײ צו װײַזן.

III

דער װינטער האָט אָפּגעװינטערט זײַנס און ס'זײַנען געקומען פֿרײלעכערע צײַטן. די בלאָטע האָט צוגעטריקנט. עס זײַנען שוין אומעטום דאָ סטעזשקעס. עס דערנענטערט זיך דער גרױסער יום־טוב פּסח. װײַבער האָבן אַרױסגע־טראָגן די בעבעכעס, לופֿטערן, װאַשן, שמירן. ייִדן זאָרגן װעגן מצה און הינער און אײער און שמאַלץ. הכּל כּמנהגו נוהג. נאָר ניט דאָס איז די זאָרג פֿון אונדזערע „לינקע". עס דערנענטערט זיך דער ערשטער מײַ, מען דאַרף יום־טובֿן דעם גרױסן פּראָלעטאַרישן יום־טובֿ, און װי אױף צו להכעיס האָט זיך די פֿאַרבינדונג מיטן „צענטער" איבערגעריסן. ניטאָ קײן מאַטעריאַלן! ניטאָ קײן „אינסטרוקציעס". אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע אין שטעטל? — איז ניטאָ מיט װעמען. צונױפֿרופֿן אַ מאַסאָװקע אין װאַלד? — איז אין װאַלד נאָך פֿײכט. און װער װעט קומען אױף דער מאַסאָװקע? די זעלבע פּאָר צענדליק „לינקע". דערבײַ װעט זיך אַנטבלױזן די גאַנצע „קאָנספּיראַציע". האָט דער „קאָמיטעט" באַשלאָסן אַרױסלאָזן, לכּבֿוד יום־טובֿ, אַן אײגענע פֿלאַם־פֿײַערדיקע פּראָקלאַמאַציע. פֿאַרשטײט זיך, אױף רומעניש.

אָנשרײַבן די פּראָקלאַמאַציע װעט שימעלע און אָפּדרוקן זי אױפֿן שאַ־פּיראָגראַף — װעט װידער שימעלע. די פּראָקלאַמאַציע װעלן פֿאַרשפּרײטן די קאָמסאָמאָלצעס. זײ װעלן אױך אױפֿהענגען די רױטע פֿאָנען מיט די לאָזונגען.

װאָס זשע װעלן דערױף זאָגן די זשאַנדאַרמען? ערבֿ דעם ערשטן מײַ שלאָפֿן זײ ניט. זײ נישטערן און היטן, די „לינקע" זאָלן ניט אױפֿהײבן דעם קאָפּ. װעט מען צעהענגען די פֿאָנען און פֿאַרשפּרײטן די פֿלוגבלעטלעך מיט צװײ נעכט פֿריִער און מען װעט אַרױסשטעלן די זשאַנדאַרמען אַ פֿײַג. זאָל

די וועלט־בורזשואַזיע זען אַז עס דרימלט ניט דער „רעוואָלוציאָנערער" גייסט פונעם יעדעליוועקער פּראָלעטאַריאַט!

די פּראָקלאַמאַציע האָט שוין שימעלע אָנגעשריבן און זעליג דער קרומער האָט זי באַשטעטיקט. נאָר די אויפשריפטן אויף די פאָנען באַקומען זיך ביי שימעלען קרום. ווערט ער דאָס מאָל נעמען העניעלען פאַר אַ העלפערין. העניעלע האָט אַ שיינע האַנטשריפט און מאָלט אויסגעצייכנט. אַנומלטן, אויף אַ זיצונג פונעם קעמערל, האָט זי אויסגעמאָלט זיאַמען ווי ער זיצט מיט אַן אָפן מויל. האָט זיך באַקומען אַ לעבעדיקער זיאַמע מיט אַלע פּיטשעווקעס. דאָס בלעטל מיטן פּאָרטרעט טראָגט זיאַמע אין איינעם מיט זיינע בעסטע סאָנעטן. זיאַמע גלייבט: העניעלע וועט מיט דער צייט זיין אַ באַרימטע מאָלערין. ער וועט דאָך באַשטימט זיין אַ באַרימטער פּאָעט. זאָגט אַליין, צי זיינען זיי ניט אַ פּאָרל פון גאָט!

און עס איז געקומען די נאַכט. שימעלע מיט העניעלען האָבן זיך פאַר־מאַכט אין דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, ביי שניקע שמיסער אין הינטער־שטיבל. העניעלע האָט מיט איר פּערלשריפט איבערגעשריבן און שימעלע האָט אָפּגעדרוקט דעם פלאַם־פייערדיקן אויפרוף צו אַלע אַרבעטערס און פויערים. און העניעלע האָט געמאָלט מיט ווייסע פאַרב גרויסע געטאָקטע אותיות אויף די רויטע פאָנען. און ווען מען האָט די פאָנען אויסגעשפּרייט טריקענען אויפן ערדענעם דיל, האָט דאָס קליינע צימערל ביי דער שײַן פון דעם פינפער קעראָסין־לעמפּל, באַקומען אַזאַ יום־טובדיקן אויסזען, און העניעלע האָט אַזוי געשיינט, אַז שימעלעס האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן און ער האָט זי אַרומגענומען מיט די נאָך פאַרשמירטע הענט פון דרוקן, און געגנו־מען זי קושן. העניעלען האָט זיך פאַרדרייט דאָס קעפּל.

פרעגט מיך בחרם — ווו האָט זי זיך אויסגעלערנט קושן? סך־הכּל, פאַר אירע זיבעצן מיט אַ האַלבן יאָר, האָט זי זיך נאָר איין און איינציק מאָל געלאָזט קושן פון אַ גימנאַזיסט. זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופצן. פונעם גימנאַזיסט האָט געשטונקען מיט פאַרלעגערטן רויך. ער האָט געהאַט פּייכטע סלינעדיקע ליפּן. זי האָט דעמאָלט געטראַכט: אַלצדינג וואָס מען שרייבט אין די ביכער וועגן ליבע, איז ליגן שווא־ושקר!

געענדיקט דאָס לאַנגע קושן זיך האָט מען ערשט דאַן ווען אין לעמפּל

איז אויסגעגאַנגען דער קעראָסין. די נאַכט איז אַדורך, און עס האָט שוין געהאַלטן ביים טאָגן.

די באָבע האָט געעפנט העניעלען די טיר. זי האָט גאָרניט געפרעגט. רבקהלע, וואָס איז די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, און שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן, האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק... נישקשה, מאָרגן, אם־ירצה־השם, וועט זי אַלץ דערציילן דער מומע סאָניען. זי וועט איר שוין צושטעלן יענץ בענקעלע!..

העניעלע האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן די זאָקן. זי איז אַרויס פונעם קליידל און דער יום־טובדיקער שמיכל איז נאָך אַלץ ניט אַראָפּ פון איר פאַרפלאַמטן פּנים. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קילבלעכן בעטגעוואַנט און דאָ ערשט איז איר איינגעפאַלן: אַ גאַנצע נאַכט איז מען געזעסן אַזוי ענג אַרומגענומען! אַזוי הייס זיך געקושט! און ניט געזאָגט איינס דעם אַנדערן קיין איין איינציק וואָרט!?.. זי האָט געפרווווט אַ טראַכט טון דערפון, נאָר עס האָבן זיך איר פאַרמאַכט די אויגן און זי איז איינגעשלאָפן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן, לויט אַלע געזעצן פון ליבע, ווי עס ווערט באַשריבן אין די ליבע־ראָמאַנען.

און עס איז אָנגעקומען די נאַכט פון דער „אַקציע". אַלע קאָמסאָמאָל־גרופּעס זיינען אַרויס צו דער צייט. פּעסיע די לאַנגע און העניעלע מיט זיאַמען האָבן זיך געלאָזט גיך מיט דעם וועג וואָס פירט אַרויס פון דער שטאָט. זיי האָבן אָפּגעציילט ביי אַ פופציק טעלעפאָן־סטאָלבעס און אויפגעהאַנגען די ערשטע פאָן. צוגעשפּיליעט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע.

דאַכט זיך: וואָס איז די קונסט, צושפּיליען אַ בלעטל פּאַפּיר צו אַ הילצערנעם סטאָלב? נאָר דאָס בלעטל וויל זיך ניט האַלטן. די קנאָפּקעס שפּיליען זיך ניט, און די הענט ציטערן. די אויערן זיינען אָנגעשפּיצט און די אויגן אָנגעשטרענגט, כאָטש די נאַכט איז אַ כמאַרנע און די שטילקייט אַ געדיכטע. נאָר אין גיכן האָבן זיך די הענט באַרויִקט און די הערצער אויך. די אַרבעט איז אַוועק ווי אַ מיזמור. פּאַרויס, ווי אַ שומר, האָט געשפּאַנט פּעסיע די לאַנגע. נאָך איר האָבן זיאַמע מיט העניעלען געטון די בייטיקע אַרבעט.

די לעצטע פאָן, די גרעסטע, האָט מען, מיט אַ סך קנאָפּקעס, צוגע־

שפּיליעט צו דער ברייטער דעמבבענער טיר פון דער פּרימאַריע.* פון ביידע זייטן פון דער פאָן האָבן זיי צוגעשפּיליעט צוויי ווייסע פּראָקלאַמאַציעס און העכסט צופרידן פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט האָבן זיי זיך שוין געקליבן אַהיים. ס'איז שוין טאַקע געווען גאַנץ שפּעט. זיינען אָבער ביי זיאַמען געבליבן צוויי ניט־אויפגעהאַנגענע פּראָקלאַמאַציעס. האָבן זיי באַשלאָסן אויפקלעפּן זיי ביי די בורזשויען אויף די טירן.

די ערשטע האָבן זיי צוגעשפּיליעט אויפן באַלקאָן פון די צימערמאַנס, די בעלי־בתּים פון דער מיל, און די צווייטע איז געבליבן צושפּיליען אויף דער טיר פון געגנדלערס גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט. ווי איז אָבער דער דיק, אַז די טיר איז אַן אייזערנע און קיין שום קנאָפּקעס נעמען זי ניט? האָבן זיי די לעצטע פּראָקלאַמאַציע צוגעשפּיליעט צו דעם גרינעם לאָדן פון זיין שלאָפצימער. מען איז אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר טריט און מען האָט זיך געליובעט מיט דעם ווייסן פלעק אויף דעם טונקעלן לאָדן. מען איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע. עס האָט זיך געגלוסט נאָך עפּעס אויפטון. ביי זיאַמען אין קאָפּ זיינען שוין רייף געוואָרן די ערשטע שורות פון אַ נייער העלדישער פּאָעמע. איז מען אַוועק אַהיים אין אַ געהויבענער שטימונג. מען איז אַריין אין די בעטן און מען איז אײַנגעשלאָפן מיט אַ שלאָף פון מענטשן וואָס ווייסן די אייגענע ווערט.

IV

פּאָר טאָג האָבן זיך אויפן טראַקט באַוויזן די ערשטע פורלעד. גריגאָרע פּעדוקיע האָט געפירט פון דער באַן אַ שווער געלאָדענעם וואָגן מיט פעסער בוימל. דעם ערשטן סטאָלב מיט דער אויפגעהאָנגענער פאָן און צוגעשפּיליע־טער פּראָקלאַמאַציע האָט ער ניט באַמערקט. נאָר ביי דעם צווייטן סטאָלב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער איז נאָכגעגאַנגען צו פוס, באַרג־אַרויף, נאָך דעם שווערן וואָגן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט, דאַכט זיך, נאָך פריִער געזען אַ ווייסן פלעק אויף יענעם סטאָלב, און דאָס מוז זיין עפּעס אַ נייער

---

* שטאָטראַט.

באַפעל פון דער מאַכט. לייענען קען ער קוים־קוים. נאָר ער האָט זיך ניט געפוילט, אַקוראַט אַרויסגענומען די קנאַפּקעס, זיי וועלן צו ניץ קומען דעם איינִיקל, איוואַסקען. ער האָט אַ טאָפּ געטון דאָס פּאַפּיר — פּיין, דין פּאַפּיר. גוט אויף צו פאַרדרייען אַ מאַכאָרקע־ציגייער. ער האָט דאָס פּאַפּיר צונויפגע־לייגט און פאַרשטעקט אין דער כאָליעווע, ער וועט עס ווייזן שכנים שמִיסער, וועט עס אים שכֵנים איבערלייענען. באַלד האָט ער אויפן נאַקעטן סטאָלב דערזען אַ צווייט און ווייטער — אַ דריט בלעטל. מיטן וועג האָט ער צונויפ־גענומען ניט ווייניקער ווי אַ טוץ. עס האָט זיך געענדיקט דער באַרג־אַרויף. פונעם לעצטן האָט ער טאַקע אָפּגעריסן אַן אַכטעלע און פאַררייכערט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער פור און געפאָרן זיין וועגס.

די ערשטע רויטע פאָן האָט פאַרנדיק אין שטאָט אַריין באַמערקט מיכאַי אונגוריאַנו. ער האָט באַלד פאַרקערעוועט די בריטשקע צום שעף דע פּאָסט. דאָרט האָט מען זיך ערשט געקליבן אויפשטיין. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע בהלה. די זשאַנדאַרן האָבן זיך אַ לאָז געטון אַראָפּנעמען די פאָנען און צונויפקלויבן די פּראָקלאַמאַציעס. דער שעף דע פּאָסט איז רײַטנדיק אַוועק צו דער פּרימאַריע. דער ערשטער ווער עס האָט פון אים געכאַפּט אין די ציין אַריין איז געווען מיקיטאַ דער סטאַראָזש. ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרשלאָפענעם פון דעם פּרימאַרס בריטשקע, צוגעפירט אים צו דער ברייטער טיר און געטיטשעט אים אין די ציין און אין דער נאָז:

— נאָ! זע ווי דו היטסט! — האָט ער געשריגן — נאָ! קוק וואָס מען האָט דיר דאָ אויפגעהאָנגען!

העניעלע איז אין דער צייט געשמאַק געשלאָפן און ניט געהערט ווי דער שעף דע פּאָסט לייענט אויפן קול איר שיינע אויפשריפט אויף דער גרויסער פאָן.

דער שעף האָט זיך באַלד באַרויִקט. די קאָמוניסטן האָט ער ניט געכאַפּט, נאָר דעם מאַטעריאַל דאַרף מען גיך צונויפנעמען און אַכטונג געבן די זשאַנ־דאַרן אַליין זאָלן עס ניט לייענען.

אַז דאָס האָבן געשריבן און צעהאָנגען זשידאַנעס, אין דעם איז ער געווען זיכער. ער איז געפאָרן איבער די שלאָפנדיקע געסלעך, געקוקט אויף די צוגעמאַכטע לאָדנס, אויף די הילצערנע גאַנעקלעך. ערגעץ דאָ, אין אָט די

שטיבעלעך, באַהאַלטן זיי זיך די פֿאַרשאַלטענע! אַ רוח אין זייער מאַמען!..
— וואָס האָבן זיי צו אים? פֿאַר די בלעטלעך וועט מען דאָך אים עסן לעבעדיקערהייט!..

ביז אין דער פֿרי האָבן די זשאַנדאַרן צונויפֿגענומען אַלע פֿלוגבלעטלעך, אַראָפּגעריסן אַלע פֿאָנען. נאָר איין פֿלוגבלעטל און איין פֿאָן זיינען געבליבן אויפֿן טראַקט. די פֿאָן און דאָס בלעטל וואָס גריגאָרע פּעדוקיע האָט דורכ־געלאָזט. נאָר פֿאַר נאַכט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און עס האָט אַ גאָס געטון אַ שטאַרקער רעגן. דער ווינט האָט אָפּגעריסן די פֿאָן און זי פֿאַרטראָגן אין אַ ווייטן יאַר. דער רעגן האָט צעשווענקט די אותיות פֿונעם פֿלוגבלעטל — ניט צום לייענען.

ביי די צימערמאַנס האָט די דינסט פֿאַר טאָג אַראָפּגענומען די „מציאה" און זי אָפּגעטראָגן דעם בעל־הבית. דער אַלטער צימערמאַן, ווי נאָר ער האָט אָנגעטון די ברילן און איבערגעלייענט דאָס טריפֿה־פּסולע קעפּל, האָט ער באַלד געשיקט די דינסט זוכן צי וועט זי ניט געפֿינען נאָך פֿון דער סחורה. דאָס בלעטל האָט ער פֿאַרברענט.. אַכטונג געגעבן עס זאָל דערפֿון גאָרניט בלייבן און אָנגעזאָגט דער דינסט זי זאָל שוויגן. דאָס איינציקע פּראָקלאַמאַציע־בלעטל וואָס האָט זוכה געווען געלייענט צו ווערן, איז געווען די פּראָקלאַמאַציע וואָס חברה האָבן צוגעשפּיליעט צו הערשל גענדלערס לאָדן. דאָס בלעטל האָט, מיט ציטעריקע הענט, אַראָפּגענומען הערשל גענד־לער אַליין, און נאָך פֿאַר טיי־טרינקען איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיין שכן, צו זלמן דעם קאַמאַשן־שטעפּער.

זעליג דעם קרומען האָט ער ניט געטראָפֿן. זעליג דער קרומער האָט ניט קיין טבע צו זיצן אין דער היים ערב די רויטע ימים־טובים. זעליג דער קרומער איז נאָך אייערנעכטן אַוועק צו דער באַן און פֿון דאָרט קיין טשער־נאָוויץ. אַז מען זאָגט — געשעפֿטן!.. דער טאַטע זיינער ווייסט ניט פֿון גאָרניט צו זאָגן. „וואָס האָבן די רויטע צו אים?! — טענהט הערשל — וואָס האָט ער זיי אַזעלכעס געטון? — זאָל זיך רב זלמן ניט קרימען. די גאַנצע שטאָט ווייסט וועמענס קאָפּ עס שטעקט דערביי! ווער ס'איז, ביי די רויטע, דער רעדל־פֿירער! הערשל איז אַ ייִד. ער וועט חלילה קיינעם ניט מסרן. נאָר אַלצדינג האָט אַ מאָס!"

איז פֿון אַט דער איינציקער פּראָקלאַמאַציע און פֿון ניקיטע דעם סטאַ־ראָזשס צעקלאַפּטער נאָז האָט מען זיך אין שטעטל דערוווּסט: די „לינקע", זיי שווייגן ניט, זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע און אויפֿגעהאָנגען אויף דער פּרימאַריע אַ רויטע פֿאָן.

די פּראָקלאַמאַציע האָבן אייגנטלעך געלייענט נאָר די וואָס האָבן זי געשריבן און געדרוקט. די פֿאַרשפּרייטערס האָבן קיין צייט ניט געהאַט זי צו לייענען. זיי האָבן איר געגלייבט אויפֿן וואָרט. פּראַקטישע נוץ האָט פֿון איר געהאַט נאָר דער אַלטער גריגאָרע פּעדוקיע. ער האָט די בלעטלעך צעשניטן אויף פּערטעלעך און אַכטעלעך און געהאַט אויף אַ לאַנגער צייט צו רייכערן.

שימעלע איז גאַנץ פֿרי אַרומגעגאַנגען אַלע קענצייכנס און געוווּסט אַז די אַקציע איז דורך בשלום. נאָר באַרויִקט האָט ער זיך ערשט ווען ער האָט געזען ווי העניעלע גייט צו דער אַרבעט.

V

ביי קיינעם לויפֿט ניט די צייט אַזוי גיך ווי ביי פֿאַרליבטע. ערשט נעכטן האָבן זיך צעכוואַליעט די גרינע ווייצן. ערשט נעכטן האָבן זיך צעבליט די אַקאַציעס. ס׳איז געקומען און אַוועק דער ליבער יום־טוב שבועות. און דאָ און דאָרט שניידט מען שוין די תבואות. עס פֿאַלן שוין איינציקע, פֿאַר דער צייט געל געוואָרענע בלעטער. עס פֿאָרן שוין מיט דער פּאָסט די שיפֿסקאַרטן. די מומע סאָניע האָט שוין באַשטעלט פּאַספּאָרטן... און שימעלע קען זיך קיין אָרט ניט געפֿינען.

וואָס טוט מען? נעמען העניעלען און אַוועקפֿאָרן מיט איר קיין בוקאַ־רעשט? — לאָמיר זאָגן, דער קאָמסאָמאָל וועט זיי אָפּלאָזן. לאָמיר האָפֿן אַז ער וועט אין בוקאַרעשט קריגן אַרבעט. די באָבע מינציע מיט די קינדער וועלן אַוועקפֿאָרן און העניעלע וועט בלייבן. הינט־מאָרגן מוז ער דאָך גיין אויף צוויי יאָר דינען אין דער רומענישער אַרמיי — וואָס וועט זיין מיט העניעלען? אויף וועמענס באַראָט וועט ער זי איבערלאָזן? — מיט איר האָט ער נאָך דערפֿון ניט גערעדט. ער האָט איר נאָך גאָרניט געזאָגט. צו וואָס

זאָגן? מען ברויכט דען ווערטער? עס רעדן די אויגן. עס שמועסן די ליפּן.

העניעלע בליט! זי לעבט ווי אין חלום און וויל דער חלום זאָל זיך איר קיין מאָל ניט ענדיקן. זי טראַכט אין דער פרי פון דער פאַרנאַכטיקער באַגעגעניש. און גייענדיק שלאָפן אײַלט זי דעם מאָרגנדיקן טאָג, די מאָרגנ־דיקע באַגעגעניש.

רבקהלע האָט זי שוין לאַנג און ניט איין מאָל פאַרקלאָגט פאַר דער מומע סאָניען. זיי האָבן זיך, אין איינעם מיט דער באָבע מינציע, שוין גענוג אָנגעשושקעט. — וואָס קען מען טון? דאָס קינד איז פאַרליבט.

סאָניען לאָזט ניט דאָס האַרץ אַריינמישן זיך. זאָל העניעלען ניט פאַר־שטערט זיין איר ערשטער לעבנס־פרילינג. איר ערשטע ליבע. דיה לצרה בשעתה! עס וועט קומען די צייט פון פאָרן, וועט זי פאָרן. מיט דער צייט וועט זי פאַרגעסן. עס וועלן נאָך זיין ביי איר אַ סך פרילינגען און ניט ווייניק ליבעס.

וַיְהִי, און עס איז געווען, אין אַ שיינעם טאָג האָט זעליג דער קרומער באַגעגנט אונדזער העניעלען אין גאַס. דאָס הייסט באַגעגנט האָט ער זי שוין ניט איין מאָל. און געוווסט אַז זי איז אַ שיין מיידל האָט ער אויך. נאָר דאָס מאָל האָט ער אַ קוק געטון אויף איר מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. עס האָט אים אַ ברי געטון אונטערן לעפעלע. ס'האָט אים אַ צי געטון ווי מיט אַ מאַגנעט. ער האָט פאַרגעסן אין זיינע אַריבער שלושים יאָרן און אַ גלוסטעניש האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרצן.

אין לעבן וועסטו האָבן אַזוי פיל פאַרגעניגנס וויפל דיין שׂכל וועט דיר קלעקן צו געפינען. לעב! כּל־זמן עס לעבט זיך! ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער אַרויסגערופן שימעלען און באַשטימט דורך אים אַ באַגעגעניש מיט דער קאָמסאָמאָלקע העניעלע גרינבלאַט. ער האָט פאַר איר אַ ספּעציעלע אויפ־גאַבע. האָט העניעלע צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיטן „גאָט” פון די „לינקע”.

זעליק האָט איר איינגעאָרדנט אַ פאָרמעלע אויספאָרשונג. ווער זיינען געווען אירע עלטערן און מיט וואָס האָבן זיי זיך באַשעפטיקט. און וווהין קלייבט זיך איר משפחה פאָרן. ווי געפעלט איר די אַרבעט אין איר קעמערל, און נאָך אַנדערע ניט נייטיקע פראַגעס. ער האָט זי אָפּגעהאַלטן ביז שפּעט

אויף דער נאַכט, און וויפל זי האָט ניט געטראַכט, האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין צוליב וואָס אייגנטלעך האָט מען זי אַרויסגערופן און וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט וויל מען איר פאַרטרויען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זעליג געקומען אין אַטעליע פאָטאָגראַפירן זיך. זי האָט אים אַוועקגעזעצט און באַלויכטן. דערביי האָט זי באַטראַכט זיינע עקשנותדיקע קינבאַקן, זיין הויכן שטערן, וואָס האָט ניט געשטימט מיט די טיף זיצנדיקע גרינע חוזק־אייגעלעך און דעם פעטלעכן באַלעק פון זיינע פליישיקע ליפּן. עס איז איר געווען אומאָנגענעם זיין אומאויפהער־לעכער נאָכקוקן יעדן שפּאַן אירן. איר האָט זיך געדאַכט — אַזוי קוקט אַ פּעטע קאַץ אויף אַ פייגעלע וואָס זיצט נאָך דערווייל אין שטייגל. נאָר פריִער אָדער שפּעטער וועט זי עס אויפעסן... אויסנוצנדיק אַ מינוט ווען דער בעל־הבית איז אַרויסגעאַנגען האָט זעליג איר באַשטימט אַ ניַיע באַגעגעניש. דאָס מאָל ביי זיך אין דער היים. ניַין אַ זייגער אין אָונט. דאָרט וועט ער איר זאָגן וואָס מען דערוואַרט פון איר. זי וועט אויך קענען הערן מוזיק. ער האָט ניט לאַנג געקויפט אַ דייטשישן ראַדיאָ־אויפנעמער.

דאָס מאָל איז העניעלע גערן געגאַנגען אויף דער באַגעגעניש. זי איז געווען נייגעריק צו זען די וווינונג פון דער יעדעליוקער באַרימטקייט און פאַר איין וועגס טאַקע הערן אויסלענדישע ראַדיאָ.

די טיר האָט מען איר געעפנט פונעם ערשטן שטילן קלאַפּ. אין געראַמען צימער האָט געברענט אַ טישלאָמפּ אונטער אַ טונקעלן אַבאַזשור. חוץ אַ ביכערשראַנק און אַ שרייבטיש איז אין צימער געווען אַ ברייטער און ווייכער דיוואַן אויף וועלכן ער האָט איר פאַרגעלייגט זיצן. ער האָט צוגערוקט אַ קליין טישעלע מיט קאָנפעקטן און שאָקאָלאַד. ער האָט איינגעשלאָסן דעם ראַדיאָ און דאָס האַלב־טונקעלע צימער האָט זיך אָנגעפילט מיט צאַרטער פידל־מוזיק.

ער איז געווען אין אַ ווייס העמדל מיט קורצע אַרבל. פונעם אָפענעם האַלדז האָט אַרויסגעקוקט זיין רויטלעך, האָריק ליַיב. די קורצע אַרבל האָבן נאָך מער אונטערגעציכנט זיינע ברייטביַיניקע, פעסטע הענט. דער שמועס האָט זיך ביי זיי ניט געקלעפּט. דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז. ער האָט איר פאַרגעלייגט זאַמלען מעדיקאַמענטן פאַר דעם „מאַפּר" ביי די עטלעכע

שטעטלשע דאָקטוירים. — די דאָקטוירים באַקומען צוגעשיקט, אומזיסט, קליינע פּראָבעס פון אַלערליי נייע מעדיקאַמענטן, איז אַ יושר מען זאָל מיט די מעדיקאַמענטן היילן די חברים אין דאַפּטאַנאַ.* אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. די מוזיק האָט געשאַפן שטימונג און זעליג האָט זיך גערוקט וואָס אַ מאָל נענטער און נענטער. סע האָט געשמעקט מיט געזונטן, הייסן מענער־קערפּער.

העניעלע האָט שוין פאַרשטאַנען: די געשיכטע מיטן „מאָפּר" איז נאָר אַ פּאַסטקע. דאָס איז זי טאַקע דאָס פייגעלע צו וועלכן עס גנבעט זיך דער פּעטער קאָטער. זי האָט געקוקט אויף זיין האָריקער ברוסט און אַליין ניט געוווּסט וואָס מיט איר קומט פאָר. עס האָט געווירקט אויף איר די נאָענטקייט פון עפּעס אַ מעכטיקן אומבאַוווּסטן. עס האָט זי געהוידעט אויף כוואַליעס פון אומבאַשטימטער דערוואַרטונג. עס איז איר שווער געווען צו רירן זיך פונעם אָרט. זי האָט געפילט ווי זיין פעסטע האַנט הייבט אָן גלעטן איר פּלייצע און די צווייטע האַנט וועט זי באַלד אַרומנעמען. ס'איז איר געווען שרעקלעך, נאָר ס'האָט איר ניט געקלעקט קיין כוח זיך קעגנשטעלן. מיט אַ מאָל האָט די פידל־מוזיק זיך געענדיקט, און אַ מענער־קול האָט אַ רעד געטון אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. פון העניעלען האָט זיך אָפּגעטון דער גאַנצער כישוף. זי האָט זיך אויפגעהויבן, געפונען דעם שאַלטער און אײַנגעשלאָסן דאָס איבערשטע ליכט.

— גוט, — האָט זי געזאָגט, — די אַרבעט מיט די דאָקטוירים נעם איך אויף זיך. די ראָמאַנטיק איז דאָ אַן איבעריקע. — אויף קיין ענטפער האָט זי ניט געוואַרט.

קילנדיק די פאַרפלאַמטע באַקן אונטער דעם פרישן נאַכטיקן ווינטל, האָט זי אַ טראַכט געטון: וואָס וואָלט אַ שטייגער געשען ווען די מוזיק ענדיקט זיך אַ ביסעלע שפּעטער ?..

טייערער לייענער! אַזוי פירט זיך שוין אין אַלע ליבע־געשיכטעס. אויף די העלדן וואַרטן פאַרשיידענע פּרוּוונגען. זיי זיינען אויף אַ שפּאַן פון פאַלן. נאָר מיט גאָטס הילף און דעם שרייבערס גוטן ווילן ענדיקט זיך אַלץ אויפן בעסטן אופן.

* דאַפּטאַנאַ. די צענטראַלע טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין רומעניע.

VI

גרויס איז געווען זעליג דעם קרומענס כּעס: אַ סמאַרקאַטע מיידעלע! אַ פאַרדריפּעטע קאָמסאָמאָלקע זאָל אים אַזוי אָפּווישן די נאָז!.. ער האָט פאַרשטאַנען אַז די שפּיל איז פאַרשפּילט. זיין באַליידיקטע אייגנליבע האָט געפאָדערט נקמה. ער וועט זי אויסשליסן פונעם קאָמסאָמאָל. ער וועט צונויפ־רופן אַן עקסטרע זיצונג פון איר קעמערל. ער אַליין וועט זי באַשולדיקן! און ניט נאָר אויסשליסן, נאָר אָרגאַניזירן אַרום איר אַ באָיקאָט. און זאָל זי וויסן!

אַרגומענטן? — ער וועט זיי שוין צונויפשטעלן די אַרגומענטן. שימעלען וועט ער פאַרמאַכן דאָס מויל. דעם חבר וועקסלער האַלט מען ביים אויפנעמען אין דער פּאַרטיי, און דיסציפּלין איז איר ערשטער אימפּעראַטיוו.

די אומגעריכטע זיצונג פונעם קעמערל אויף צו באַהאַנדלען די פּער־זענלעכע פראַגע פון דער חברטע העניע גרינבלאַט האָט מען צונויפגערופן אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, ווייל עס האָט באַדאַרפט בייזיין אַ חבר פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. קיינער, אַפילו שימעלע, האָט ניט געוווּסט אין וואָס עס האַנדלט זיך. די באַשולדיקונג איז געפאַלן ווי אַן אומגעריכטע באָמבע.

דער באַשולדיקער, דער חבר זעליג אַליין, האָט באַדויערט וואָס אים קומט אויס שניידן פלייש פון אונדזער פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערן לייב. נאָר פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דאָס וואָס עס קלייבט זיך טון העניע גרינבלאַט, איז פאַרראַט פון די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און קען ניט און טאָר ניט בלייבן אומבאַשטראָפט. העניע גרינבלאַט פּעקלט זיך איבער אין לאַגער פון די בורזשויען, צו די רייכע בראַזיליאַנער פעטערס. און זאָל מען ניט זאָגן אַז פאַר איר איז קיין אַנדער וועג ניטאָ. זאָל מען זיך דערמאָנען אין די הונדערטער אַרבעטער־מיידלעך וואָס לאָזן איבער די היימען און פאָרן אַוועק אין די גרויסע שטעט זוכן אַרבעט. ווערן דאָרט פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן, לעבן אויף ברויט מיט וואַסער און דינען דער רעוואָלוציע! העניע גרינבלאַט איז ניט אַזאַ. איר קליינבירגערלעכער אָפּשטאַם לאָזט זי ניט זיך פּראָלעטאַ־ריזירן. זי איז אַ פאַלשע קאָמסאָמאָלקע! אַ פרעמדע אין אונדזערע רייען! דער פּאַרטיי־קאָמיטעט לייגט פאָר מען זאָל זי אויסשליסן און באָיקאָטירן. קיינער, וועמען עס זיינען טייער אונדזערע אידעאַלן, טאָר זיך מיט איר ניט

חברך, ניט באַגעגענען זיך און ניט רעדן! זי איז אַ פרעמדע! זאָל זי גיין!..

שימעלען האָט די רעדע געטראָפן ווי מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין. ער איז ביזן סוף פון דער זיצונג ניט געקומען צו זיך און ניט אָנטייל גענומען אין דער אָפּשטימונג. קעגן דעם אויסשליסן האָט געשטימט נאָר דער שעמעוו־דיקער זיאַמע. אַלע דריַ מיידלעך, צעפּלאָקערט פון זעליג דעם קרומענס רעדע און מעגלעך אויך פון אַנדערע סיבות, האָבן געשטימט פאַר אויסשליסן. און העניעלע, אַ פּאַרווייַנטע, איז צום ערשטן מאָל אַהיים געגאַנגען איינע אַליין.

שימעלע, ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, האָט געשפּאַנט איבער די ביינאַכטיקע געסלעך און אַלץ האָט אין אים געברויזט, פּראָטעסטירט. ער האָט געזען פאַר זיך העניעלעס דערשטוינט פּנים, די לויטערע טרערן אירע. זי האָט נאָר איין מאָל אַ קוק געטון אין זיין זייט און באַלד אַפּגעווענדט די אויגן. מיט גאַרניט אָנגעדייט אַז זי ווייסט — ער איז דאָ. און ער שוויַגט.

און ניט אין דעם גייט עס וואָס מען וועט זי באַיקאָטירן. ביז צו העניעלעס אָפּפאָרן זייַנען געבליבן געציילטע טעג. עס גייט אין דער גרויסער עוולה וואָס מען איז קעגן איר באַגאַנגען. ווי אַזוי האָט ער געקענט שוויַגן הערנדיק זעליג דעם קרומענס פּוסטע פּראַזעאָלאָגיע? ווי אַזוי קען מען דערלאָזן אַזאַ יעזויִטישן צוגאַנג צו מענטשן?! ווי אַזוי קען מען פאָדערן פון אים ער זאָל זיך אונטערוואַרפן אַזאַ פּאַרטיי־דיסציפּלין? אָנשפּיַען זיך אַליין אין פּנים אַריין!

די פיס האָבן אים ניט איין מאָל געבראַכט צו העניעלעס פענצטער. נאָר ווי אַזוי וועט ער קענען אַ קוק טון אין אירע לויטערע אויגן. זי וועט אים קיין מאָל ניט מוחל זיין, זיין קנעכטישע אונטערטעניקייט, זיין קליינמוטיקייט!

אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער האָט זיך אונדזער העלד, שפּעט ביי נאַכט, דערשלעפּט צו זיין בעט און ווי אַלע אָנשטענדיקע העלדן אין אַלע ליבע־געשיכטעס, לאַנג ניט געקענט איַינשלאָפן.

נו, און העניעלע? העניעלען איז גאָר אין גיכן קלאָר געוואָרן די סיבה פון דער פאַרקאָכטער קאַשע. פון הינטער די הויכע פראַזעס האָבן אויף איר אַ קוק געטון זעליג דעם קרומענס זשעדנע אייגעלעך. אמת, זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרשטיין שימעלעס שוויַגן. טרערן האָבן זיך איר

געשטעלט אין די אויגן, ווען די חברטעס אירע האָבן זי פֿאַרראַטן. טרערן האָט ביי איר אַרויסגערופן די ערשטע אָנדייטונג פֿון אַנטוישונג אין דעם וואָס זי האָט דאָס לעצטע יאָר געהאַלטן פֿאַר הייליק, ווי לייכט מען האָט עס אויסגענוצט אויף קליינלעכער פּערזענלעכער נקמה.

און ס'איז אַוועק די נאַכט און ס'איז געקומען אַ נייער טאָג, אַ מילדער, אַ זוניקער, אַ לויטערער. זי איז דעם טאָג צום לעצטן מאָל געגאַנגען צו דער אַרבעט, און פֿאַר נאַכט האָט אויף איר, ביים אַרויסגאַנג, געוואַרט שימעלע.

איין קוק אויף זיין נעבעכדיקן אויסזען האָט איר געזאָגט מער פֿון אַלע זיינע רייד. די פּאַרטיי־דיסציפּלין, זי האָט אים נעכטן צוגעקאָוועט ווי מיט קייטן. ער וועט עס אַזוי ניט איבערלאָזן. ער וועט זיך קיין מאָל דעם... ניט אונטערוואַרפֿן!.. בעט ער ביי איר, זי זאָל אים מוחל זיין, אויב זי קען. זי ווייסט דאָך ווי שטאַרק ער האָט זי ליב. און נאָר די פֿאַרשאָלטענע אומשטענדן נייטן אים ער זאָל זי לאָזן אַוועקפֿאָרן. קיין שום אָקעאַנען וועלן זיי ניט צעשיידן, ווייל זייער גורל איז פֿאַרבונדן אויף אייביק!

ווי ער האָט זיך דאָס צעדרשנט! אויסגעשיט אַלץ וואָס ער האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט זאָגן. און אַזוי ווי אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל און מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן אין גאַס, האָט העניעלע אויפֿן אָרט פֿון אַן ענטפֿער אים פּשוט אַרומגענומען און מיט אַ הייסן קוש איבערגעריסן דעם מבול פֿון זיינע רייד.

פֿרעגט מיך ניט, מיינע טייערע, ווי שפּעט העניעלע איז יענע נאַכט געגאַנגען שלאָפֿן. איך ווייס נאָר אַז געלייגט האָט זי זיך אָן וועטשערע, און עס האָבן זיך איר געחלומט זיסע חלומות. אויף אַלע אונדזערע פֿריינד געזאָגט געוואָרן.

און עס איז געקומען די צייט פֿון אָפּפֿאָרן, פֿון געזעגענען זיך. עס האָבן זיך צונויפֿגענומען שכנים און באַקענטע. די וואָס האָבן מיטגעגעבן בריוו צו די קרובים אין בראַזיל און די וואָס האָבן איבערגעשיקט נאָר גרוסן, און גלאַט מענטשן וואָס האָבן ניט וואָס צו טון און האָבן ליב צו קוקן.

פֿון די „לינקע", די קאָמסאָמאָלצעס, האָט געפֿעלט נאָר איין זיאָמע. אַ סברה, ער האָט אין יענער שעה געהאַלטן אין אַרויסענדיקן זיין נייע פּאָעמע געווידמעט העניעלען. אַלע אַנדערע „לינקע" זיינען געשטאַנען אויף דער

צווייטער זייט גאַס און מקיים געווען די מיצווה־באַיקאַט. איין שימעלע, ווי אַן אייגענער, האָט געהאָלפן אַרויסטראָגן די טשעמאָדאַנען. ער האָט אויפגעזעצט די באָבע מינציע און זיך מיט איר האַרציק צעקושט. ער האָט זיך צעקושט מיט רבקהלען און מיט פּיוולען, זיין געוועזענעם תּלמיד. על־פּי־טעות האָט ער זיך צעקושט מיט דער מומע סאַניען. ביידע זייַנען זיי געווען אַזוי צעראַשט, אַז זיי האָבן אַפילו ניט באַמערקט דאָס אומזיסטיקע קושן זיך. נאָר מיט העניעלען האָט זיך דער קוש ניט באַקומען. צו פיל מענטשן זייַנען געשטאַנען אַרום און צו פיל האָבן זיי געהאַט צו זאָגן איינער דעם אַנדערן.

זי האָט אַ גלעט געטון מיט אירע דינע פינגער זיינע ווייכע האָר: כ׳וועל שרייבן — האָט זי שטיל געזאָגט. כ׳וועל וואַרטן — האָט ער געענטפערט.

דער בעל־עגלה האָט אויפגעהויבן די בייטש, די פערדלעך האָבן אַ שלעפּ געטון דעם פאַעטאָן און ער איז פאַרשוווּנדן אין אַ וואָלקן גרויען שטויב.

און שוין? — דערמיט ענדיקט זיך די גרויסע ליבע?..

טייערע לייענערס! בעסער פרעגט מיך ניט. עס איז מיר אַליין קאַלע־מוטנע אויפן האַרצן. וואַרט אַ ווײַלע. איך וועל איבערכאַפּן דעם אָטעם און אָנשרייבן אַ נאָכוואָרט, וועט איר אַליין אַלצדינג פאַרשטיין.

נאָכוואָרט

דעם ערשטן בריוו האָט העניעלע געשריבן פון האַמבורג. דעם צווייטן פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, נאָר ביידע בריוו זייַנען צו שימעלען ניט דערגאַנגען. די בריוו זייַנען אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון דער רומענישער סיגוראַנצאַ,* וואָס האָט געלייענט און געלאַכט. זיי האָבן נאָר באַדויערט וואָס זיי האָבן באַצייטנס ניט אַרייַנגעזעצט די „זשוליעטאַ" אין איינעם מיט איר „ראָמעאָ"... שימעלע איז געזעסן „אין די הויכע פענצטער" און געהאַט געשוואָלענע הענט און פיס.

---

* רומענישע געהיים־פּאָליציי.

אין דער פּאַרטיי האָט מען אים ניט אויפגענומען. נאָר דאָס האָט נישט געשטערט דער סיגוראַנצאַ זי זאָל רייסן פון אים שטיקער.

נו, און זעליג דער קרומער? זעליג דער קרומער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן, און ווען דער רעש און די אַרעסטן האָבן זיך געענדיקט, איז ער צוגעפאָרן וווהין מען דאַרף און באַצאָלט וועמען מען דאַרף, וויפל מען דאַרף, און האָט זיך אומגעקערט אַהיים — כשר, ריין!

עס זיינען אַוועק יאָרן און יאָרן. עס האָט אָפּגעשׂרפעט די שרעקלעכסטע מלחמה. עס זיינען חרוב און פאַרברענט געוואָרן די בעסאַראַבער ייִדישע שטעטלעך. מען האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון דעם ייִדישן פאָלק, און דער גורל האָט צעוואָרפן די שארית־הפליטה אין אַלע עקן וועלט.

ניט לאַנג האָב איך באַגעגנט שימעלע וועקסלער דאָ, ביי אונדז אין ארץ־ישׂראל, אין דער שטאָט וווּ איך וווין. ער האָט, ווי דער רוב מענטשן פון אונדזער דור, דורכגעמאַכט שיבעה־מדורי־גיהנום. חתונה געהאַט האָט ער ערשט נאָך דער מלחמה. די פרוי זיינע האָט אים געבוירן צוויי זין און אַ טאָכטער — הענעלע. די אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן אים געבראַכט מיט זיך קיין ישׂראל. היינט איז ער אַן אַלמן, אַ פּענסיאָנער.

נו, און הענעלע? הענעלע האָט חתונה געהאַט אין בראַזיל פאַר זייער אַ רייכן מאַן, איינעם אַ פאַבריקאַנט צוקערמאַן. מיט גאַנצע צוועלף יאָר עלטער פון איר. זי האָט אים געבוירן נאָר איין און איינציקן זון. מען רופט אים ניט שימעלע, נאָר סיימאָן. ער איז אַ מיליאָנער.

הענעלע איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. מער האָט זי ניט חתונה געהאַט. זי הייסט שוין לאַנג ניט הענעלע נאָר הענריעטאַ צוקערמאַן, און אין דער רייכער וועלטלעכער דאָמע איז שווער צו דערקענען אונדזער אַמאָליקער הענעלען.

דער זון האָט זי זייער ליב און זאָגט איר אין גאָרניט אָפּ. אויסער דעם איז זי אַליין אויך גענוג רייך. זי האָט ליב אַרומרייזן. זי איז שוין געווען צוויי מאָל אין איראָפּע. זי איז אויסגעפאָרן די פאַראייניקטע שטאַטן, באַזוכט מעקסיקע, אויסטראַליע און יאַפּאַן.

דריי מאָל איז זי געווען אין ישׂראל. נאָך ביי איר ערשטן וויזיט האָט זי געשפּענדעט אַ גרויסע סומע געלט אויף אויסבויען ביי אונדז אין שטאָט אַ

ספּאָרטקלוב אויפן נאָמען פון סײמאָן און הענרי־עטע װעקסלער. ביי יעדן באַזוך פאַרגעסט זי ניט צו שפּענדן נאָך און נאָך...

דער ספּאָרטקלוב אויפן נאָמען פון סײמאָן און הענרי־עטע װעקסלער איז איינער פון די בעסטע און שענסטע אין אונדזער שטאָט.

איך האָב ליב אָפּרוען אין דעם גערטנדל ביי דעם קלוב. איך זיץ דאָרט אָפּט און טראַכט. ניט איין מאָל האָבן מיר זיך דאָרט געטראָפן מיט אונדזער געװעזענעם העלד, מיט שימעלע װעקסלער. ער האָט באַשטימט געלייענט די אויפשריפט איבער דעם אַריינגאַנג: „סײמאָן און הענרי־עטע װעקסלער״, נאָר די פאַמיליע װעקסלער איז אַ געװיינלעכע ייִדישע פאַמיליע. אויף דער װעלט זיינען דאָ אַ סך װעקסלערס.

1982